STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10856

ZIKHROYNES

Aaron Isaac

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן איציקס

אהרן איציקס

זכרונות

לויט דעם יידיש־דייטשן
טעקסט ארויסגעגעבן
פון זלמן רייזען

*

מיטן בילד פון דעם מחבר
און פאקסימילעס
פון זיין כתב־יד.

פאַרלאַג „ברידער לעווין־עפשטיין און שותּפים"
תּרפּ"ב וואַרשע 1922

שער-בלאַט פֿון יוסף זיידענבייטעל
*
אַרויסגעגעבן אין אַ צאָהל פֿון 1000 עקז.
*
געדרוקט אין דער דרוק פֿון פֿאַרלאַג.

הקדמה.

וועגן דעם אומגעהייערן ווערט, וואָס מעמואַרן האָבן פאַר דער געשיכטע פון אַ פאָלק, איז ניט דאָ דער אָרט מאריך צו זיין. באַזונדערס אָבער זיינען זיי וויכטיק אין אַזאַ ליטעראַטור, ווי די ליטעראַטור פון יידישן פאָלק, אין וועלכער אַלדאָס פערזענלעכע טרעט אַזוי עניוותדיק אָפּ דעם אויבנאָן פאַר דעם כּלליש. מיר האָבן ליידער זייער ווייניק אַזעלכע ווערק, וואו ניט די שיקזאַלן פון דעם יידישן כּלל זאָלן זיך אָפּשפּיגלען, נאָר עס זאָל קומען צום וואָרט דער יידישער יחיד מיט אַלע קליינע ליידן און פריידן פון זיין טאָגטעגלעכן לעבן. ערשט אין גאָר די לעצטע יאָרן איז אויך ביי אונז וואַך געוואָרן דער אינטערעס צו דער מעמו-אַרן-ליטעראַטור, וועגן וואָס עס זאָגט עדות דער גרויסער ערפאָלג, וועלכער איז אויסגעפאַלן אויף די פּאָר מעמואַרן-ביכער, וואָס זיינען לעצטנס ערשינען, ווי יחזקאל קאָטיקס „מיינע זכרונות“, ישראל קאַצאָוויטשעס „זעכציק יאָר לעבן“ (ניו-יאָרק) א. אַנד.

אויב אָבער עס הייבן זיך שוין אָן צו ווייזן ביי אונז מע-מואַרן פון דעם נאָך לעבנדיקן דור, קענען מיר ניט דעקן דעם אומאָפּשאַצלעכן שאָדן, וואָס די פאַרגאַנגענע דורות האָבן אונז ניט איבערגעלאָזט אַזעלכע ווערק, וואו עס זאָל ריידן צו אונז ניט דער פאָלקסהיסטאָריקער און פאָלקספירער, ניט דער גאון און דער פאָלקס-מדריך, נאָר דער פשוטער פאָלקסמענטש, דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר. ביי דעם לעבעדיקן אינטערעס אונזערן צו דער פון אונז אָפּגעשיידטער פאַרצייטיקער יידישער וועלט און צום פאַרגאַנגענעם אַמאָליקן יידישן לעבנסשטייגער, ווילט זיך אונז פאַרנעמען די אויף אייביק פאַרקלונגענע שטים פון דעם יידישן בשר-ודם, גאַרן מיר פאַרטרויט צו ווערן מיט דעם איינגעהאַלטע-נעם שמועס פון דעם איינצלנעם, וועלכער זאָל אונז דערציילן פשוט און אָן קונצן, ווי אַזוי עס האָט דורכגעלעבט זיין באַשיידן יידיש לעבן איינער פון אַ סך.

און דעריבער גלייב איך, אַז די זכרונות פון אהרן איציקס, וואָס איך לייג איצט פאָר דעם יידישן לעזער, וועלן ניט זיין איבעריק אין אונזער ליידער נאָך אַזוי אָרעמער מעמואַרן־ליטעראַטור, וועלכע האָט פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער אויפצוווייזן בלויז די באַרימטגעוואָרענע זכרונות פון מרת גליקל האַמיל.

אמת, די דאָזיקע זכרונות ערשיינען ניט צום ערשטן מאָל. שוין אין יאָר 1897 האָט זיי דער שוועדיש־יידישער היסטאָריקער ר. זעליגמאַן פאַרעפנטלעכט. אָבער ראשית איז די שטאָקהאָלמער אויסגאַבע פון אהרן איזאַקס Sielfbiografie אַ גרויס יקר־המציאות. עס איז ממש צום באַוואונדערן, ווי ווייניק די דאָזיקע אויסגאַבע איז באַקאַנט אפילו אין די יידישע וויסנשאַפטלעכע קרייזן, אַחוץ שוועדן, פאַרשטייט זיך; אַלנפאַלס איז מיר אַחוץ אַ קורצן אַרטיקעלע פון י. ציִנבערג אין דער Еврейская Энциклопедія באַנד VIII ניט אויסגעקומען אָנצושטויסן זיך אויף דער מינדסטער נאָטיץ וועגן דעם דאָזיקן זעלטענעם בוך. און צווייטנס האָט אהרן איציקס געשריבן זיין זעלבסטביאָגראַפיע אין אַזאַ טיפן דייטשמעריש, אַז אפילו ווען זעליגמאַן אַליין וואָלט זי אַרויסגעגעבן אין די אָריגינאַל־יידישע אותיות און ניט אין אַ לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, וואָלט זי אויך געקענט זיין צוגענגלעך נאָר פאַר די ענגע קרייזן פון די יידישע היסטאָריקער און עטנאָגראַפן. איציקס זכרונות פאַרדינען אָבער באַקאַנט צו ווערן דעם ברייטערן יידישן עולם. זיי עפענען פאַר אונז ניט נאָר דאָס לעבן פון אַ יידישן מענטשן מיט אָנדערטהאַלבן יאָרהונדערטער צוריק; ריין ליטעראַריש שטעלן זיי פאָר אַ גאָר גרויסן אינטערעס. און באמת וועט זיך דער לעזער איבערצייגן, אַז אהרן איציקס האָט פאַרמאָגט אַ גאַנץ לעבעדיקן שריפטשטעלערישן חוש; זיין אַווטאָביאָגראַפיע לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס און ערטערווייז אפילו מיט שפּאַנונג, און די נאַיִווע תמימות פון דער דאָזיקער גאַנץ מערקווירדיקער פערזענלעכקייט, אָפט דורכגעלויכטן מיט אַן עכטן פאָלקסטימלעכן הומאָר, גיט צו די זכרונות

אַ באַזונדערן חן. איך רייד שוין ניט פון דעם אומגעהייער ווערט־פולן מאַטעריאַל, וואָס די זכרונות פון דעם ערשטן ייד אין שוועדן ברענגען אונז איבער דעם שיקזאַל פון אַ יידישן ישוב אין די טעג פון זיין גרינדונג.

די אָריגינעלע שפּראַך פון אהרן איציקס זכרונות איז ניט קיין יידיש, אַפילו ניט דאָס דייטשע יידיש מיט אָנדערטהאַלבן יאָרהונדערט צוריק. הגם ר. זעליגמאַן אין זיין פאָררעדע איז אַ ביסל מאריך וועגן דעם יידישן דיאַלעקט, אין וועלכן די זכרונות זאָלן זיין געשריבן. ס'איז אַפילו אַ שטיקל וואונדער, ווי אַזוי קומט עס צו אַזאַ פשוטן יידן, ווי אהרן איציקס איז געוועזן, אַזאַ פאַרדייטשט לשון; אפשר האָבן אין דעם מיטגעווירקט זיינע שטענ־דיקע וואַנדערונגען אויפן ישוב און שפּעטער זיינע באַקאַנטשאַפטן מיט די שררות ביים שוועדישן הויף, מיט וועלכע ער פלעגט אין אַ סך פאַלן, ווי ער דערציילט אַליין, ריידן דייטש. אָבער אויך קיין דייטש איז ניט די שפּראַך פון זיינע זכרונות. אַוועקגעקוקט פון די העברעישע ווערטער, וועלכע ער געברויכט דאָ און דאָרט, איז ניט דער וואָרט־סדר, ניט די בייגונג, ניט די רעקציע אין הסכם מיט דער דייטשער גראַמאַטיק. פאַר אַ פילאָלאָג וואָלט עס אפשר זיין אַ גאַנץ דאַנקבאַרע אַרבעט אויסצופאָרשן, וואָס אין זיין שפּראַך איז דיאַלעקטיש דייטש און וואָס איז יידיש. אין דער דאָזיקער פאַריידישטער אויסגאַבע מוז איך דערויף מוותר זיין.

אויב אָבער ביי מיר איז געבליבן ניט צו געבן דעם יידי־שן לעזער די אָריגינאַל־שפּראַך פון אהרן איציקס זכרונות, ווייל זי איז צו וויניק יידיש, האָב איך זיך אָבער באַמיט טריי צו בלייבן ווי וויט מעגלעך דעם פרימיטיוון פאָלקסטימלעכן, ערטערווייז אַפילו אַ ביסל געפלאָנטערטן סטיל זיינעם. אַחוץ די העברעישע ווערטער פון אָריגינאַל, וועלכע איך האָב אַלע איבערגעלאָזט און זיי שפּאַצירט, האָב איך דאָ און דאָרט שפּאַצירט אויך אַ גראַמאַ־טישע פאָרם, וועלכע איז מיר פאָרגעקומען יידיש, און האָב אויך ניט איבערזעצט מאַנכע שטעלן, וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר כאַראַקטעריסטיש. אויף אַזאַ אופן איז מיר, האָף איך, געלונגען, ניט צו פאַרווישן דעם אָריגינעלן קאָלאָריט פון אהרן איציקט שריי־

בן און אויפצוהיטן דעם אויסטערלישן און דאָך אַזוי יידישלעך אינטימען טאָן פון זיין דערציילן.

צום סוף האַלט איך פאַר נייטיק צו ברענגען פאָלגנדיקע שטעלן פון דער הקדמה, וואָס דער אַוטאָר פון דער שטאָקהאָלמער אויסגאַבע פון דער Sjelfbjografi, ר. זעליגמאַן, האָט געשריבן צו דעם בוך:

„אין סוף פון יאָר 1888 האָט דער אונטערגעחתמעטער (ר. זעליגמאַן, ז. ר.) אַרויסגעגעבן צום 100 יאָריקן יובילײ פון דער יידישער זעלבסטהילף און חברה=קדישא=געזעלשאַפט אַ קליינע שריפט איבער דעם ערשטן יידן, וואָס האָט זיך באַזעצט אין שוועדן, אהרן איזאַק, און האָט זי אָפּגעדרוקט אין אַ קליינער צאָל עקזעמפּלאַרן. די מאָנאָגראַפיע האָט זיך דערהויפּט געגרינדעט אויף אהרן איזאַקס זעלבסטביאָגראַפיע, פון וועלכער עס זיינען אַרויסגענומען געוואָרן די וויכטיקסטע און כאַראַקטעריסטישסטע שטריכן. ווי ראַפּסאָדיש די דאָזיקע קליינע שריפט איז ניט געווען, האָט זי דאָך אויפגעוועקט אַ גרויסן אינטערעס צווישן אַ גרויסער צאָל שוועדישע יידן, ניט נאָר יידישע היסטאָריקער און ליטעראַטור=ליבהאָבער. און זייער גיך האָט זיך דערוועקט אַ שטאַרקער פאַרלאַנג צו זען אהרן איזאַקס זעלבסטביאָגראַפיע אָפּגעדרוקט גאַנצערהייט. לויט דער איניציאַטיוו פון ה' לודוויג רובינסאָן דעם עלטערן איז אָפּגעשריבן געוואָרן מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן אַ פולשטענדיקע קאָפּיע פון דער זעלבסטביאָגראַפיע, וועלכע איז געווען געשריבן מיט העברעישע אותיות, און לויט זיין פאָרשלאָג האָט זיך די מיט איניקע יאָר צוריק געגרינדעטע „איזראַעליטישע ליטעראַטור=געזעלשאַפט" אָנגענומען זי אַרויסצוגעבן און צו דרוקן, און אָנצופירן דערמיט האָט זי איבערגעגעבן דעם אונטערגעחתמעטן. צום באַדויערן האָב איך נאָר מיט גרויסע הפסקות געקענט זיך אָפּגעבן דער זאַך, און איך בעט מחילה פאַר אַלע מעגלעכע גרייזן און פעלערן, פאַר וועלכע איך נעם אויף זיך אַליין די שולד.

„אהרן איזאַקס אָריגינאַל=מאַנוסקריפּט געהערט זייַנעם אַ קרוב פון דער ווייבס צד, דעם ה' פאַבריקאַנט קנוט מיכעלסאָן אין

שעבו. דאָס איז אַ בוך אין קוואַרטאָ, געבונדן אין אַ איינפאַכן האַלב פראַנצויזישן באַנד. יעדעס בלאַט איז $19 \frac{3}{4}$ סטמ. לאַנג און 16 סטמ. ברייט. דאָס גראָבע, אָבער זייער גוט קאָנסערווירטע שרייבפּאַפּיר האָט אויף זיך די וואַסערשטעמפּלען פון י. קעסעלס. צוזאַמען מיטן שער־בלאַט אַנטהאַלט די לעבנסבאַשרייבונג 100 זייטן. אַחוצדעם האָט אהרן צום סוף פון זיין בוך אויף $6 \frac{1}{2}$ זייט אויפגעגעבן אַ רשימה פון די ביז צו יענער צייט אויף דעם נייעם יידישן בית־עלמין באַגראָבענע גלויבנס־ברידער זיינע, וועלכע איך האָב ניט געפונען פאַר נייטיק דאָ צו ברענגען.

„אהרן האָט אָנגעהויבן זיין כתב־יד אין 1802 אין עלטער פון 71 יאָר און געענדיקט אים אין 1804. נעמענדיק אין אַכט זיין טיפן עלטער, איז זיין האַנטשריפט צום באַוואונדערן גלייך און שיין, סיי אין די געכתיבהטע אותיות סיי אין קורסיוו, וועגן וואָס עס קענען עדות זאָגען די צוויי בייגעלייגטע פאַקסימלעס *). באַכדעם, ווי די קאָפּיע איז געוואָרן פאַרטיק, איז זי געדרוקט געוואָרן גלייך מיט דעם אָריגינאַל אין זיין גאַנצער פאָרמלאָזיקייט, כדי די באַזונדערס כאַראַקטעריסטישע שטריכן זאָלן דורך וועלכער עס איז באַאַרבעטונג ניט גיין פאַרלוירן. נאָר אַזוי ווי די גאַנצע לעבנסבאַשרייבונג איז אָנגעשריבן אין איין שטיק אָן שום צייכנס, האָט דער אונטערגעחתמעטער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו באַזאָרגן כאָטש די פונקטואַציע־צייכנס, אָן וועלכע מ׳האָט ניט געקענט אויסקומען, אַזוי אַז דער ניט צוגעוויינטער לעזער זאָל ניט אינגאַנצן פאַרפאַלן ווערן אין דער פולשטענדיקער אָפּוועזנקייט פון אָרטאָגראַפיע און פונקטואַציע**). ביי די צווייפלהאַפטיקע פאַלן האָב איך צו פאַרדאַנקען דער ליבנסווערדיקער הילף פון ראַבינער פּראָפ. ג. קליין...״

דעם איבעריקן טייל פון דער הקדמה, אין וועלכער ר׳ זעליגמאַן פּרוווט זיך אָפּשטעלן אויף דער כאַראַקטעריסטיק פון

*) איבערגעדרוקט אויך אין דער דאָזיקער אויסגאַבע.

**) אין דער איבערזעצונג האָב איך די פונקטואַציע מאָדערניזירט און האָב זיך אויך ערלויבט איינצוטיילן דאָס בוך אין קאַפּיטלען. ז. ר.

דער צייט, אין וועלכער עס איז אויסגעקומען צו לעבן אהרן איציקסן, ווי אויך פון דער שפראַך, אין וועלכער די זכרונות זיינען געשריבן, האַלטן מיר פאַר איבעריק צו געבן, ווייל זיינע מיינונגען וועגן דעם זיינען שוין פאַר אונז איצט פאַרעלטערט.

אין דער אויספירונג פון דער אַרבעט האָב איך געהאַט די מיטהילף פון ה׳ אברהם בערקאָוויטש, וועלכער האָט אונטער מיין רעדאַקציע איבערגעזעצט אַ גרויסן טייל פון דעם בוך, און פון פרײלין ביילע זאַקהיים, וועלכע האָט איבערזעצט די אין שוועדיש געשריבענע הקדמה פון ר. זעליגמאַן. איך האַלט פאַר מיין חוב אַרויסצוזאָגן זיי דאָ מיין עפנטלעכן דאַנק.

זלמן רייזען.

ווילנע, כ׳ חשון, תרפ״ב.

ז כ ר ו נ ו ת

זה

הספר כתבתי לדור אחרון לבני בני
עמי כדי שלא אבד זכרי לנצח שאני
אהרן בן כהרר יצחק איצק ז״ל מיסד
מדינת שוועדין כי לפני לא היה יהודי
אחד בעל קיומים בכל מדינת שווידן
מעולם עד שאני באתי לכאן ומצא
חן בעיני אדונינו המלך החסיד הגדול
גוסטאף השלישי ירום הודו ויתנשא
עד למעלה וגם בכל שריו ועבדו מצאתי
חן כאשר עיניכם תחזנה משרים ובבא
לציון גואל אמן

פאַקסימילע פון דער העברעישער הקדמה פון אהרן איציקס

א

איך אהרן, דער זון פון יצחק אייזיק ז״ל, בין געבוירן אין טרייענבריצן, ח׳ פרסות ווייט פון בערלין, אין דער פראָווינץ בראַנדנבורג. לא איש דברי אנכי בלשון הקודש — איך בין אין דער ריין העברעיִשער שפּראַך ניט מעכטיק, דערום שרייב איך אין דער אומגאַנגסשפּראַך. מחמת איך האָב ליידער קיין קינדער ניט, דעריבער זאָל דאָס דאָזיקע לאחר מתי זיין אַן אָנדענקען צו מיין משפחה. איך האָב דערלעבט — איין און זיבעציק יאָר בין איך אַלט געוואָרן דעם 5=טן תשרי ה׳תקס״ב נאָך דער וועלט=באַשאַפונג. מיין פאָטער, עליו השלום, איז געוועזן אַ תקיפער מאַן, אַז ער איז אָבער אַלט געוואָרן 60 יאָר, האָט ער ליידער באַקומען אַזאַ פלוס און איז געוואָרן אַזוי אָפּגעשלאַפט, אַז ער האָט ליידער געמוזט בלייבן צום בעט און האָט ניט געקענט פאָרן אויף די ירידן. ער האָט געהאַט אַ שיינעם לאַגער סחורה, פון אַלע סאָרטער, וואָס מען דאַרף צו האָבן אין אַ בודע. ער איז געוועזן דער איינציקער בעל=קיומים. מחמת ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאָרן איינצוקויפן סחורות, איז די בודע וואָס אַמאָל געוואָרן קלענער. דאָס איז געגאַנגען כסדר פון איין יאָר צום אַנדערן. אומגעפער צוויי יאָר פאַר זיין טויט האָט ער גערעדט מיט מיין עלטסטן ברודער אברהם: „דו ביסט אַ דערוואַקסענער בחור און זעסט אַלע טאָג, אַז די בודע ווערט ליידיקער, מען האָט לכל=הפחות געמוזט צוקויפן כאָטש פון די סחורות, וואָס ווערען טעגלעך געפאָדערט, זאָנסטען וועלן מיר מוזן שטאַרבן פאַר הונגער. איך בין קיין מענטשן אין דער וועלט וואָס שול=

דיק, אָבער דו וועסט מסתמא פרעגן: מיר האָבן ניט קיין געלט, וואו קענען מיר קויפן?

„גיי אַריבער צו אונזער מלווה, הער ניכעלמאַן, גריס איהם פון מיר, דער דאָזיקער מלווה, ווען איך האָב געררייזט אויף אַ מ ע ס קיין לייפציג אָדער קיין פראַנקפורט און האָב נייטיק גע־האַט געלט, פלעגט ער מיר געבן 1500 רייכסטאַלער, אויך מער, האָט קיינמאָל קיין וועקסל ניט פאַרלאַנגט. זאָג איהם ריין אונ־זערע אומשטענדן, זאָג, דו ווילסט קיין לייפציג פאָרן, איינצוקוי־פן סחורה".

ער האָט אַזוי געטאָן און איז געגאַנגען צו דעם מלווה און אים פאָרגעשטעלט די אַלע אומשטענדן. ער איז געווען אַזוי מיט־ליידיק און אים געליען 500 רייכסטאַלער און געזאָגט: „דו ביסט אַ יונגער בחור, ביסט קיינמאָל ניט געווען אויף אַ מעס, ווען דו וועסט זיך אָבער גוט אויפפירן און ערלעך באַצאָלן ווי דיין פאָטער, דאַן וועסטו האָבן מער קרעדיט". דערמיט איז ער אַהיים געקומען מיט דעם געלט און דער נאַכוריכט. אָבער דער קאַפּי־טאַל איז געווען צו קליין צו פאָרן אויף דער מעסע, דען עס איז דאָך פאַרהאַן פיל הוצאות. מיין פאָטער האָט אים געזאָגט: „מיר האָבן דאָך זילבער און אַ ביסל גאָלד, נעם עס און פאַרזעץ עס, דאַן קענסטו באַקומען דערויף געבאָרגט אייניקע הונדערט טאַ־לער. נעם־מיט מיינע מעסן־ביכער קיין לייפציק, וועסטו קענען באַכזען די אַלע ק ו י פ ל י י ט, וואו איך האָב מיטגעהאַנדלט. איך האָב קיינמאָל פון זיי קיין קרעדיט ניט גענומען, אי מ ע ר מ י ט ב אַ ר ג ע ל ט, ב אַ צ אָ ל ט, דען אַזוי קויפט מען אייניקע פראָצענטער וועלוועלער. אַז מען קען אָבער ניט, מוז מען ליבער אָן אייניקע פראָצענטער ניט באַשטיין. די דאָזיקע קויפלייט קענען מיך, זיי וועלן דיר ניט אָפזאָגן אין אַ קליינעם קרעדיט".

אַלזאָ איז מיין ברודער געפאָרן אויף דער מעס קיין לייפציג, וואָס איז נאָר דרייצן מייל פון טרייערבריצן וויט, און איז בשלום אַהיים געקומען מיט זיין סחורה. איך בין דאַמאָלסט אַלט געווען 14 יאָר. איך האָב גוט איינגעזען, אַז דער דאָזיקער קליי־דער האַנדל קאָן ניט אַייבברענגען קיין עשירות, אַז מיין ברודער

האָט אויף זיך אַ גרויסע משא. מיר זענען געווען צען קינדער, וואָס מיין פאָטער, עליו השלום, האָט איבערגעלאָזט. דער ייננ־סטער ברודער איז אַלט געווען 3 יאָר. אַז ער איז געשטאָרבן, איז ער געווען 9 יאָר קראַנק. איך בין געגאַנגען אויפן ישוב, האָב גענומען פאַר איינקע רייכסטאָלער סחורות ביי מיין ברודער און בין געגאַנגען דערמיט הויזירן, ביי די פויערים צו פאַרקויפן. איך האָב זיך אַליין מפרנס געווען, עס איז מיר געוואָרן זייער ווייער, אָבער קיין אַנדערע ברירה האָב איך ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו העלפן.

פון קינדוווייז אָן האָב איך זייער חשק געהאַט צו צייכענען און מאָלן, אין טרייענבריצן איז אָבער ניט געווען קיין געלעגנ־הייט ביי עמעצן צו לערנען. אמת, עס האָט דאָ יאָ געוואוינט אַ מאָלער, אָבער אַזוי פיל געלט האָב איך ניט געהאַט, וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט פון מיר. איך האָב געצייכנט אַלערליי זאַכן, וואָס איך האָב געזען פאַר מיר. איך בין געווען זייער באַקאַנט ביי דעם קאַנענגיסער מיט זיינע זין און האָב מיך תמיד צוגעקוקט, בשעת זיי פלעגן שטעכן נעמען אויף צין, און האָבן באַקומען פאַר אויסשטעכן דריי אותיות איין שילינג. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז געווען געשווינט פאַרדינט אַ שילינג. איך האָב מיר גע־לאָזט מאַכן אַ גראָבשטיקל און האָב זיך געלערנט שטעכן אותיות אויף צין. דאָס איז געגאַנגען געשווינט, און איך האָב זיך אויס־געלערנט. און ווייל איך האָב זיך אַלעמאָל געהאַט געאיבט אין ציי־כענען, האָב איך זיך אויסגעלערנט אויך פיגורן שטעכן אויף צין. איך בין געווען זייער פלייסיק אויף דעם שטעכן אין צין. איך האָב געהאַט פון אונזער שכן אַ טוץ ק ר ו ג ־ ד ע ק ל ס צו שטעכן זיין נאָמען און נומער דערויף. ער איז געווען אַ בירשענקער.

עס איז געקומען צו פאָרן איינער פון אונזערע לייט אויס דעסוי, אַ יונגער בחור פון 20 יאָר אַלט אומגעפער. ער האָט געהייסן שלמה פלאַדיר, ער איז געווען אַ פעטשער־שטעכער *) און האָט געזען, ווי פלייסיק איך בין. ער האָט מיך געפרעגט,

---

*) גראַווירער.

וואו איך האָב דאָס דאָזיקע געלערנט. איך האָב געזאָגט — פון זיך אַליין. ער האָט זיך זייער געחידושט דערויף. ער האָט געזאָגט צו מיר: „איר זייט דאָך באַקאַנט אין דער שטאָט, ווערט איר אַרומגיין און ווערט מיר שאַפן אַרבעט, וועל איך אייך געבן פון יעדן טאָלער 12 שילינג, דערפאַר וואָס איר שאַפט מיר אַרבעט". איך בין געווען זייער צופרידן דערמיט. ער האָט מיר געגעבן אַ דרוק־טאַבעלע, אייניקע זילבערנע און מעשענע פעטשאַפטן, איך האָב אים געשאַפן אין משך פון 3 וואָכן פאַר 24 רייכסטאָלער פאַרדינסט. איך האָב אָבער קיין גרויס כבוד ניט געהאַט פון זיינע אַרבעט. עטלעכע אָפיצירן, וואָס האָבן געלאָזט שטעכן זייער וואָפן, האָבן מיר געזאָגט, אַז ווען ניט איך, וואָלטן זיי די פעטשאַפטן ניט גענומען. נאָר איך האָב געטראַכט, אין 3 וואָכן צו פאַרדינען זעקס שילינג איז פאָלקאָם גענוג, און האָב געטראַכט, אַז איך קאָן פון אים עפּעס פּראָפיטירן. מחמת דאָ איז שוין מער איצט ניט געווען וואָס צו טאָן, האָט ער געוואָלט פון דאַנען אוועקפאָרן. ער איז געקומען אין אונזער הויז און האָט מיך געפרעגט, צי איך וויל מיט אים מיטפאָרן אויף דעם אייגענעם אופן — איך זאָל אַרבעט שאַפן און וועל באַקומען פון יעדן טאָלער 12 שילינג. ער איז געווען אַ דורכגעטריבענער יונג. ווער איז געווען דאַן גליקלעכער פאַר מיר? בישט מחמת דעם פאַרדינסט, איך האָב אין זינען געהאַט אַ ביסל די וועלט צו זען און עטוואָס לערנען. אַלזאָ האָב איך מיט אים אַרומגערייזט אין די אַרומיקע שטעט. קיין גרויסער פאַרדינסט איז ניט געווען. איך בין אָבער געווען זייער פלייסיק און קאַרג און האָב פאַרט פאַראיבעריקט אין צייט דריי מאָנאַט צען רייכסטאָלער. אַז דער דאָזיקער שלמה איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך מיר געמאַכט ביי זיין ווערקצייג אַ מעשענעם געגאָסענעם קנאָפ און האָב געגאָסן דערויף. ער האָט עס אַפּנים געמוזט האָבן באַמערקט, דען ער איז מיר געוואָרן זייער פאַלש.

אַפילו ווען ער האָט געאַרבעט, פלעגט ער זוכן אַ געלעגנהייט מיך אַרויסצושיקן. ער האָט געוואוסט, אַז איך האָב געהאַט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע טאָלער, און ער האָט זיין געלט געפּטרט.

האָט ער געוואָלט מיין געלט פון מיר אָוועקבאַרגן, און איך וואָלט עס מסתּמא קיינמאָל ניט צוריק באַקומען. איך האָב באַטראַכט, אַז איצט איז די צייט פון אים אָוועקצוגיין. איך בין אַלזאָ ווידער אַהיים געפאָרן קיין טרייענבריצן און מיין גוטן שלמה'ן האָב איך געלאָזט זיצן. אין טרייענבריצן האָט ניט געוואוינט קיין פּעטשאַפּט־שטעכער. עס איז אָבער געווען אַ סקולפּטאָר מיטן נאָמען קאַפּער, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט שטעכן חתימות. איך האָב אים אָבער ניט געקאָנט און קיינמאָל פון אים ניט געהערט. נאָר מיין שטיפברודער חיים, עליו השלום, האָט געוואוינט ביי זיין אלמנה אין איר הויז. ער האָט געהערט פון מיר, אַז איך האָב אַזאַ חשק צום שטעכן חתימות און האָב אים דערציילט פון דעם שלמה פלאַדיר, אַז ער איז אַנטקעגען מיר געווען אַזוי ניט יושרדיק, האָט צו מיר מיין ברודער חיים אַזוי געזאָגט: „מיין ווירטין האָט אַ גאַנץ ווערקצייג פון פּעטשאַפּט־שטעכעריי פון איר מאַן, וואָס איז שוין אַזוי לאַנג טויט, ווי איך בין אַלט. קענסטו פון איר באַקומען פאַר אַ קלייניקייט". איך בין אַוועק מיט מיין ברודער צו איר. מיין ברודער האָט צו איר געזאָגט: „זיי האָבן נאָך שטיין איר מאַנס ווערקצייג פון פּעטשאַפּט־שטעכעריי, מיין ברודער וויל זיך לערנען חתימות קריצן, ער וויל עס ביי אייך אָפּקויפן". זי האָט געזאָגט, זייער גוט, און האָט אָפּגעבראַכט אַ טוץ פאַרראָסטע גראָבשטיקלעך, אַ פּאָר אַלפאַבעטן איינגאַנצן פאַרראָסט, אַ שאַכטל מיט פאַרראָסטע שטאָלערנע שטעמפּלען, זי האָט אַליין איינגעזען, אַז אַלץ איז געווען פאַרדאָרבן. זי האָט פאַרלאַנגט דערפאַר 5 רייכסטאָלער, איך האָב איר געבאָטען 2 רייכסטאָלער, דען פאַר איר איז דאָס גאַרנישט ווערט געוועזען. אַלזאָ האָט זי עס געלאָזן. איך האָב מיך גענומען דערצו און געשייערט און אָפּגעפּוצט דעם ראָסט ווי ווייט איך האָב געקאָנט. האָב מיר געקויפט אייניקע פונט מעש אויף חתימות, האָב מיר געלערנט דערויף אותיות צו שטעכן. עס איז מיר זייער שווער געווען צו שטעכן די אותיות לינקס, כּדי זיי זאָלן זיך אָפּדרוקן רעכטס, האָב איך זיי אָפּגעפּיילט און ווידער דערויף געשטאָכן. דאָס האָב איך געטאָן זייער פלייסיק טאָג און נאַכט, ביז וואַנען איך האָב סוף־כּל־סוף

עפעס אַרויסגעבראַכט. אין מיינע געדאַנקען אָבער בין איך גע־וועזן אַ פולקומער חתימות־קריצער. איך האָב אַלעמאָל געטראַכט פון דעם שלמה, ווען ער זאָל איצט געווען זען, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט!

אָבער איך האָב מיר פאָרט ניט געטרויט צו גיין אָנבאָטן מיין אַרבעט בכבודיקע לייט. אָבער פאַר אַזעלכע בירגער־קינדער, מיט וועלכע איך בין אויפגעצויגן געוואָרן, האָב איך געמאַכט חתימות פאַר 8 אָדער 12 שילינג. באַזונדערס זיינען פיל פויערים־זין פאַרבייגעגאַנגען אויפן וועג אין שולע אַריין, וואָס אין זאַקסן, דען טרייענבריצן ליגט ביי דער זאַקסישער גרעניץ, אַ ביקסן־שאָס פון טויער איז גלייך זאַקסן, און דאָרט זיינען פאַר־האַן רייכע און געשיקטע פויערים, וואָס קענען אַלע שרייבן און רעכענען. איך האָב צונויפגענומען מיינע געצייג און געפאָרן אין די אַרומיקע דערפער און באַקומען אַרבעט ביי די פויערים אַזוי, אַז איך פלעג טיילמאָל באַקומען צו קריצן דריי, און פיר שטיק חתימות, האָב אַן אַנדערע וואָך פאַרדינט 3 און 4 רייכסטאָ־לער. איך האָב די העלפט פון מיין פאַרדינסט אָפּגעגעבן מיין מוטער, עליה השלום.

מיין ברודער אברהם איז געווען זייער קאַרג און זייער ערלעך און איז אַלץ געשטיגן. ער האָט געהאַט אַ גרויס הויזגע־זינד אויף זיך, און מיין מוטער איז געווען זייער פלייסיק און פלעגט אָפּוואַרטן די בודע, ווען ער פלעגט פאָרן אויפן יאַרמאַרק, און האָט געהאַלטן זייער קנאַפּ אין דער ווירט־שאַפט. איך האָב ניט געוואָלט געניסן אַ פול מויל ברויט אומ־זיסט, וויבאַלד איך האָב מיין ברויט פולקום געקענט פאַרדינען. און ווי איך האָב שוין פריער געמאָלדן, איז מיין גרעסטער פאַר־געניגן געווען, אַז איך האָב געקענט קומען צו הילף מיין מוטער. מיין ברודער אברהם איז געווען זייער אָנגעזען אין דער שטאָט, זיין האַנדל האָט זיך פאַרגרעסערט. דאָס הויזגעזינד האָט זיך פאַרקלענערט — צוויי פון מיינע יינגסטע ברידער זיינען גע־שטאָרבן, די צוויי עלטערע שוועסטער זיינען אַוועק דינען, דער ברודער, וואָס איז געווען מיט צוויי יאָר יינגער פאַר מיר, האָט

געזוכט זיך אַליין צו דערגערן דורך אַ קליינעם האַנדל. אַזוי איז מיין ברודער גליקלעך געווען אין זיין האַנדל און צייט צוויי יאָר שוין געפירט אַ שיינעם פאָרלאַג סחורה און זיי האָבן מער שוין ניט געליטן קיין דחקות. מיין מוטער האָט געפירט דאָס געשעפט אין דער בודע אַזוי גוט ווי דער בעסטער מאַנסביל. איך האָב זיך געפילט אַ ביסל שטאַרקער אין חתימות קריצן און האָב מיר געקויפט צייכנביכער, אויך אייניקע זילבערנע פעטשאַפטן און שטאָלערנע. האָב אָנגעהויבן צו פאָרן אויף מערק אין שטאָט. איך האָב אָנגענומען אַלץ וואָס עס איז מיר פאָרגעקומען צו אַרבעטן, עטלעכע וואָפּנס און שטעמפּלס. איך האָב מיר אויך ניט צום האַרצן גענומען, אַז עס פלעגט מיר מאַנכעס מאָל ניט געראָטן, כ'פלעג עס אָפּפיילן און ווידער אַנדערש מאַכן. איך האָב פאַרדינט אַזוי פיל, אַז איך האָב מיר אָנשטענדיק געקענט פירן. האָב מיר איינגעשאַפט אַ נייעם זייגער און אַ זילבערנע טאַבאַקשקעטעלע.

אַ שפּאַס מוז איך דערביי צוגעבן. עס איז געווען אַ מאַרקטאָג אין טרייענבריצן, און איך האָב מיר געשטעלט מיין טיש מיט מיין געצייג און פעטשאַפטן אויפן מאַרק ווי געוויינלעך. איז געקומען צו מיר אַ יונגער מילנער־געזעל, וואָס איז מסתמא ערשט געוואָרן מילנער־געזעל און ביי אַ ווינט־מילנער אויף דער לערפילייכט געווען. ער האָט באַשטעלט אַ מעשענע חתימה, מיר ייִנען דורכגעקומען אויף 16 שילינג. ער האָט געזאָגט, איך זאָל דערויף אויסשטעכן אַ ווינטמיל און אויף די טרעפּ זאָל אַ שייגעץ אַרויפגיין מיט אַ זאַק קאָרן אויפן רוקן, און אונטן זיין נאָמען מיט איינצלנע אותיות. אַ ווינטמיל מיט טרעפּ און אַן אָפענע טיר אויסשטעכן איז נישט קיין קונץ. איך האָב אַלזאָ אויסגעשטאָכן די דאָזיקע ווינטמיל, טרעפּ און אַן אָפענע טיר, פאַרטיק. אָבער אַז דער שייגעץ זאָל אַרויפגיין אויף די טרעפּ מיט אַ זאַק קאָרן אויף דעם רוקן, דאָס איז פאַר מיר געווען אַ צו שווערער ענין, דערצו אויפן מאַרק, וואו מען מוז אין צייט פון 2 שעה אַ פעטשאַפט פאַרטיק מאַכן. איך בין געוואָרן פאַרטיק דערמיט, אויך דעם נאָמען זיינעם דערויף, און האָב עס אָפּגעדרוקט. ענדלעך איז דער דאָזיקער יונגער שייגעץ געקומען נאָך זיין פּע־

טשאַפט. איך האָב אים געוויזן דעם אָפּדרוק, דאָס איז אים זייער גוט געפעלן, האָט מיר געגעבן זיינע 12 שילינג, דען ער האָט מיר געהאַט שוין געגעבן 4 שילינג האַנטגעלט. דאַן האָט ער עס גאַנץ גוט אַרומגעקוקט און האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט גע־וואָלט האָבן איינעם, וואָס זאָל אַרויפגיין אויף די טרעפּ מיט אַ זאַק קאָרן אויפן רוקן, אַלזאָ האָט ער געפרעגט, וואו איז אַהינגעקו־מען דער וואָס מיטן זאַק קאָרן אויפן רוקן. איך האָב ניט גע־וואוסט וואָס צו ענטפערן. אַלס שפּאַס האָב איך געזאָגט, ער איז נאָר־וואָס אַריינגעגאַנגען אין טיר אַריין.—„אַ, אַ שאָד, וואָס איך בין נישט געקומען פריער". און אַזוי איז ער געגאַנגען זיין וועג. איך האָב מיר געטראַכט אין מיינע געדאַנקען, אַז דאָס איז גע־ווען אַ קלוגער איינפאַל, און האָב גאָרנישט באַטראַכט, אַז דאָס איז געווען זייער אַ תמעוואַטער יונגער מאַן.

איך בין אַלזאָ געווען זייער פלייסיק און מיר אָנגעזאַמלט אפשר 50 רייכסטאָלער, און אַזוי ווי מיין ברודער אברהם איז געשטאַנען זייער גוט און האָט געהאַט גוטן פאַרדינסט, און איך האָב נישט געזאָלט גאָרנישט ירשענען און אַלץ דאָס דאָזיקע איז געווען מיין ברודערס, דרום האָב איך מער גאָרנישט געגעבן מיין מוטער, דען זי האָט גאָרנישט געדאַרפט, דען זי האָט פאַרדינט דורך איר אַרבעט און פלייס, אַז זי האָט געקענט פירן די ווירט־שאַפט. דאָס איז מיין ברודער ניט געפעלן און איך האָב ניט געקאָנט מיט אים גוט אויסקומען און האָב זיך געטראַכט אין מיין זין, אַז איך קאָן מיר מיין ברויט פאַרדינען, וואו איך זאָל קומען. דערצו איז טרייענבריצן אַ געמיין אָרט, דאָ קאָן איך גאָרניט לערנען, און האָב מיר פאָרגענומען צו פאָרן אין דער וועלט אַריין און טאַקע קיין לאָנדאָן. אָבער איך האָב דאָס געהאַלטן בסוד. איידער אָבער איך בין אַוועקגעפאָרן און גענומען אָפּשייד פון מיין מוטער, האָב איך איר אַנטדעקט, אַז איך פאָר קיין ענגלאַנד. זי איז געווען באַטריבט און האָט מיך געבעטן, איך זאָל למען השם ניט פאָרן. נאָר איך האָב איר געזאָגט מיט ווייַנעדיקע אויגן: „מיין ברודער פאַרגינט מיר ניט די עטלעכע טאָלער און וואָלט רק וועלן, איך זאָל עס געבן צום ווירטשאַפט,

און איך בין אים ניט מקנא, וואָס ער האָט זיך דאָס אַלץ צוגע־
אייגנט. מיר קענען ניט שטימען, אַלזאָ איז דאָס בעסטע, אַז
מיר זאָלן זיך שיידן. הער צו, ליבע מוטער, זאָל דיך דער אַלמאַכ־
טיקער דערהאַלטן אין גוטן וואוילשטאַנד". אַלץ דאָס דאָזיקע איז
געשען מיט טרערן פון ביידנס זייט. מיין מ אַ נ ט ל ז אַ ק איז
געווען אײַנגעפּאַקט, און אַזוי בין איך אַוועקגעפאָרן, אומגעזעגנט
מיט מיין ברודער, וואָס איז געווען אַרויסגעגאַנגען. ביי זיין
אַהיימקומען האָט מיין מוטער דערציילט צו מיין ברודער מיט
ו י י נ ע ד י ק ע אויגן און האָט אים געזאָגט טיכטיק, ווי אַזוי
איך האָב זיך באַקלאָגט אויף אים. ער אָבער איז געווען ווייכן
הערציק און האָט זיך ערקונדיקט, וואוּאַהין איך בין געפאָרן, או־
איז גלייך צו פוס געלאָפן נאָך מיר און האָט מיך געטראָפן אין
בעליץ 2 מייל פון טרייענבריצן. ער איז געקומען צו מיר אויפן
פריינדלעכסטן אופן: „ליבער ברודער, קום צוריק, אונזער מוטער
האָט אַזוי פיל עגמת־נפש. איך פאַרלאַנג פון דיר גאָרנישט, דען
דער ליבער גאָט האָט מיר ברכה געגעבן, אַז איך קען די ווירט־
שאַפט פירן מיט פולער האַנט. מער זאָלסטו קיין קעסטגעלט ניט
צאָלן". איך האָב געענטפערט: „מיין ליבער ברודער, שוין צו שפעט,
אַן עבירה דיינע ווערטער, אַפילו פאַר 1000 רייכסטאָלער ניט.
דער הימל זאָל דערהאַלטן דיך מיט אונזער ליבע מוטער און
הויזגעזינד". ער האָט געשיקט אויף מיר פרעמדע לייט, זיי זאָלן
מיך צוריידן, אָבער איך האָב זיי ניט געהערט און געבליבן ביי
מיין דעה און געפאָרן. צום ערשטן האָב איך געוואָלט באַזוכן
האַמבורג, ווייל איך האָב פיל דערפון געהערט, אַז דאָרט זיינען
פאַרהאַן שטעמפּל־ש ט ע כ ע ר ס, וואָס זיינען זייער געשיקט אין
זייער אַרבעט, איך בין אָבער קיין שטאָט ניט פאַרבייגעגאַנגען,
איך זאָל דאָרט ניט האָבן הויזירט, דערמיט האָב איך אַלעמאָל
מיינע וועג־הוצאות טאָפּלט אויסגעשלאָגן. איך בין גע־
פאָרן קיין מעקלענבורג, בין אָנגעקומען אין אַ שטאָט רענצלין,
האָב איך דאָ געטראָפן אַ פרוי, וואָס האָט קורץ פאַר דעם חתונה
געהאַט. זי איז געווען פון לוקענוואַלד, צוויי מייל פון
טרייענבריצן. זי איז געווען אומגעפער אין מיינע יאָרן און מיר

זיינען געווען ווי שוועסטער און ברודער. מיר זיינען געווען אויפגעצויגענע קינדער. זי האָט זיך זייער געפרייט און איך בין געפאָרן דעם דאָזיקן וועג נאָר, כּדי זי צו באַזוכן און נעמען פון איר אָפּשייד. זי האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי קום איך אַהער און וואוּאַהין וויל איך עס. איך האָב איר אַלץ גענוי דערציילט. זי און איר מאַן האָבן געזאָגט: „אַזוי געשווינט לאָזן מיר דיך ניט אַוועק. ליבער ברודער, דו מוזט צום ווייניקסטן 4 וואָכן ביי אונז בלייבן". דער מאַן האָט מיר צוגעזאָגט פיל אַרבעט צו שאַפן, דען ביי דער דאָזיקער שטאָט אומגעפער 2 מײלן אַרום ליגן געוויס אַ 40 אַדעלסגיטערס. איך בין מיט איר מאַן געגאַנגען עטלעכע טעג. ער האָט תּמיד מיט זיך געהאַט זיינע סחורה און האָט באַקומען פיל אַרבעט און בעסער באַצאָלט ווי אין בראַנדנבורג. עס איז דאָ געווען זייער אַ וואָלוול לעבן און ס'איז מיר זייער גוט געפעלן און ביי דער דאָזיקער פרוי בין איך געווען פאַררעכנט, גלייך ווי איך וואָלט געווען אירער אַ ברודער. איך בין דאָ אַלזאָ פאַרבליבן אַ צייט לאַנג, מעקלענבורג איז מיר זייער גוט געפעלן. עס איז אויך ניט געווען קיין שטעמפּלשטעכער אין גאַנצן לאַנד, נאָר בלויז אין שווערין, דער הויףשטעמפּל־שטעכער, רבי ליפּמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ שטעלע פון 500 רייכסטאָלער, און ער אָדער זיינע לייט זיינען ניט אַרויסגעפאָרן פון שווערין, און עס איז פאַראַן עטלעכע און דרייסיק שטעט אין מעקלענבורג און אייניקע שיינע שטעט, ווי ראָשטאָק, גיסטראָוו, פּאַרכים, ביצאָוו, גראַבאָוו, שווערין. איך האָב זיי באַזוכט — כּמעט די בעסטע שטעט און ס'וואוינען זייער פיל פּריצים.

איך האָב אַלזאָ פאַרגעסן אָן ענגלאַנג, איך בין געקומען קיין ביצאָוו, האָב זיך דאָ אויפגעהאַלטן אייניקע וואָכן. איך האָב באַקומען צו זען אַ שיין מיידל, רב לייבס אַ טאָכטער. דער דאָזיקער מאַן איז ניט געווען רייך. איך האָב געטראַכט, אַז ווען כ'וואָלט געקענט דאָס מיידל באַקומען, וואָלט ביי איר געווען אַ בעסערע רייזע ווי קיין ענגלאַנד. איך האָב מיך באַקאַנט געמאַכט ביי דעם דאָזיקן מאַן און האָב געפרעגט, צי איך קען ביי אים ניט עסן. ער איז געווען זייער באַשיידן און מיט אַ גרויסער פאַ=

מיליץ. רבי פייבעל סטרעליצער איז געווען זיינער אַ לייבלעכער ברודער, דאָס איז געווען אַ מאַן פון הונדערט טויזענט טאָלער. ער האָט אויך געהאַט נאָך אַ ברודער, רב יואל פרידבערג, אויך געווען אַ רייכער מאַן. דער דאָזיקער ר׳ לייב איז געווען אַ למדן און ער איז געווען אין ביצאָוו ש״ץ ח״ץ. איך בין געוואָרן אַ ביסל באַקאַנטער מיט ר׳ לייבס זון, אויך מיט זיין פרוי. איך בין אָבער געווען צו שעמעוודיק צו מאַכן אַ אָנמוט. איך בין קוים 20 יאָר אַלט געווען; אויך האָב איך מיך נאָך קיינמאָל ניט אָפּ־געגעבן פון אַ פרויענצימער. דאָס מיידל איז אויך געווען נאָר זיבעצן יאָר אַלט. ענדלעך האָב איך זיך דרייסט געמאַכט און האָב גערעדט מיט איר ברודער, וואָס איז געווען אומגעפער אין מיינע יאָרן. איך האָב אים געפרעגט, צי וואָלט ער וועלן זיין מיין שוואָ־גער. ער האָט געזאָגט: „איך קען נאָך ניט חתונה האָבן, איך בין נאָך צו יונג״. איך האָב געזאָגט: „איר פאַרשטייט מיך ניט, איך מוז אייך זאָגן גענוי, איך וויל, איר זאָלט מיר געבן אייער שוועס־טער פאַר אַ כלה״. ער האָט געזאָגט: „ליבער פריינד, דאָס קען איך ניט, איר מוזט שמועסן מיט מיינע עלטערן״. איך האָב זיך געשעמט, ער האָט מיר אָבער געמאַכט האַרץ און געזאָגט: „רעדט מיט מיין פאָטער״. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיט אים ריידן וועגן דעם. ער אָבער האָט געזאָגט: „איר ווילט נעמען אַ פרוי און האָט ניט קיין קוראַש וועגן דעם צו איבעררייד, דאָס קומט מיר פאַר זייער וואונדערלעך״. איך האָב מיר אַלזאָ געמאַכט האַרץ און גערעדט מיט דעם דאָזיקן ר׳ לייב און אים געבעטן טויזנט מאָל מחילה, ער זאָל ניט פאַריבל האָבן אויף מיר, וואָס איך בין אַזוי דרייסט און גראָב. ער האָט געזאָגט: „נו, וואָס ווילט איר פאָרט?״ ווייל איך האָב ווייטער ניט געקענט ריידן. לסוף האָב איך קוים אַרויסגערעדט: „איך וואָלט זייער וועלן ווערן אייער איידעם״. ער האָט מיך אָנגעקוקט און ענדלעך האָט ער געזאָגט: „האָט איר דען גערעדט מיט מיין טאָכטער?״ — „אָ יאָ, אָבער ניט פון די דאָזיקע אַפערן, איך האָב גריילעך געקענט מערקן, אַז דאָס מיידל איז מיר ניט בייז געווען, דען זי איז אַלעמאָל געווען אַזוי העפלעך און פריינדלעך קעגן מיר״. מיין גוטער ר׳ לייב

האָט געזאָגט: „איך מוז ריידן מיט מיין פרוי און טאָכטער". ענדלעך איז די זאַך צושטאַנד געקומען. מיין פרוי האָט געהאַט פון איר באָבע 300 רייכסטאָלער ירושה צום נדן, דאָס איז גע־ ווען אַלץ, דען מיינע שוויגערעלטערן האָבן ניט געהאַט קיין קאַ־ פּיטאַל. נאָר אַ ביסל פון אויסשטייערונג אין דער ווירטשאַפט. מיין פאַרמעגען איז אַוועק אויף מתנות מיין כלה, אויף אָרענטלעך מיך צו באַקליידן. און איך האָב דאָך ניט פיל געהאַט. האָב איך געשריבן דעם ערשטן בריוו אהיים צו מיין מוטער און שוועסטער־ און־ברידער. איך בין שוין געווען כמעט דריי יאָר פון טרייענ־ בריצן, און איינגעלאַדן זיי אויף מיין האָכצייט. עס איז מיר אַפּי־ לו ניט איינגעפאַלן, אַז עמיצער וועט קומען אויף מיין חתונה. אייניקע טעג פאַר מיין האָכצייט איז געקומען צו פאָרן מיין ברו־ דער אברהם אַלס אַ גרויסער מאַן און האָט זיך שוין .אַ נישקשהדיקן קאַפּיטאַל געזאַמלט, אויך האָט ער געבראַכט אַ ברודער, וואָס איז געווען אַכט יאָר יינגער פאַר מיר. ער האָט געזאָלט ביי מיר לערנען די מלאכה, אָבער מיין ברודער משה האָט ניט געהאַט קיין חשק צום שטעמפּל־שטעכן. איך האָב זיך געפלייסט ווי ווייט איך האָב געקענט, אָבער עס איז ניט מעגלעך געווען, זיין לוסט איז געווען צום האַנדל. אַזוי האָב איך געלעבט מיט מיין פרוי זייער פריילעך און האָב מיך געשעצט זייער גליקלעך, און אויב איך האָב אַפילו מיין ברויט אַזוי קנאַפּ און זויער פאַרדינט, זיי־ נען מיר דאָך געווען פריילעך, גלייך מיר וואָלטן רייך געווען אין אַ מיליאָן.

ב.

עס איז געקומען די זיבעניעריקע מלחמה. איך האָב שוין געהאַט 4 קינדער, מיין באַלעבאַטישקייט איז געוואָרן פאַרגרע־ סערט. איך האָב שוין געמוזט זאָרגן וועגן דורכשלאָגן זיך אין דער וועלט אַלס ערלעכער מאַן. און אַזוי ווי די פּרייסן זיינען אַלס פיינד געקומען אויך קיין מעקלענבורג, האָב איך זיך אַנגאַזשירט

ביי די אָפּיצירן, געקראָגן אויך אַרבעט. איייניקע האָבן באַשטעלט ביי מיר אַ ביסל גאַלאַנטעריי, איך האָב זיי עס געשאַפט און געהאַט גוטן פאַרדינסט. אויף איבעראַיאָר זיינען געקומען קיין מעקלענבורג שוועדן אָבער ניט אַלס פיינד. דאָ האָב איך געקראָגן פיל אַרבעט און פאַרקויפט פיל גאַלאַנטעריי. איך האָב פאַרדינט אין אַ קורצע צייט 500 רייכסטאָלער, געשיקט דאָס געלט קיין פראַנקפורט=ד׳אָדער צום יריד און געלאָזט מיר ברענגען גאַלאַנטעריי. אין אַ קורצער צייט בין איך געוואָרן אַ גאַלאַנטעריי=הענדלער. עס האָט מיר איינגעבראַכט מערער ווי דאָס שטעכן חתימות. איך האָב גענומען מיין האַנטווערק=געצייג און עס איינגעפּאַקט אין אַ קופערט און עס אַוועקגעשטעלט, און האָב געהאַט אַ שיינעם האַנדל, האָב מיר געקויפט אַ הויז און גאָרטן. צייט פינף יאָר בין איך געוואָרן אַ מאַן פון איייניקע טויזנט טאָלער, און זייער שיינעווירטשאַפט, אויך שיין זילבער און מעבל.

די מלחמה איז געווען פאַרביי, די גאַלאַנטעריי=סחורות האָט מען שוין ניט געקענט אַזוי אָפּזעצן ווי ביי די אָפּיצירן. איך האָב זיך דאַן באַטראַכט אָנצוהייבן עפּעס אַנדערש און געגומען איייניקע טויזנט רייכסטאָלער, געקויפט זיך שניט=סחורה, וואָס ווערט אויך געבראַכט אויפן ישוב פאַר ב י ר ג ע ר ס ל יי ט. איך האָב געהאַט פיר יונגע ק ע ר ל ס, וואָס האָבן גערייזט ביי דער אַרמיי און וועלכע איך פלעג בשעת דער מלחמה אַלעמאָל אַרויסשיקן מיט סחורה; האָב איך צוויי פון זיי, וואָס האָבן גערייזט צוזאַמען, געגעבן די דאָזיקע שניט=סחורה, זיי זאָלן דערמיט פאָרן אויפן דאָרף, אויף די פּריצישע הויפן, און דאַן זאָלן זיי אַלע 3 אָדער 4 וואָכן אַהיים קומען. עס איז אָבער ניט געווען קיין גרויסער אָפּזאַץ און אַ קליינער פאַרדינסט דערביי, סיי פאַר מיר, סיי פאַר מיינע לייט. — דעם האַנדל האָב איך געטריבן אומגעפער צוויי יאָר. צוויי פון די לייט, וואָס האָבן גערייזט פאַר מיר אויפן דאָרף, האָבן געמאַכט פּליטה מיט די סחורות, וואָס האָבן אָנגעטראָפן ב יי נ אַ ה טויזנט רייכסטאָלער מיט די חובות, וואָס זיי האָבן געהאַט איינגעמאָנט, כדי מיטצונעמען אויך

מזומן געלט. אויך אַ מאַן אין ביצאָוו, וואָס האָט שטענדיק געהאַט פון מיר פינף הונדערט רייכסטאָלער קרעדיט, האָט איינגעלייגט און געמאַכט קאָנקורס, אַזוי אַז כ'האָב ניט באַקומען קיין איין שילינג און בין אויף אַ סך ערטער באַשווינדלט געוואָרן. מיין שוועסטער האָט חתונה געהאַט קיין מאַלכין. דעם חתן האָט דער ברודער צוגעזאָגט 1000 רייכסטאָלער נדן, נאָר ער האָט עס אַליין ניט געגעבן; מיין ברודער משה איז שוין אויך געווען פאַרהייראַט און האָט געהאַט אַ גוטן שידוך, האָט ער געגעבן אויף דעם צווייהונדערט טאָלער און מיין ברודער מרדכי האָט געגעבן אויף דעם איין הונדערט, איך האָב געמאַכט פרייע האָכצייט און אַ ביסל מעבל, אונטערגעפּאָרן מיט מיין פרוי, דאָס האָט מיר געקאָסט איבער 500 טאָלער. און אונטער דער צייט איז עס געשען, וואָס די ביידע פּוילישע יונגען זיינען אַנטלאָפן געוואָרן.

אויך אַ יאָר פאַר דעם איז געקומען אַ געשיקטער פיינער בחור, אַ זון פון דעם פּרעסבורגער רב, ז"ל, קיין ביצאָוו. איך בין געווען גבאי פון דער יידישער קהילה. ער האָט אויסגעזען עטוואָס קרענקלעך און האָט מיר דערציילט, ווי ער איז אין אַ דאָרף, אומגעפער אַ מייל ווייט פון ביצאָוו, דריי טעג געלעגן קראַנק אין אַ שייער. האָט ער געוואָלט אייניקע טעג אויסרוען און האָט געהאַט שיינע אַטעסטאַטן ביי זיך פון זיין בריהשאַפט און לומדות. איך האָב אים גלייך אָנגעוויזן אַ קאַמער אין מיין הויז און צוגעזאָגט אים 8 טעג דאָ ביי מיר צו האַלטן, ביז ער וועט ווידער צו זיך קומען. ער האָט מיך באַדאַנקט טויזנט מאָל און האָט מיר געקושט די האַנט קעגן מיין ווילן.

אומגעפער דריי וואָכן פאַר דעם איז אָנגעקומען אַ באַפעל אין אַלע שטעט אין מעקלענבורג, וואו יהודים וואוינען, צו די בירגערמייסטערס, אַז יעדער בירגערמייסטער זאָל לאָזן פאָדערן דעם פאָרשטייער פון די יידן און אים פאָרלייענען: ווען אַ פרעמדער ייד קומט, זאָל ער ביי אים צונעמען זיין פּאַס און דערמיט גיין צום בירגערמייסטער, ווען ער איז ניט קיין בעטל־ייד, דאָ זאָל ער פאַר אַלע נאַכט, וואָס ער איז אין דער שטאָט, באַצאָלן 16 שילינג.

דעם דאָזיקן באַפעל האָבן די שווערינער יידן אַליין אויסגעפועלט, ווייל פיל פרעמדע יידן האָבן זיך אויפגעהאַלטן און געהאַנדלט אין שטעט, וואו יהודים וואוינען, וואָס האָבן דערפאַר געמוזט באַצאָלן זייערע הוצאות. איך האָב אַלזאָ געפרעגט אויף זיין פאַס, ווי די פירשטלעכע פאַראָרדענונג האָט עס געפאָדערט, וואָרעם איך בין געווען גבאי, האָב איך געמוזט דערמיט אַהינגיין צום פאָליציי־בירגערמייסטער. דער דאָזיקער בירגערמייסטער איז מיר קיין פריינד ניט געווען, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ מחלוקת. מיין הויז איז געשטאַנען אויף דער אַמטספרייהייט, דאָס האָט אַלזאָ ניט געהערט אונטער דער דירעקציע פון מאַגיסטראַט, און ער האָט געוואָלט מיר אַלס ייד מיט גוואַלד ברענגען אונטערן מאַגיסטראַט. עס איז דערויס גאָרניט געוואָרן און געקאָסט אים שטראָף. איך בין אַלזאָ געקומען מיט דעם דאָזיקן בחורס פאַס צו אים. דאָ איז געשטאַנען אַ יידישער סטודענט, וואָס רייזט אויף די אוניווערסיטעטן. איך האָב אים געזאָגט, אַז דער מענטש איז אַ שטיקל חולה און איך האָב אים געהאַט צוגעזאָגט, ער זאָל זיך דאָ אויפהאַלטן אַכט טעג, כדי ער זאָל ווידער צו זיך קומען. ער האָט מיר געענטפערט: „אָ יאָ, ער קען גערן דאָ בלייבן, אָבער יעדער נאַכט 16 שילינג״. איך האָב געזאָגט, אַז ער איז אַן אָרעמער מענטש, און מיר, יידן, מוזן אים אויסהאַלטן. האָט ער געזאָגט, אַז דאָס אַרט אים ניט, ער האַנדלט לויט דעם הערצאָגלעכן באַפעל. איך האָב געזאָגט, אַז דאָ שטייט ניט געשריבן, אַז אָרעמע לייט זאָלן וואָס געבן. ער איז געוואָרן גראָב און האָט געזאָגט, איך זאָל נאָר ניט רעזאָנירן, זאָנסטען וועט ער מיך דורך דער טיר אַרויסשטויסן. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? געוואַלט מוז מען ווייכן, בין אַלזאָ אַוועק פון אים. גראָד אים קעגנאיבער האָט געוואוינט דער פראָרעקטאָר פון דער אוניווערסיטעט. איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער עצה, בין איך אַלזאָ אַריין צו דעם דאָזיקן פראָפעסאָר און האָב אים דערציילט פון דעם גראָבן יונג, ווי ער האָט מיך אַזוי גראָב באַהאַנדלט. דערצו האָט ער אומרעכט באַגערט פון אַן אָרעמען סטודענט, וואָס איז אָפּגעשלאַפּט, און איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז

ער זאָל אַכט טעג ביי מיר אין הויז זיך אויסרוען, ביז ער וועט פולקום בעסער ווערן, — זאָל איך פאַר יעדער נאַכט באַצאָלן 16 שילינג? דער פּראָפעסאָר האָט מיר געענטפערט, אַז דאָס איז אַ גרויס אומרעכט: „אָבער לוינט עס אייך דען צו קלאָגן זיך פאַרן הערצאָג? איר וועט דעם פּראָצעס ניט פאַרשפּילן, נאָר די הוצאות וועלן אייך אויסמאַכן טייערער ווי צוויי רייכסטאָלער און 16 שילינג". איך האָב געזאָגט, מעג מיר עס קאָסטן אפילו 10 רייכסטאָלער, אַבי דער גראָבער יונג זאָל ניט אויספירן. מאַכט צו מיר דער פּראָפעסאָר: „אויב אַזוי, קען מען עס מאַכן, עס זאָל קאָסטן בלויז 5 רייכסטאָלער, ווען איך זאָל נאָר קענען ריידען מיט דעם מענטשן". איך האָב געזאָגט: „ער איז ניט אַזוי קראַנק, ער איז היינט אַ מייל וועגס שוין געגאַנגען, אַלזאָ קען ער נאָך דאָס שטיקל וועג אַהער קומען". איך בין אַוועק אַהיים און אים געבראַכט און געזאָגט אים, ער זאָל מיטנעמען זיינע אַטעסטאַטן. אַלזאָ זיינען מיר אַהינגעגאַנגען. דער בחור האָט געקענט אייניקע שפּראַכן, פראַנצויזיש, לאַטיין, אונגאַריש, לשון הקודש און גוט דייטש. ער האָט אויך געהאַט אַן אַטעסטאַט פון פראַנקפורט־ד'אָדער, פון דער קריסטלעכער אוניווערסיטעט, אַז ער איז אַ געשיקטער מאַן. ער איז געווען אַ זון פון דעם פּרעס־בורגער רב, וואָס האָט אים געלאָזט לערנען אַלדאָס מעגלעכע. אַזוי ווי אָבער זיין מוטער איז געשטאָרבן און זיין פאָטער האָט ווידער חתונה געהאַט, האָט ער ניט געקענט הויזן מיט זיין שטיפמוטער, האָט זי אים פאַרטריבן פון הויז און אַזוי האָט ער שוין דריי יאָר אַרומגעוואַנדערט אין דער וועלט און האָט ניט געקענט אָנקומען אויף אַן אָרנטלעכער שטעלע, נאָך זיין פאַרלאַנג. דער פּראָפע־סאָר האָט מיט אים גערעדט לאַטיין, אויך פראַנצויזיש. ער האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז אַ שאָד, ער זאָל זיך אַזוי אין דער וועלט אַרומבלאָנקען, בעסער זאָל ער שטודירן מעדיצין.

„יאָ, כ'וואָלט זייער וועלן, ווען איך וואָלט געהאַט פאַר־מעגן. פון מיין פאָטער קען איך גאָרניט באַקומען, ער איז שוין אַן אַלטער מאַן, זיין יונגע פרוי האָט אַלץ ביי זיך אין די הענט, פונקט ווי מיין מוטער האָט עס אַמאָל געהאַט". דער פּראָפעסאָר

האָט צו אים געזאָגט: „גייט אַהיים, איך וועל אייך שיקן אַ מאַט־ריקל אַלס סטודענט, וועט דער בירגערמייסטער ניט האָבן איבער אייך צו זאָגן, איר וועט דאַן שטיין אונטער דער יוסטיץ פון דער אַקאַדעמיע". מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען אַהיים. ענדלעך איז גע־קומען דער פעדעל און געבראַכט אַ מאַטריקל מיט "leges" און אַלץ, וואָס דערצו געהערט. איך האָב אים געגעבן פינף רייכסטאַלער. דעם אַנדערן טאָג האָב איך געזאָגט צו דעם סטודענט, אפשר האָט ער חשק צו גיין צו דער קאָלעגע. „אָ יאָ, ער האָט אָבער ניט קיין געלט דערצו". האָב איך געזאָגט: נאָר די עטלעכע טעג, וואָס ער איז ביי מיר, אַבי נאָר דעם בירגערמייסטער צו להכעיס, דען איך וויל אַליין מיט אים פאַר דעם בירגערמייסטערס טיר צוויי מאָל אין טאָג פאַרבייגיין.

איך בין אַוועק צום פראָפעסאָר הויפראַט דעטטערדינג, אַ מעדיצינער, און אים דערציילט די גאַנצע היסטאָריע און געבעטן אים, צי קען ניט דער דאָזיקער מאַן אייניקע טעג הערן ביי אים פריי קאָלעגס. ער האָט געזאָגט: „ניט נאָר אייניקע טעג ווען ער וויל דאָ בלייבן אפילו אויף אַ יאָר צייט, איך פאַרלאַנג ניט דערפאַר קיין געצאָלט". איך בין אַוועק צו פראָפעסאָר ט ע ט י נ ס אין דער פילאָסאָפישער פאַקולטעט, האָב אים דאָסגלייכן דערציילט די היסטאָריע, און צו דעם פראָפעסאָר ק אַ ר פ אַ ה אָ ף פון דער אָריענטאַלישער שפראַך, האָב אַלזאָ באַקומען פאַר אים אומעטום פריי קאָלעגס און איך בין אַוועק אַ היים און געזאָגט: „ליבער פריינד, היינט קענט איך זיך נאָך אויסרוען. אויף מאָרגן האָב איך אייך באַשטעלט 3 פרייע קאָלעגע". ער האָט באַדאַנקט, אָבער דאָך האָב איך געזען אָן זיין פנים, אַז דאָס האָט אים ניט אַזוי שטאַרק געשמעקט. האָב איך אים געפרעגט, צי דאָס איז אים ניט געפעלן. „אָ, זייער און זייער, אָבער אַלס סטודענט זיינען מיינע קליידער ניט אַזוי פאַסיק". איך האָב געזאָגט: „מיר וועלן מאָרגן צוזען, ווי עס וועט גיין".

דעם אַנדערן טאָג האָב איך גענומען אַ בגד פון מיינע, דאָס בעסטע, און אַ הוט, וואָס איך האָב געהאַט געקויפט, מיט אַ גאָלדענע טרעסע, אַ שווערדל מיט זילבער־באַשלאָגן, און געלאָזט

אים פריזירן און אים אויסגעפוצט מיטן תנאי, אַז ער האָט עס פון מיר באַקומען געבאָרגט, און האָב אים מבטיח געווען, ער זאָל בלייבן ביי מיר 4 וואָכן און גיין אַלע טאָג צו דער קאָלעגע און דערנאָך וועט ער פאָרן קיין בערלין אַלס סטודענט, איך וועל אים געבן רעקאָמענדאַציעס צו מיינע פריינד. דאָרט וואוינען רייכע און פילע יידן, וואָס וועלן אים באַהילפיק זיין צו זיינע שטודיען. איך בין מיט אים אַוועק צום הויפּראַט דעטטערדינג. נאָך מיטאָג בין איך מיט אים געגאַנגען צו דעם פּראָפעסאָר טעטינס, נאָכדעם צום פּראָפעסאָר קאַרפּאַהאָף, אויף מאָרגען — צו דעם פּראָפעסאָר שאַרשמיד, אויך אַ מעדיצינער. אַלע אָוונט פלעגט ער מיר אַריינברענגען מיין קלייד, הוט און שווערדל און פלעגט אָנטאָן זיין אייגן מלבוש. אייניקע טעג, איידער עס זיינען אויסגעגאַנגען די 4 וואָכן, האָט צו מיר געשיקט דער הויפּראַט דעטטערינג, איך זאָל צו אים קומען.

אַז איך בין געקומען, האָט ער געזאָגט: „איך האָב געהערט פון דעם סטודענט מאַרקוס, אַז ער מוז אַוועקפאָרן פון דאַנען. עס איז אַ שאָד דעם מענטשן, אַזאַ געשיקטן סטודענט האָבן מיר ניט דאָ אין דער גאַנצער אוניווערסיטעט. דער מענטש מאַכט גרויס כבוד. איך האָב נעכטן וועגן אים גערעדט מיט פּראָפעסאָר שאַרשמיד, ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל מיט אייך דערפון שמועסן, איר זאָלט אים דאָ האַלטן אַ יאָר, ער וועט געוויס דאָ אין יאָר מער פּראָפּיטירן, ווי מאַנכע סטודענטן וועלן עס אין 4 יאָר ניט פּראָפּיטירן. עס וואוינען דאָך דאָ 14 פאַמיליען, וואָס קענען אים געבן צוזאַמען קעסט און דירה. עס איז פאַר אייך, יידן, באמת אַ שאַנדע". אויך פּראָפעסאָר שאַרשמיד און פּראָפעסאָר טעטינס האָבן מיך פונקט אַזוי געבעטן פאַר דעם סטודענט מאַרקוס. איך האָב געמיינט, אַז ער האָט די פּראָפעסאָרן דערצו אָנגערעדט. איך האָב אַלזאָ געלאָזט רופן אַלע יידן און זיי פאָרגעשטעלט דעם ענין. איך האָב אים געהאַט געגעבן פאָראויס אַלע וואָך אַ רייכסטאַלער טאַשנגעלט, און פריי קעסט און דירה. מיר זיינען דורכגעקומען, אַז איך זאָל אים געבן פריי דירה, האָלץ און ליכט אויך יעדער וואָך אַ טאָג עסן; די איבעריקע זעקס טעג מוזן

די אַנדערע אַלע צוזאַמען אים שפייזן, וועלכע — צו מיטאָג, וועלכע — צו אָוונט-ברויט. איך האָט מען איינגעטיילט אַ רייכסטאָלער 16 שילינג טאַשנגעלט אַלע וואָך. אונזערע ווייבער זיינען זיך אויך צונויפגעקומען און אים געלאָזט מאַכן אַ נייַ בגד. ער איז אַלזאָ אַרויסגעהאָלפן געוואָרן, ער איז אויך חשוב געווען ביי די הערן פּראָפעסאָרן, דער הער הויפראַט דעטטערדינג האָט אים שטענדיק מיטגענומען, ווען ס'איז נאָר געווען עפּעס אַ באַזונדערער פּאָרפאַל ביי פּאַציענטן. ער איז אָנגעזען געווען אין שטאָט פאַר אַ געשיקטן מעדיצינער. ער איז געווען אומגעפער אַנדערט-האַלבן יאָר אין ביצאָוו, איז אַזוי מפורסם געוואָרן אין דער שטאָט, אַז די בירגער האָבן אים זייער געברויכט, זאָגאַר די פויערים פון דאָרף פלעגן קומען צו אים און געברויכט זיינע רעצעפּטן. ער איז געווען זייער גליקלעך מיט זיינע קורן, האָט ניט מער בייטיק גע-האַט צו נעמען טאַשנגעלט, האָט זיך אויך געמאַכט אַלערהאַנט מלבושים, זיך געפירט זייער זויבער. אַלע סטודענטן האָבן אים אויך געשעצט. איך האָב אים פאַרשאַפט אַ רייכע כלה. ענדלעך איז געקומען צום א ו נ ט ע ר פ י ר ן. איך האָב אים געליען 200 רייכסטאָ-לער, וועלכע ער האָט מיר געדאַרפט צאָלן נאָך זיין האָכצייט. ער האָט באַקומען צוויי טויזנט רייכסטאָלער נדן, האָט געוואוינט אין סטרעליץ. ער האָט אָבער אָנגעהויבן צו לעבן גרויס. איך האָב אים געשריבן וועגן מיין געלט, וועלכעס איך האָב אים געליען מזומן אָן שום אינטערעס; ער האָט מיר תמיד געשריבן אַלערליי תרוצים, כדי מיך אויפצוהאַלטן 4 אָדער 6 וואָכן. איך מוז מיר אַליין חנפען. פיל מענטשן האָב איך אין מיין לעבן גוטס געטאָן, אָבער מיט ווילן און וויסן קיינמאָל קיין בייז. לסוף איז ער אַוועק-געפאָרן פון סטרעליץ ווי אַ שעלם אויף אַ גענאַרערישן אופן. ער האָט געמאַכט אַ פאַלשן כתב, גלייך ווי דער דאָזיקער כתב וואָלט געווען אָנגעקומען פון דעם קאָמענדאַנט אויס שטעטין, מחמת ער האָט געהאַט געהערט, אַז דער הער דאָקטאָר מאַרקוס זאָל זיין זייער אַ גוטער דאָקטאָר, זאָל ער צו אים קומען, וועט ער אים אומקערן די הוצאות און גוט באַצאָלן. דער שווער האָט אים גע-געבן צו זיין רייזע זיין קאָטש און צוויי פערד, אַז ער זאָל

העכסטנס אין 14 טעג ווידער צוריקקומען. ער אָבער האָט געלאָזן זיין פרוי און אַ קליין קינד אין סטרעליץ ביי אירע עלטערן און איז אַוועקגעפאָרן קיין פוילן. אומגעפער אַ יאָר נאָכהער האָט ער געשריבן צו זיין פרוי און שוויגערעלטערן, צי זיי וועלן אים נאָכשיקן די פרוי און קינד קיין פוילן אין ליטאַ. דאָ זיינען פילע און רייכע יידן, וואָס האָבן מיט אים געמאַכט אַ קאָנטראַקט, אַז ער זאָל יערלעך האָבן פאַר דעם יידישן שפּיטאָל 500 רייכסטאָלער. וואָס האָבן די עלטערן געזאָלט טאָן? — האָבן זיי אים אַוועקגעשיקט זיין פרוי און קינד. איך האָב מיין לעבן קיין פעניג ניט באַקומען באַצאָלט. אַזעלכע שעלמעס האבן מיך זייער אָפּט אָפּגענאַרט. איך בין אין מיין לעבן ניט געווען להוט נאָך נקמה און בין שטענדיק געווען צופרידן מיט מיין גורל, איך האב אין מיין לעבן ניט געטראַכט מער ווי נאָר צו בלייבן אַן ערלעכער מאַן, דאָס איז געווען מיין דעה.

ג

עס איז מיר געגאַנגען ניט צום בעסטן, נאָר איך בין קיין מענטשן ניט שולדיק געווען, בין געווען אַ פרייער מאַן, איז מיר געקומען אין די געדאַנקען, ווי איך בין געווען ביי דער שוועדישער אַרמיי. האָב איך זייער פיל אַרבעט געהאַט ביי די שוועדישע אָפיצירן, זיי האָבן געזאָגט, איך זאָל קומען קיין שוועדן, ווייל ס'וואוינט ניט קיין שטיינשניידער אין דער גאַנצער שוועדישער מדינה. עס זיינען געווען זייער שלעכטע אומשטענדן אין גאַנץ מעקלענבורג, עס איז געווען אַ מגפה אויף פיה, אַז אַלע בהמות זיינען געפּגרט. עס איז ניט געווען קיין מילך צו באַקומען, אין ביצאָוו זיינען געווען 500 קי' אין שטאָט זיינען זיי אַלע געפּגרט, קיין 30 זיינען פון זיי ניט געבליבן. מיין גאַנץ הויז, מיין פרוי מיט 5 קינדער, מיין קנעכט און מיין דינסט זיינען ליידער געלעגן דריי מאָנאַט קראַנק אויף דיזענטעריע, נו קאָן מען זיך וואויל פאָרשטעלן, אַז קיין האַנדל איז ניט גע-

ווען און מ'האָט אויף אַלע אופנים היזק געליטן, און מ'האָט געמוזט זען עפּעס אַן אַנדערע זאַך אָנצוהייבן, איידער מען גייט אינגאַנצן צו גרונד. עס איז צו מיר געקומען מיין גוטער פריינד רב דוד און געקלאָגט מיר זיין נויט. דער מאַן איז פריער געווען אַ תקיפער מאַן, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז עס אים גייט פּונקט אַזוי ווי עס גייט מיר — עס איז ניטאָ קיין האַנדל. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך וועל מיט אים ניט מאַכן שותפות אַ געשעפט, מיר וואָלטן געקאָנט אַ סך פאַרדינען אָן דעם געשעפט. אָ יאָ — האָב איך געענטפערט. ער אָבער האָט געזאָגט: „ליבער ברודער, קענסטו אויך צוזאַמענמאַכן 500 רייכסטאָלער, וואָס מאַכן אויס אויף דיין חלק, און איך וועל אויך 500 רייכסטאָלער מוזן אַריינלייגן, מיר זאָלן אינאיינעם האָבן 1000 רייכסטאָלער". איך האָב געזאָגט: „ליבער ברודער, לאָז מיך הערן דיין ספּעקולאַציע". ער האָט געענטפערט: „דאָס וועל איך דיר זאָגן, דו מוזט מיר אָבער הייליק מבטיח זיין, אַז אויב דו קענסט ניט אָדער ווילסט ניט דערויף איינגיין, זאָלסטו עס צו קיינעם ניט אַנטדעקן". איך האָב אים געגעבן די האַנט דערויף. דאַן האָט ער געזאָגט: „איך קען לייכט אַן אַנדערן קריגן, נאָר מיר האָבן אַלעמאָל געלעבט ווי טרייע ברידער, און איך ווייס, אַז דיינע אומשטענדן זיינען אויך ניט גאָר געהויבן. דו האָסט פיל געליטן דורך דיין גוטהאַרציקייט. נו, וועל איך דיר זאָגן: פאַר אייניקע טעג איז געווען ביי מיר דער הער פאָן=בילאָוו. דו ווייסט — ער האַנדלט שטענדיק ביי מיר, ער האָט צו מיר געזאָגט, פיליכט פאָר איך קיין טערעך. דער הער פאָן=בליכער האָט אייניקע ציגן צום פאַרקויפן, ער נעמט פאַר יעדער ציג 8 רייכסטאָלער, זאָל איך ביי אים אייניקע קויפן. איך בין געוואָרן ערשטוינט פון דעם מסחר. איך בין געווען נייגעריק און האָב גענומען מיין פערד און בין גיך אַרויסגעריטן, און האָב אים געזאָגט: „איך האָב געהערט, זיי האָבן ציגן צו פאַרקויפן, איך וואָלט גערן אייניקע קויפן". ער האָט געענטפערט: „יאָ, איך האָב אייניקע ציגן פאַרקויפט, אָבער זיי זיינען שוין אַלע פאַרקויפט; ווען איך זאָל געווען האָבן 100, וואָלטן זיי שוין אויך אַלע פאַרקויפט געוועזן. איך האָב געהאַט ניט מער אַז צען, דער=

פון האָב איך 8 שטיק פאַרקויפט, צוויי דאַרף איך האָבן צו מיין באַלעבאַטישקייט". איך האָב אים געפרעגט, וואָס האָט ער באַקומען פאַר אַ שטיק, האָט ער געזאָגט, אַז 8 רייכסטאָלער און נעכטן האָט אים איינער 10 רייכסטאָלער געבאָטן פאַר איין ציג. איך האָב אַלזאָ ניט געקריגן קיין ציג, בין אַלזאָ געריטן אַ מייל אומזיסט. נו, וועל איך דיר זאָגן, דו ווייסט, איך בין אומגעפער פאַר דריי יאָרן געוועזן אין דער היים מיט מיין שוואָגער אין ר אָ ל צ י ן, האָב באַזוכט מיין משפחה, ווייל מיר האָבן געוואוינט ניט ווייט פון דאָרט. פאַרטיק געוואָרן מיט אונזער עסק, זיינען מיר פאַרפאָרן צו מיין ברודער. האָט ער געקויפט דריי שטיק ציגן אויפן מאַרק און האָט געגעבן פאַר אַ שטיק אַ רייכסטאָלער מיט 8 שילינג און האָט זיי געקוילעט, און אַנדערע לייט האָבן אויך געקויפט צו אַ רייכסטאָלער. איך האָב געפרעגט, פון וואַנען נעמען זיך די דאָזיקע אַלע ציגן, האָט ער געזאָגט, אַז ניט ווייט דאָ ביי דער פוילישער גרעניץ, פאַראַן דאָ פויערים, האָבן זיי דרייסיק און אַפילו פערציק שטיק, דרום פאַרקויפן זיי אַ סך, ווייל זיי פאַרמערן זיך שטאַרק. זיי באַקומען פון דאָס רוב ציגן אַלעמאָל צוויי יונגע. אַצונד דענק איך אַהינצופאָרן און ברענגען אַ ביסל. וועט דען ניט זיין דערביי אַ גרויס פאַרדינסט?"

איך האָב זיך באַטראַכט אין מיינע געדאַנקען, אַז אַציגנד ווינטערצייט צו פאָרן קיין שוועדן איז ניט קיין גאַנג, איך האָב זיך באַשלאָסן איינצוגיין אויף דעם געשעפט. איך האָב אויך געהאַט אַ רייטפערד, מיר האָבן אָפּגערעדט צו פאָרן אין אַן אַכטאָג אַרום. מיר האָבן געהאַט צו 500 רייכסטאָלער במזומנים יעדער איינער. קיינער האָט דערפון ניט געוואוסט. אַזוי האָבן מיר זיך געלאָזט רייטן, און צייט 10 טעג זיינען מיר געוועזן אויפ'ן אָרט. מיר האָבן דאָרט מיטגענומען אייניקע פערזאָנען, וואָס זיינען באַקאַנט געוועזן, איך האָב געררייזט אויף איין זייט מיט איין פאָר ק ע ר ל ס און רבי דוד אויף אַן אַנדער זייט מיט איין פאָר קערלס. אין אַ משך פון 8 טאָג האָבן מיר צוזאַמענגעקויפט 700 ציגן. מיר האָבן כמעט אַלע איינגעקויפט ניט מער ווי צו אַ רייכסטאָלער. דאַן האָבן מיר גענומען 8 ט ר י י ב ע ר ס, וואָס האָבן אונז גע=

זאָלט די ציגן טרייבן, אָבער אויך ניט אויף איין וועג. איך האָב גענומען די העלפט מיט מיינע טרייבערס און רב דוד מיט די אַנדערע טרייבערס — די אַנדערע העלפט. מיר האָבן געקאָנט דעם טאָג רייזן ניט מער אַז צוויי מייל, מיר האָבן געמוזט דריימאָל אין טאָג זיי פיטערן מיט היי, אויך אַרבעס־שטרוי. ווי מיר האָבן אַזוי געהאַט זיי געטריבן 4 טאָג, איז אַרויסגעפאַלן אַ גרויסער שניי. מיר האָבן ניט געקאָנט ליגן שטיל, דען דאָס געפיטער פון היי און שטרוי איז געוואָרן קנאַפּ, אַז מיר זיינען געלעגן דריי טעג. ווי ס׳איז געוואָרן אַ שטיל וועטער, האָבן מיר ווידער זיי געטריבן ווי ווייט נאָר מיר האָבן געקאָנט. עס איז געלעגן זייער הויך שניי. אַזוי ווי מיר האָבן אייניקע טעג אַלע געטריבן פאָרויס, האָבן זיך די ציגן געציקלט צו פרי, אַז ס׳איז נאָך ניט צייט געוועזן, אַזוי אַז די יונגע זיינען אַלע טויט געוועזן. אַלע אינדערפרי האָט מען געפונען אין שטאַל 15 ביז 20 שטיק ציגן טויט. אויך פיל פון די יונגע, וואָס זיי האָבן אָפּגעציקלט. וואָס האָבן מיר געזאָלט טאָן? מיר האָבן געמוזט אונזער וועג ווייטער האַלטן, אונזער רייזע־געלט איז געוואָרן קנאַפּ, מיר זיינען געקומען קיין פרידלאַנד און האָבן ניט געוואוסט, ווי אַזוי מיר זאָלן קומען אַהיים. דאָ האָבן מיר פאַרקויפט אומגעפער 30 שטיק און האָבן גענומען $2\frac{1}{2}$ רייכסטאָלער, אויך אייניקע צו 3 רייכסטאָלער. מיר האָבן נאָך געהאַט אומגעפער 250, האָבן מיר אָפּגעשאַפּט 6 קערלס און איבערגעלאָזט נאָר 2 טרייבערס. די לייט אין פרידלאַנד, וואָס האָבן היינט ביי אונז געקויפט ציגן, זיינען שוין אויף מאָרגן אייניקע טויט געוועזן, אַזוי אַז מיר האָבן געהאַט אַ חתונה און געמוזט זיך מיט די לייט פאַרגלייכן. מיר האָבן געזען וואָס גיכער אַוועקצוקומען פון פרידלאַנד, מיר האָבן אַזוי געריטן נאָך אייניקע טעג ביז 2 מייל פון סטרעליץ, האָבן אויפן וועג פאַרקויפט נאָך עטלעכע; פון אַלע אונזערע ציגן האָבן מיר געהאַט ביים לעבן נאָך אומגעפער אַ 60 שטיק. מיר זיינען געקומען צו אַ מילנער, ער האָט ביי אונז אָפּגעקויפט 2 שטיק, ער האָט געזאָגט, אַז די ציגן זיינען אַזוי אָפּגעמאָגערט פון די שלעכטע וועטערן, אַז מיר וועלן זיי ניט ברענגען קיין 4 מייל ווייטער, וועלן זיי אַלע פגרן. דער מאַן

איז געוויס געדעכט געווען, ער איז ווייזט אויס, געווען אַן ערלע־
כער מאַן, און ער האָט געזאָגט: „איך האָב געגוג פוטער, היי און
אַרבעס־שטרוי, לאָזט די ציגן ביי מיר שטיין 4 וואָכן, איך וועל
זיי גוט אויספיטערן פאַר אַ קלייניקייט און איך וועל אייך געבן
בכתב, אַז איר האָט ביי מיר שטיין אַזוי פיל און אַזוי פיל. פאַר
מיין פוטער פאַרלאַנג איך אויף 4 וואָכן פאַר יעדער ציג 8 שילינג.
מיר האָבן עס אָפּגעמאַכט שריפטלעך און זיינען אַוועקגעפאָרן
און האָבן ניט געהאַט אַפילו קיין 40 רייכסטאָלער פון אונזערע
1000 רייכסטאָלער. אין 4 וואָכן אַרום האָבן מיר געשריבן צו דעם
מילנער, אים געגעבן פולמאַכט, אַז ער זאָל די ציגן פאַרקויפן
אויף אונזער חשבון און דאָס געלט פאַר זיין פוטער זיך אָפּרע־
כענען און דאָס איבעריקע געלט אונז צושיקן.

דערויף האָבן מיר געקריגן אַן ענטפער, אַז מיר זאָלן אים
זיין כתב אָפּשיקן. דאַן האָט ער געמאַכט זיין חשבון: אַזוי פיל זיי־
נען געפגרט, און יעדע ציג באַזונדער באַרעכנט, צו וועמען ער
האָט פאַרקויפט, דערביי די דאַטע און דער נאָמען. אַזוי האָבן
מיר באַקומען 26 רייכסטאָלער און אייניקע שילינג. אַלזאָ האָבן
מיר דאָס דאָזיקע געלט געקריגען. דאָס איז געווען אַ אויסגע־
צייכנט געשעפט! דאָס אומגליק האָט מיך פאַרפאָלגט, אַצונד האָב
איך נאָך געהאַט מיין הויז און גאָרטן, אָבער קיינעם גאָרניט
שולדיק. איך האָב נאָך געהאַט אַ ביסל זילבער, וואָס איז געווען
פאַר מיין אייגענעם באַדאַרף, פונדעסטוועגן האָב איך זיך אַזוי
געהאַלטן, אַז קיינער האָט ניט געוואוסט מיינע שלעכטע אומ־
שטענדן.

איך האָב באַשלאָסן צוערשט פאָרן קיין שווערין, איידער
איך וועל קיין שוועדן אָפּרייזן, דען אין שווערין האָט געוואוינט
דער הויף־מעדאַליער רב אברהם, איינער פון די גרעסטע קינסטלער
אין דייטשלאַנד אין שטיינשניידעריי, איך האָב מיט אים צוזאַמען
געאַרבעט, ביי זיין ברודער ר׳ ליפמאַן אין ווערקשטעל. דער
דאָזיקער ר׳ ליפמאַן איז געווען ביי דעם פאָריקן הערצאָג הויף־
מעדאַליער און האָט געהאַט 500 רייכסטאָלער יערלעך שכירות.
עס פלעגט פיל געלט געשלאָגן ווערן, אָבער אַז דער הערצאָג איז

געשטאָרבן, דאָס שלאָגן מטבעות האָט אויפגעהערט, האָט דער דאָזיקער ר׳ ליפמאַן געקריגן זיין אָפּשייד. דער דאָזיקער ר׳ אברהם איז געווען ר׳ ליפמאַנס אַ ברודער, האָט זיך געלאָזט אַנגאַזשירן אַלס הויף־מעדאַליער אָן געהאַלט, נאָר בלויז פאַר דעם קליינעם פאַרדינסט, וואָס פאַלט אַריין ביי דער מינץ אַלס בייט־געלט, וואָס האָט געקאָנט איינברענגען הלוואי הונדערט רייכסטאָלער דורכן יאָר. איידער ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער אפשר געהאַט אַ קאַפּיטאַל פון 1000 רייכסטאָלער, האָט אויך באַקומען פון זיין פרוי 1500 רייכסטאָלער. איך האָב אויך געוואוסט, אַז ער האָט שוין געהאַט געפּטרט זיין געלט. איך בין מיט אים אַ ביסל אַרויס־געגאַנגען, מיר זיינען זיך געווען אַזוי געטריי, גלייך מיר וואָלטן זיין ברידער. איך האָב אים געפרעגט וועגן זיינע אומשטענדן, ווי גייט עס אים. ער האָט זיך געקלאָגט אַ סך מער ווי איך. איך האָב געזאָגט: „רעכט אויף דיר, דען דו דאַרפסט זיך ניט באַקלאָגן, אַזאַ קינסטלער זאָל אין מעקלענבורג בלייבן, ניט פאַרדינענדיק זיין ברויט! קום רייז מיט מיר קיין שוועדן—אין גאַנץ שוועדיש לאַנד וואוינט ניט קיין שטיינשניידער, וועלן מיר אַזוי פיל אַרבעט באַקומען, אַז מיר וועלן ניט אַלע קענען אויספירן. דו זאָגסט, דו האָסט אין צען וואָכן ניט געהאַט אפילו פאַר קיין צען רייכס־טאָלער אַרבעט; דערצו פאַרשטיי איך דעם גאַלאַנטעריי־האַנדל און בין אַ שטיקל מבין אויף אבנים טובות". ער האָט מיר געענט־פערט: „איך האָב אין מיין לעבן ניט גערייזט — זאָל איך מיין פרוי און קינדער לאָזן זיצן, און עס וועט אונז ניט גליקן דאָרטן צו וואוינען, דען איך האָב געהערט, אַז קיין ייד טאָר אין שוועדן ניט וואוינען. דאָך דו מיינסט, אַז ווייל אין גאַנץ שוועדן וואוינט ניט קיין שטיינשניידער, דעריבער וואָלט מען געקענט באַקומען פרייהייט אין שטאָקהאָלם צו וואוינען. אַלזאָ רייז דו אַהין, איך וועל דיר די העלפט פון דיינע רייזע־הוצאות צו שטייער געבן און וויבאַלד דו קריגסט די פרייהייט, קום איך נאָך דיר". איך האָב געזאָגט: „ברודער, האַלט דאָס דאָזיקע בסוד, זאָג עס ניט פאַר קיין מענטש, אפילו פאַר דיין פרוי ניט" — ער האָט מיר דאָסגלייכן געבעטן, איך זאָל עס אויך בסוד האַלטן, אפילו

פאַר מיין ברודער ניט זאָגן. ער האָט געהאַט אַ שוואָגער, אַ רייכן, אָבער מיין ברודער דאָ אונטן אין שווערין איז געווען איינער פון די רייכסטע צווישן די יידן. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מאַן פון 100,000 טאָלער. איך האָב געזאָגט: „מאָרגן וועסטו פון מיר באַשייד האָבן״, און בין געגאַנגען אַהיים צו מיין ברודער אברהם. איך האָב געהאַט ביי מיר פאַר אַ פּאָר הונדערט טאָלער זילבער. עס איז געווען מיין אייגן זילבער. מיר האָבן אָפּגעגעסן מיטאָג און איך בין ווידער אַהינגעגאַנגען צו רב אברהם און האָב צו אים געזאָגט: „ליבער ברודער, איך וועל דיין פאָרשלאָג אָננעמען, אָבער מיר מוזן עס מיט אַ נאָטאַריוס שריפטלעך מאַכן״. ער איז דערמיט געווען צופרידן. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל וויסן, דרום האָבן מיר ניט געוואוסט, וואוהין מיר זאָלן אַהינגיין און זיך אָפּשרייבן. ענדלעך האָט רב אברהם געזאָגט: „איך האָב דורויסן, אונטער שטאָט אַ גוטן באַקאַנטן, דאָס איז אויף „די שלייפמיל״, עס איז אַהין קיין פערטל מייל ניט, און קיינער קומט דאָ ניט אַזוי לייכט אַרויס. און איך האָב אַ גוטן באַקאַנטן נאָטאַריוס, וואָס וועט מיט אונז אַרויסגיין״. איך בין אַלזאָ ווידער געגאַנגען מיט אים צו אים אַהיים, מיר האָבן געטרונקען קאַווע. ווי מיר האָבן נאָר געהאַט אָפּגעטרונקען, אַזוי האָט ער צו מיר געזאָגט: „ליבער ברודער, איך וועל אַ ביסל אַוועקגיין, בלייב דאָ ביי מיין פרוי, איך וועל באַלד צוריקקומען, וועלן מיר דאַן אַ ביסל שפּאַצירן גיין פאַר דעם טויער״. ער איז גלייך אַהינגעגאַנגען נאָך דעם נאָטאַריוס און האָט זיך אָפּגערעדט מיט אים און האָט אים געשיקט פאָראויס, אַז פאַר דעם טויער איז פאַרהאַן אַ האַרבעריג, זאָל ער דאָרט פאָדערן אַ בוטל ווייַן, דאָרט וועלן מיר נאָך אים קומען. ער איז אַלזאָ געקומען אַהיים, מיר זיינען ביידע אַוועקגעגאַנגען און געקומען צום נאָטאַריוס און באַצאָלט פאַרן וויין און אַוועק שפּאַצירן. מיר האָבן געקראָגן אַ שטוב, וואו מיר זיינען געווען אַליין, מיר האָבן זיך אָפּגעשריבן, אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט. מיר האָבן זיך מתחייב געווען מיט אַ שבועה, אַז מיר וועלן עס הייליק האַלטן:

מיר דאַרפן טיילן אונזער פאַרדינסט אויף גלייך, קיינער האָט ניט

מער, מעג דער פאַרדינסט זיין דורך דער אַרבעט אָדער דורך האַנדל, האָט יעדערער אַ גלייכן טייל. מיר האָבן זיך דאָ אויפגעהאַנדל, ... האָט יעדערער אַ גלייכן טייל. מיר האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן אייניקע שעה, עס איז געוואָרן אָוונט. רב אברהם האָט געהאַט באַשטעלט ביי זיין פרוי אַ גוטן אָוונטמאָלצייט. איך אָבער האָב דערפון ניט געוואוסט. איך האָב געוואָלט אַהיים גיין אין מיין ברודערס הויז, אָבער רב אברהם האָט מיך ניט געוואָלט לאָזן, איך האָב געמוזט מיט אָים צו אים גיין. ער האָט געהאַט נאָך אייניקע פון זיינע פריינד מיט צום טיש און האָבן געהאַט אַ שיין אָוונטברויט, האָבן געהאַט אייניקע בּוּטעליער גוטן וויין און זיינען געווען אַ רעכט ביסל לוסטיק. די גלאָק איז געווען עלף, איך האָב מיך מיט גוואַלד געמוזט אַרויסרייסן, אַהיים צו גיין. איך בין געקומען אַהיים, דער טיש איז געווען געדעקט, מיין שוועגערין האָט שטאַרק אונטערגעברומט: „מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אייך מיט דעם אָוונטברויט, און אונזערע קינדער האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט און איצט זיינען זיי אַיינגעשלאָפן, זיי האָבן ניט געוואָלט פריער עסן, וואו דער פעטער אהרן איז ניטאָ. נו, זיינען זיי הונגעריק שלאָפן געגאַנגען". מיין ברודער האָט געזאָגט: „יאָ, ער האָט געוויס ביי אברהם פּ״ח׳ס ברודער ניט געקענט אַוועקגיין פון די ליבע טאַראָק־קאָרטן". איך בין געווען אַ ביסל אויפגערוימט פון דעם וויין, האָב איך געזאָגט: „וואו איז דאָס מיידל, איך וויל צו בעט גיין. איך קום אַזוי זעלטן אַהער, און דאָ קריגט איר זיך מיט מיר, כּדי מיינער גיכער פּטור ווערן, איך וועל טאַקע מאָרגן אַהיים פאָרן". מיין שוועגערין האָט מיך געבעטן, איך זאָל גיין צום טיש, מ׳האָט קיין שום בייז דערמיט ניט געמיינט. איך האָב דערויף געזאָגט, אַז איך וויל ניט עסן. קיין מיידל איז דאָ ניט געווען, עס זיינען געשטאַנען 3 ליכט אויפן טיש, איך האָב איינס פון זיי גענומען און בין געגאַנגען צו בעט, האָב געזאָגט אַ גוטע נאַכט און בין אַרויס צו דער טיר. מיין שוועגערין היגטער מיר האָט זיך אָפּגערופן: „ליבער שוואָגער, דאָס וואָלט איך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געגלויבט אויף אייך, אַז איר זאָלט מיט אַמאָל אַזוי קענען אויפגעבראַכט ווערן". איך האָב אָבער געוואָלט נאָך מער איר לייד מאַכן, פאַרוואָס זי האָט

געבּרומט און האָב געזאָגט: „איך וועל צו אייך געוויס נאָכאַמאָל ניט קומען, אַ גוטע נאַכט, ליבּע שוועגערין״. — „נו, דאָס ווייס איך שוין ניט, וואָס מיט אייך איז געשען!״ איך האָב אַ טראַכט געטאָן פאַר זיך: „איך ווייס עס וואויל, איך האָב צו פיל ווײַן געטרונקען״. דעם אַנדערן טאָג, ווי איך בּין אויפגעשטאַנען און מיר אַ ליולקע טאַבּאַק געמאַכט און בּין אַראָפּ אונטן, האָט מיך מיין שוועגערין געפרעגט, צי איך בּין נאָך אַזוי געשטימט ווי נעכטן. — „ליבּע שוועגערין, וואָס מיינט איר דערמיט, זייט איר דען בּייז אויף מיר ווי נעכטן?״ — „חס וחלילה, איך בּין אייך אין מיין גאַנץ לעבּן גוט געווען און בּין נעכטן אויך ניט בּייז געווען״. איך האָב איר אַ קוש געטאָן די האַנט און געבּעטן פאַרצייאונג. זי האָט מיר אויך געקושט אויף דער האַנט: „איר זייט פאָרט מיין ליבּער שוואָגער!״ דאַן האָט זי מיך געפרעגט, צי איך וויל, מען זאָל מיר מיין קאַווע דערלאַנגען אַרויף, ווי איך פלעג עס שטענדיק קריגן, ווייל איך בּין אַלעמאָל צייטיקער אויפגעשטאַנען ווי מיין בּרודער און שוועגערין. איך האָב געזאָגט: „ליבּע שוועגערין, איר זייט דאָך אויך אַלע אויף, איך וויל האָבּן די ערע צו טרינקען מיט אייך״. ענדלעך איז דער בּרודער אויך אויפגעשטאַנען, מ'האָט אַריינגעבּראַכט קאַווע, מיר האָבּן זיך געזעצט צום קאַווע, מיין בּרודער האָט געזאָגט: „פאַרוואָס האָסטו נעכטן ניט געגעסן? דו בּיסט נאָך אַלץ אַזוי ווי דו בּיסט געווען אין דער היים אין טרייענבּריצן, אָדער דיר מוז וואָס פעלן, מיר האָבּן קיין איין בּייז וואָרט ניט געזאָגט. ווילסטו דען היינט פאָרן?״ — אָ, יאָ, האָב איך געזאָגט. — „דאַן וועל איך דיר דיין געלט פאַרן זילבּער בּאַצאָלן.״ איך האָב גענומען געלט און געשיקט דורך דער פּאָסט, אַז איך פאָר קיין בּיצאָוו, האָב זיך געזעגנט מיט אַלע מיינע גוטע פריינד און בּין אַוועקגעפאָרן אַהיים.

ד.

אַז איך בין געקומען אַהיים צו מיין פרוי, האָב איך געזאָגט: „דו ווייסט, אַז אומגעפער מיט 14 טעג צוריק האָב איך געהאַט אַ בריוו פון גראַף יאַנקע אויס שטראַלזונד, שרייבט ער מיר, איך זאָל צו אים אַריבערקומען. ער און זיין ברודער דער איבערשט-לייטענאַנט האָבן אָרדנס באַקומען, ווילן זיי,האָבן אויסגעשניטן איי-ניקע שטיינער מיט זייערע הערבן און אויבלען; איך בין זיי רעקאָמענ-דירט געוואָרן. דו ווייסט, איך האָב זיי געענטפערט, אַז אין דריי וואָכן אַרום וועל איך זיין. און אַזוי ווי די אַנדערע וואָך איז דאָרט אַ מאַרק, וועל איך זונטאָג אָפּפאָרן פון דאַנען. איך קען אַזוי גע-שווינט אַהיים ניט קומען, ווייל דאָרט איז ניטאָ קיין איין שטעמפּל-שטעכער. עס קען זיין, אַז איך וועל דאָרט אייניקע חדשים האָבן אַרבעט”, זי איז געווען דערמיט צופרידן, ווייל מער האָט זי פון קיין זאַך ניט געוואוסט, איך האָב איר געלאָזן אין שטוב 120 רייכסטאָלער. איך בין אַלזאָ אָפּגעפאָרן, איבערגעלאָזט אין דער היים מיין פרוי און פינף קינדער; בין בשלום געקומען קיין שטראַלזונד מיט מיינע ווערקצייג. איך בין גלייך אַוועק צום רע-גירונגסגראַף יאַנקע און האָב פון אים באַקומען אַ שטיין צו שניידן, דאָסגלייכן פון זיין ברודער אויך אַ שטיין. איך האָב זיך געמאָלדן ביים גובערנאַטאָר גראַף צינקלער, ביי גראַף העפּקע, דאָס איז געווען דער קאָמענדאַנט, אויך ביי דעם פּרעזידענט גראַף פּוטבוס. איך האָב באַקומען זייער פיל אַרבעט. די פיינסטע אַרבעט פלעג איך אָפּשיקן צו ר' אברהם קיין שווערין, און האָב אים געשריבן, ער זאָל עס גוט מאַכן, דען דורך די לייט האָב איך געהאָפט צו קריגן רעקאָמענדאַציעס צום קיניג פון שוועדן. איך האָב געהאַט זייער פיל אַרבעט פון אַלע די העכסטע פּערזאָנען. איך האָב גע-האַט אפשר איבער 200 רייכסטאָלער אַרבעט, איך בין געווען זייער חשוב ביי דעם קאָמענדאַנט גראַף העפּקע. ער האָט מיר

געגעבן רעקאָמענדאַציעס צו זיין ברודער, דעם רייכסראַט גראַף העפקע, אויך צום אייבערשטאַטהאַלטער קאַרל שפּאַרע. ער האָט מיך רעקאָמענדירט אין שטראַלזונד, וואו נאָר ער פלעגט קומען. איך האָב באַקומען פון דער גאַנצער רעגירונג רעקאָמענדאַציעס צום קיניג. איך האָב פון שווערן באַקומען צוריק די אַרבעט, וואָס איך האָב געהאַט צוגעשיקט צו ר' אברהמען, און זיי האָבן זיך געוואונדערט איבער דער שיינער אַרבעט. וואָס איך האָב באַגערט, האָב איך באַקומען מיט דעם גרעסטן כבוד. אין דעם האָט איינער פון שטראַלזונד מסתמא געשריבן קיין שווערין, אַז איך בין אָנגעזעצן אין שטראַלזונד ביי אַלע שררות און איך האָב באַקומען אַ פּאַס פון דער רעגירונג צו פאָרן קיין שוועדן. דאָס האָט באַקומען צו וויסן מיין ברודער אברהם, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז איך האָב זיך פאַרבונדן מיט רב אברהם פ"ח. ער האָט גלייך געשריבן צו מיין פרוי אין ביצאָוו, זי זאָל בשום אופן מיך ניט לאָזן פאָרן קיין שוועדן, און האָט תיכף געשריבן צו מיר קיין שטראַלזונד אַ גראָבן בריוו: „איצט האָסטו עס גענוג ווייט געבראַכט אין דער וועלט, אַז דו לאָזט זיצן די פרוי און קינדער. אַזוינס וואָלט איך ניט געגלויבט, אַז דו ביסט אין אַזעלכע שלעכטע אומשטענדן. דו האָסט אַזוי פיל נאַרישקייטן אין דיין לעבן געמאַכט, אָבער די דאָזיקע אונטערנעמונג איז די גרעסטע נאַרישקייט — צו פאָרן, וואו קיינמאָל איז קיין ייד ניט געווען און טאָר קיינמאָל ניט קומען, וואו מען קען ניט קיין שפּראַך. איך גלויב, אַז דו ביסט פאַרצווייפלט און פעכטסט ווי אַן אומזיניקער מענטש. באַדענק זיך, וואָס פאַר אַ שריט דו ווילסט טאָן. איך האָב דיר אַזוי אָפט געמאָנט און דו קלעפּסט זיך אַלץ צו שלעכטע מענטשן. דו האָסט מיר קיינמאָל ניט געוואָלט הערן, הער־זשע מיך איצט און קום אַהיים. עס וואוינען אַזוי פיל יידן אין דער מדינה, עס איז נאָך קיינער ניט אַוועק און איבערגעלאָזט זיצן אַ פרוי און קינדער. איך וועל דיר צו הילף קומען".

אָבער מיין דעה איז געווען פעסט און איך האָב זי ניט געוואָלט ענדערן. איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט דערויף. אייניקע טעג פאַר מיין אָפּפאָר איז מיין עלטסטע טאָכטער געקומען

קיין שטראַלזונד, האָט מיר געבראַכט אַ בריוו פון מיין פרוי זייער יאָמערלעך, איך זאָל ניט פאָרן. מיין טאָכטער, וועלכע איך האָב הערצלעך ליב געהאַט אָן אַ שיעור, האָט זיך צעוויינט און געזאָגט: „ליבער פאָטער, ווען איר וועט אַוועקפאָרן, וועט איר אונז שוין ניט געפינען לעבעדיקערהייט", ווי ס איז לײדער טאַקע געשען. איך האָב איר פאָרגעשטעלט מיינע שלעכטע אומשטענדן און דאַן דאָס גליק, וואָס ס'שטייט מיר פאָר. וואָס האָט זי געזאָלט טאָן, אַז זי האָט גאָרניט געקענט העלפן? איך האָב זי באַשאָנקען מיט אייביקע זאַכן און זי ווי ווייט מעגלעך צופרידן געשטעלט, אַז זי איז אויפן אַנדערן טאָג אַוועקגעפאָרן אַהיים אויף דער פאָסט.

איך בין שוין געוועזן אויף דער פאָסטיאַכט און האָב געהאַט באַצאָלט מיין פאָסטגעלט ביז אישטאַדט. אַלע שטראַלזונדער יידן זיינען געקומען צו מיר און האָבן אַזויפיל צוגערעדט, איך זאָל ניט פאָרן קיין שוועדן און האָבן מיר דערפאַר אַלערליי פאָרוואורפן געמאַכט. אָבער איך בין אין מיין לעבן קיין פ ו ל ט ר אָ ן ניט געוועזן, בין באַשטאַנען אויף מיין באַשלוס. אַז איך בין די בריק אַרונטער איינצושטייגן אין פאָסטיאַכט, האָט די גאַנצע יידישע עדה און אויך אייניקע פון זייערע ווייבער מיך באַגלייט. זיי האָבן נאָך אַלץ געטענהט, אַז איך וועל נאָך ניט פאָרן, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן, מיין באַשלוס האָט געמוזט אויסגעפירט ווערן. זיי זיינען אַלע געוועזן אויף דער שיף. די ווייבער האָבן ביטערלעך געוויינט, גלייך ווי איך וואָלט געהאַט געפאָרן קיין אַמעריקע. ווי זיי האָבן דערזען, אַז דער אַנקער ווערט אַראָפּגענומען, זיינען זיי אַרונטערגעגאַנגען פון שיף און ג ע ז ע ג נ ט זיך אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבן די שיף געזען אין ים. מיר האָבן אָפּגעזעגלט פון שטראַלזונד דריי אַ זייגער בייטאָג. דעם אַנדערן מאָרגן עלף דעם זייגער זיינען מיר געוועזן אין אישטאַדט. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט מיר געשאַפן אַ דירה ביי אַ מאַן, וואָס האָט זייער גוט גערעדט דייטש, וואָרעם ער איז געוועזן אַ געבוירענער פון דייטשלאַנד. ער און זיין פרוי זיינען געוועזן זייער באַשיידן. איך האָב געהאַט בדעה פיר וואָכן אויפצוהאַלטן זיך אין אישטאַדט, כדי אַ ביסל אויסצולערנען די שפּראַך, אויך צו זען, וואָס פאַר אַ

אומגאַנג מען קען דאָ האָבן מיט די מענטשן. איך האָב מיין געַ־
צייג געהאַט ביי זיך. מיין בעל־הבית האָט מיר צו וויסן געגעבן,
איך זאָל גיין צום בירגערמייסטער און אים ווייזן מיין פּאַס און
אים זאָגן, אַז איך וויל זיך דאָ אויפהאַלטן פיר וואָכן. איך האָב
אַזוי געטאָן. דער בירגערמייסטער האָט געקענט אַ ביסל דייטש.
איך האָב אים געוויזן מיין פּאַס און 14 שטיק רעקאָמענדאַציעס
צום קיניג. איך האָב אויך באַקומען צו מאַכן אַ חתימה פאַר אים.
די אַרבעט איז ניט געווען אַזויפיל פון פאַרדינסט, וואָס איז דער־
ביי געשטאַנען, אָבער דורך פערלען און אבנים טובות האָב איך
געהאַט שיינעם פאַרדינסט. בשעת איך פלעג ניט אַרבעטן, האָט מיך
מיין בעל־הבית געלערנט עטוואָס שוועדיש ריידן. די שפּראַך איז
מיר זייער זויער אָנגעקומען. ווי מיינע פיר וואָכן זיינען פאַרביי און
איך האָב געוואָלט פאָרן, האָט מיר מיין בעל־הבית געזאָגט, אַז עס
איז ניט גוט צו פאָרן אין שוועדן, ניט קענענדיק עטוואָס ריידן.
ער האָט מיר צוגעראָטן, איך זאָל פאָרן קיין מאַלמע און דאָרט
זיך אויפהאַלטן פיר וואָכן. עס איז אַ שיינע שטאָט. דאָרט וועל איך
געוויס באַקומען אַרבעט און וועל אויך קענען אַ ביסל לערנען
שפּראַך און האָט מיר מיטגעגעבן אַ בריוו צו זיינעם אַ גוטן באַקאַנטן
אַ אָרגלבויער, וועלכער איז זייער פיל געפאָרן אין דייטשלאַנד און
רעדט אַזוי גוט דייטש, אַזוי ווי אַ געבאָרענער פון דייטשלאַנד. ער
האָט מיר אויך מיטגעגעבן זיין לערנונג, וועלכער האָט מיט מיר
געמוזט פאָרן ביז מאַלמע, ווייל איך האָב די שפּראַך ניט געקענט,
צו ריידן מיט דעם פורמאַן, דינגען פערד און מאַלע וואָס עס
מאַכט זיך. איך האָב געפאָלגט זיין עצה און עס איז געגאַנגען זייַ־
ער גוט. איך בין געקומען בשלום קיין מאַלמע. מיין בעל־הבית
איז געווען זייער אַ בראַווער מאַן און רייך. ער האָט מיר געגעבן
זייער אַ שיינע דירה. איך בין געגאַנגען צום בירגערמייסטער און
אים געוויזן מיין פּאַס. ער האָט אים גענומען און געלייענט. איך
האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל זיך דאָ אויפהאַלטן פיר וואָכן. ער
האָט ניט געקענט קיין דייטש און איך קיין שוועדיש. איך האָב
אים געוויזן מ י י ן רעקאָמענדאַציע, ער האָט אונטערגעשריבן מיין
פּאַס און האָט מיר אים צוריק אָפּגעגעבן און געזאָגט: גוט.

איך האָב געמאַכט מיין קראַץ און באַדאַנקט און געזאָגט: אַדיע.

ביי מיין אַהיים גיין האָב איך געטראָפן אַ געטוי־פטן ייד. ער האָט מיר געגעבן די האַנט און געזאָגט: „שלום עליכם, ר׳ אהרן". איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן און האָב נאָר געזאָגט: „פון וואַנען קענט איר מיך?" ער האָט געזאָגט: „איך בין אַלס בחור געפאָרן מיט נאָך אַ בחור און איך בין ביי אייך אין ביצאָוו געווען איבער שבת אומגעפער פאַר פיר יאָרן.

איך האָב צו יענער צייט געהייסן אברהם בראָדי. דאָ האָב איך זיך געלאָזט טויפן און הייס ב. איך בין קיין ביצאָוו געקומען דאָ־נערשטאָג און געווען איבער שבת ביי ר׳ דוד, וואָס וואוינט ניט ווייט פון דעם שלאָס. זונטאָג בין איך אַרומגעגאַנגען, ווי עס טוען געוויינלעך די בחורים, עטוואָס אַ ביסל רייזע־געלט צוזאַמענצו־מאַכן. איך בין אַלזאָ געקומען צו אייער שטוב, אָנגעקלאַפּט אין טיר און אַריינגעגאַנגען. דרינען איז קיינער ניט געווען. אויף אַ שטול זיינען געהאַנגען אַ פּאָר שוואַרצע זיידענע שטרימף.

איך האָב זיי אַריינגעשטאָפּט צו זיך, איך האָב זיי געדאַרפט זיי־ער נייטיק האָבן און בין ווידער אַרויסגעגאַנגען. ווי נאָר כ׳בין אַרויס דורך דער טיר, איז מיר געקומען אַנטקעגן אייער פרוי.

איך האָב זי געגריסט און געבעטן, זי זאָל מיר עטוואָס באַהילפיק זיין צו מיין רייזע. זי האָט מיר געגעבן פיר שילינג און האָט מיר געפרעגט, צי וועל איך מיטנעמען אַ פּוטער־ברויט. איך האָב באַ־דאַנקט און אויך מיטגענומען דאָס שטיק ברויט מיט פּוטער. איך בין אַוועקגעפאָרן מיט מיין חבר ווייטער. מיר האָבן ביידע ניט געקענט באַקומען קיין קאָנדיציעס. לסוף בין איך אַהערגעקומען און מיין גליק געמאַכט און האָב דאָ חתונה געהאַט. איצטער, ליבער רב אהרן, וויל איך אייך פאַרגיטיקן פאַר אייערע זיידענע שטרימף. קומט מיט מיר אַהיים, איך האָב אַ גרויס הויז און בין אַ קאָרנהענדלער. איר וועט האָבן פריי קוואַרטיר, און אַלץ, וואָס איר קענט געניסן, וועט איר ביי מיר האָבן פריי. מיינט ניט, אַז ווייל איך האָב זיך איבערגעקערט, בין איך פאַלש. אדרבא, ווען איך זע אַ יידן, פרייט זיך מיין האַרץ און לייב". איך אָבער האָב אים באַדאַנקט פאַר זיין אָנמוט און געזאָגט: „דאָ וועל איך ניט

פאַרבלייבן, איך מוז פאָרן קיין שטאָקהאָלם וועגן אַ פראָצעס" דערצו נאָך האָב איך מיין קופערט אויף מיין קוואַרטיר". ער איז אָבער אַזוי צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל כאָטש נאָר אונטערגיין צו אים אין שטוב, דען זיין פרוי האָט נאָך אין איר לעבן קיין אַנדער ייד ניט געזען אַחוץ אים. איך האָב פון אים ניט געקענט פטור ווערן און געמוזט מיט אים מיטגיין אַהיים. ער האָט געהאַט אַ גרויס שיין הויז און אַ בכבודיקע פרוי און אַ קינד אומגעפער פון פיר וואָכן. ער איז צו זיין פרוי געקומען אויף אַ וואונדערלעכן אופן. עס איז דאָ אין מאַלמע אַ דייטשע קירך און אַ פאַרזאַמלונג. ער, דער דאָזיקער ב., האָט זיך געמאָלדן ביי דעם דאָזיקן דייטשן פריסטער, אַז ער וויל זיך לאָזן טויפן. דער דאָזיקער פריסטער האָט זיך גענומען אים לערנען די קריסטלעכע רעליגיע, האָט אים אויך געגעבן פריי קוואַרטיר אין זיין הויז. ער איז געווען אַן אַלטער בראַווער מאַן. ער האָט ניט געהאַט ניט קיין פרוי און ניט קיין קינדער. ער האָט געהאט ביי זיך זיין שוועסטערס אַ טאָכטער אַלסווירטין. דער דאָזיקער ב. האָט זיך מיט איר באַקענט און האָט איר באַשווענגערט. דאָס דאָזיקע מיידל האָט געהאַט אין מאַלמע אַ שוועסטער, וועלכע איז געווען פאַרהייראַט פאַר איינעם פון די גרעסטע קויפלייט. זיי האָבן געזאָגט צו דאָס מיידל, זי זאָל אָפּלאָזן פון דעם דאָזיקן ב., וועט זי גלייך אַ מאַן באַקומען און אַ בכבודיקן; אויב אָבער זי וועט פון אים ניט אָפּלאָזן, וועלן זיי איר ניט אָנערקענען פאַר אַ שוועסטער. זי אָבער האָט געזאָגט: „דער וואָס האָט מיך אומערלעך געמאַכט, דער מוז מיך ווידער ערלעך מאַכן". דער גוטער אַלטער פריסטער איז אונטער דעם געשטאָרבן און האָט פון דער גאַנצער זאַך גאָרניט געוואוסט. דער דאָזיקער ב. איז די גאַנצע צייט, וואָס דער פריסטער איז קראַנק געווען, תמיד געווען ביי אים, און האָט אים אויפגעפאַסט אין זיין קראַנקהייט. מען האָט דעם פריסטער געהאַלטן פאַר אַ רייכן מאַן, אָבער נאָך זיין טויט האָט מען קיין געלט געפונען. פריער האָט דער דאָזיקער ב. חתונה געהאַט מיט דער דאָזיקער מאַמזעל, ער האָט געלעבט זייער לוסטיק, אַלע טאָג אויפן ווייבקעלער, און ווער ס'איז נאָר צו אים געקומען,

פלעגט אים ב. מכבד זיין, און האָט זיך זייער געבלאָזן, אַ גרויס הויז געקויפט, זיך איינגעקויפט פאַר אַ גרויסן קויפמאַן אין דער האַנדלס־קאָמפּאַניע און האָט קיינמאָל ניט געהאַט וואָס צום קויף — האָט זיך געהאַלטן אַלע טאָג גוטע פריינד צום טיש. דאָס האָט מיר דערציילט מיין בעל־הבית מיט אַזעלכע אויסדרוקן. דאָס געלט איז אים זויער אָנגעקומען, וועט עס טאַקע האָבן אַזאַ קיום.

איך בין שוין געווען פיר וואָכן אין מאַלמע און האָב גע־קלערט צו פאָרן ווייטער. אין האָב דאָרט געהאַט שיין פרנסה אין מאַלמע, אויך האָב איך געקראָגן צו קויפן פיל פערלען און אבנים־טובות. דער דאָזיקער ב. איז געקומען צו מיר, ווען ער האָט דערהערט, אַז איך וויל אַוועקפאָרן, און האָט געזאָגט: „ליבער פריינד, קענט איר ניט בלייבן דאָ נאָך אַכט טעג, וועל איך אויך פאָרן קיין שטאָקהאָלם. איך האָב דאָרטן שטיין אין אַ באַנק זעקס טויזנט טאָלער. דאָס געלט וועל איך אייך לייען אויף 5 פּראָצענט. אין שטאָקהאָלם בין איך באַקאַנט, וועל איך אייך דאָרט רעקאָמענ־דירן, וועט איר קענען זייער פיל פערלען און אבנים־טובות האַנדלען. איך בין אויך זייער באַקאַנט ביי דעם הערצאָג קאַרל, וועל איך אייך רעקאָמענדירן וועגן אייער פּראָצעס. אגב נעמט איר דאָך צוויי פערד, און קענט מיר היבש איינשפּאָרן, ווען מיר וועלן ביידע פאָרן מיט צוויי פערד". איך האָב זיך געלאָזט דער־צו איבעררייַדן, ווייל איך האָב ניט געקענט די שפּראַך.

אַזוי זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין קריסטיאַנשטאַט. זיין פרוי האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים דאָך עטוואָס צוריידן, ער איז אַזוי ווייטלויפיק, זי האָט געגלויבט, אַז אַלע יידן ריידן אַזוי, זי זעט אָבער, אַז איך בין אַזאַ געלאַסענער. אויף דער נסיעה האָט ער זיך אויפגעפירט אָרנטלעך. אָבער אין קריסטיאַנשטאַט האָב איך זיך אויך אויפגעהאַלטן פיר וואָכן, פלעגט ער כמעט יעדן אָוונט קומען אַהיים אַ שיכורער און נאָך מיטברענגען מיר אין שטוב אַריין געזעלשאַפט. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל דאָס אַוועק־וואַרפן, אָדער ער זאָל נעמען אַן אַנדערע דירה. צום סוף האָט ער דאָס אַוועקגעוואָרפן, האָט מער קיינעם ניט מיטגענומען. איך האָב געטראַכט, אַז בשעת איך וועל שוין זיין אין שטאָקהאָלם,

וועל איך פון אים פטור ווערן. מיר זיינען אַלזאָ אָפּגעפאָרן פון קריסט־יאַנשטאַט. האָט ער געוואָלט, איך זאָל פאָרן קיין גאָטנבורג, דאָס איז אַ גרויסע שטאָט, וועל איך קענען פיל האַנדלען, דען ער איז געגאַנגען הויזירן פאַר מיר און איך פלעג אים אָפּגעבן אַדריטל, וואָס מיר האָבן פאַרדינט. ער איז אָבער געווען אַ שלעכטער מענטש, בשעת ער איז געווען שיכור, פלעגט ער מיט אַלע מענטשן האָבן קריגעריי און שלעגעריי און ניט געשעצט קיין געלט. דאָס איז מיר, אמת, ניט אָנגעגאַנגען, איך האָב זיך אָבער געמוזט שעמען אויף מיין קוואַרטיר, וואָס איך האָב ביי זיך אַזאַ שלעכטן מענטש. סוף־כּל־סוף זיינען מיר אָפּגעפאָרן פון קריסטיאַנשטאַט. כ'האָב שוין מער ניט געוואָלט זיך אויפהאַלטן אין קיין שטאָט. איך האָב אים אויך ניט געזאָגט פון מיינע געשעפטן, וואָס איך האָב געוואָלט זוכן אין שטאָקהאָלם.

ה.

ווי מיר זיינען געקומען קיין שטאָקהאָלם, האָט ער מיך געלאָזט שטיין אויף דער גאַס מיטן וואָגן. מיר זיינען געקומען אַהער ראש־חודש תּמוז ה'תּקל"ד. די גלאָק איז געווען ניין אַ זייגער פאַר מיטאָג. עס איז געווען זייער הייס, בין איך אָפּגעשטאַנען 2 שעה. אַלע מענטשן, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן מיך אָנגעקוקט. ענדלעך איז ער אָנגעקומען צו גיין. איך האָב אים געפרעגט, וואו איז ער אַזוי לאַנג געווען. ער האָט געזאָגט, אַז דאָ איז ניט ווי אַנדערע שטעט, וואָס מען קען גלייך באַקומען אַ דירה. פאַרהאַן דאָ ערטער, וואו מען קען אַ דירה באַקומען, נאָר פאַר אַ פרעמדן מענטשן איז דאָ זייער געפערלעך. „איך האָב באַשטעלט, אַז אין אַ האַלב שעה אַרום זאָל איך אַ תּשובה האָבן" — און איז ווידער אַוועק. ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו איך בין געשטאַנען, האָט געוואוינט אַ ברויער. דער מאַן האָט געקענט ריידן דייטש. ער איז פאַרבייגעגאַנגען און געהערט, ווי דער פורמאַן האָט געזאָגט, אַז ער וויל דאָ לענגער ניט שטיין, ער וועט די קופערטס אָפּפּאַקן. דער ברויער האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס שטיי איך דאָ שוין אַזוי לאַנג. איך האָב אים דערציילט פון מיין חבר, וואָס זוכט אַ דירה און האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט איינע באַשטעלט, ער האָט געדאַרפט אין אַ האַלב שעה אַרום אַ תּשובה ברענגען, און עס

איז שוין $1\frac{1}{2}$ שעה ווי ער איז ווידער אַוועק. דער ברויער האָט זיך צעלאַכט. „דאָ קען מען באַקומען געגוג דירות". ער האָט געזאָגט: „דער מענטש האָט ניט וואָס צו שטיין מיט זיינע פערד. איר מוזט אים דערפאַר באַצאָלן". איך האָב געגעבן דעם פורמאַן, וויפיל דער ברויער האָט געזאָגט, אַז ער זאָל וואַרטן, ביז מיין חבר וועט צוריק קומען. איך בין אַלזאָ געשטאַנען אַזוי לאַנג, ביז די גלאָק איז געוועזן צוויי אַ זייגער. דער ברויער איז ווידער געקומען צו מיר און געפרעגט, צי מיין חבר האָט נאָך ניט באַקומען קיין דירה. איך בין געוועזן אַזוי בייז אויף אים. דער מאַן האָט געזאָגט: „איך וועל אייך ווייזן אַ בכבודיקע דירה ביי אַ מאַן, וואָס רעדט גוט דייטש, אַ סך בעסער ווי איך, ניט ווייט פון דאַנען". איך האָב אים געדאַנקט און ער זעלבסטען איז מיט מיר אַוועק, אַריינגעפירט מיך אין דער שטוב פון אַ בראַוון מאַן און איך האָב ביי אים גע־דונגען צוויי צימערן. ענדלעך אין אייניקע שעה אַרום איז ב. אויך געקומען צו גיין, ער האָט געהאַט אַ טרייפענעם מויל — „איך האָב אייך אין דער גאַנצער שטאָט אַרומגעזוכט. איך האָב שוין געמיינט, אַז מען האָט אייך געהרגעט" — ער איז שוין אָבער געוועזן שיכור. ער האָט מיר שוין אין וועג אַזוי פיל געזאָגט, ווי געפערלעך עס איז פאַר אַ פרעמדן מענטשן אין שטאָקהאָלם, אַז בשעת ער קומט אין אַ הויז אַ גלאָז בראַנפן אָדער אַ בוטל ביר אויסטרינקען, ריזי־קירט ער מיט זיין לעבן. אַזעלכע ביישפילן האָט מען געהאַט יעדן טאָג. ער האָט מיך געוואָלט דערמיט אָנשרעקן, איך זאָל אים האַלטן ביי מיר.

איך האָב שטענדיק געהאַט מיין געוואוינהייט מאָרגנס אויפ־צושטיין עטוואָס פריער. בין איך אויפגעשטאַנען, געמאַכט מיר אַ פייף טאַבאַק, מיין ווירט איז שוין אויך געוועזן אויף. איך האָב גערעדט מיט אים וועגן דעם אייבערשטאַטהאַלטער, וואָס איך האָב צו אים געהאַט ב ר י ו ו. דער מאַן האָט געזאָגט, אַז אַ זייגער צען וועט ער מיר אָנווייזן זיין וואוינונג. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל זיך גאָרנישט לאָזן מערקן פאַר ב., וועלכער שלאָפט גערן ביז ביין, דאַן גייט ער אַוועק און קומט צוריק אַהיים ניט פריער פאַר צוועלף דעם זייגער. דער דאָזיקער מאַן איז געוועזן זייער אַ בראַווער

מאַן. און זיין פרוי איז געווען זייער באַשיידן. צען אַ זייגער איז ער מיט מיט מיר געגאַנגען צום אייבערשטאַטהאַלטערס הויז און האָט מיר געוויזן, וואו איך זאָל צו אים אַריינגיין. ער האָט גע־טראָפן אַ באַדינער און געזאָגט צו אים אויף שוועדיש: „דער מאַן וויל ריידן מיט אייער עקסעלענץ, האָט צו אים בריוו“. איך האָב אַלע מיינע רעקאָמענדאַציעס און דעם פּאַס געהאַט ביי זיך. עס האָט געדויערט מסתמא אַ שעה צייט, איידער מען האָט מיך אַריינ־גערופן. דער זאַל איז געווען פול מיט מענטשן. איך בין אַריין, די בריוו אין דער האַנט געהאַלטן און אַרויסגעשטאַמלט אין שוועדיש: förlat hans Excellens jag kan inte tala schwensk ער האָט גלייך אָנגעהויבן: „איר זייט אַ העברעער, רעדט נאָר דייטש. איך האָב פינף יאָר דעם קיניג פון פרייסן געדינט אַלס וואָלאָנטער“. איך האָב אים גלייך געזאָגט מיין באַגער און געוויזן מיינע רעקאָמענדאַציעס צום קיניג פון דער שטראַלזונדער רעגי־רונג און אַפּאַרט פון די העכסטע פּערזאָנען. ער האָט געזאָגט: „ליבער פריינד, דאָס דאָזיקע איז אַ שווערע זאַך. עס האָט נאָך קיינמאָל קיין ייד אין שוועדן ניט געוואוינט. איר זייט מיר זיי־ער הויך רעקאָמענדירט פון מיינע גוטע פריינד. דאָס דאָזיקע אָבער שטייט ניט אין מיין רשות. וואָס איך וועל אייך קענען העלפן, וועל איך גערן טאָן. קומט אין אייניקע טעג אַרום ווידער אַהער, וועל איך אייך ווייטער באַשייד זאָגן. אָבער איינס מוז איך אייך זאָגן: האַלט אייך אָפּ פון האַנדל מיט זילבער אָדער מיט גאָלד, ווייל אויב מען וועט זיך ביי מיר אָנקלאָגן אויף אייך, וועל איך אייך גאָרניט קענען העלפן, אָבער שטעמפּלען שטעכן קענט איר אַזויפיל, וויפיל איר קענט נאָר באַקומען“. ער האָט אויך ביי מיר באַשטעלט זיין הערב אין קאַרניאָלשטיין. איך האָב אים גע־מוזט איבערלאָזן אַלע מיינע רעקאָמענדאַציעס. ער האָט מיט מיר געשמועסט איבער אָנדערטהאַלבן שעה. איך האָב אים אויך געזאָגט, אַז איך האָב אַ חבר דעם הויף־מעדאַליער אויס שווערין, אויך מיין ברודער מאַרקוס־איזאַק. נון בין איך אַוועק אַהיים. אויף מיין קוואַרטיר האָב איך געטראָפן ב. ער איז געווען זייער אויפגע־בראַכט און האָט געזאָגט: „איר וועט געוויס פון שטאָקהאָלם לע־

בעדיקערהייט ניט קומען. איר זייט אַזוי דרייסט און לויפט אַרום אין דער שטאָט". איך האָב זיך מיט אים ניט געוואָלט אָפּגעבן, ווייל ער פלעגט מיך שטענדיק ברענגען צו האַנדלען, וואָרעס דער האַנדל איז מיר פאַרבאָטן געוואָרן. איך האָב אים אָבער געזאָגט, אַז איך וועל זיך ניט פאַרשליסן, עס וועט מיך קיינער אויף דער גאַס ניט דערהרגענען.

איך האָב גלייך געשיקט דעם אייבערשטאַטהאַלטערס הערב קיין שווערין צו רב אברהם פ"ח, תיכף געשריבן צו מיין ברודער מרדכי, ער זאָל באַלד ווי מעגלעך קומען אַהערצו. ער קען פאָרן קיין וויסמאַר און פון דאָרט גייען אָפּט שיפן אָפּ אויף אַהער, אָפּטמאָל אין משך פון דריי טעג פון וויסמאַר קיין שטאָקהאָלם. אין אייניקע טעג אַרום בין איך ווידער געגאַנגען צום אייבערשטאַטהאַלטער. איך האָב געהאַט מיינע מעקלענבורגער פּריווילעגיעס ביי זיך, האָב אים געוויזן, אַז איך האָב ניינצן יאָר אין ביצאָוו געוואוינט, צוגלייך אַן אַטעסטאַט פון דער דאָרטיקער אוניווערסיטעט וועגן מיין גוט פאַרהעלטעניש. ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל גיין צו אַן אַדוואָקאַט, וואָס ער האָט מיר רעקאָמענדירט, און האָט מיר געזאָגט אומגעפער דעם אינהאַלט, ווי די סופּליק זאָל געשריבן זיין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער אַדוואָקאַט רעדט אַזוי גוט דייטש, ווי איך, האָט מיר אויך מיטגעגעבן די רעקאָמענדאַציע און געזאָגט: „ווען איר וועט האָבן פאַרטיק די סופּליק—ברענגט זי צו מיר אַהערצו. איך וועל זי זעלבסטן איבערגעבן דעם קיניג". איך האָב אַזוי געטאָן. דער אַדוואָקאַט האָט מיך אָנגענומען. איך האָב אים געזאָגט: „דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט מיך צו אייך רעקאָמענדירט". ער האָט מיך באַשטעלט אין צוויי טעג אַרום ווידער צו קומען, וועל איך די סופּליק האָבן. איך האָב געהאַט רעקאָמענדאַציעס צו אייניקע רייכסראָטן און האָב זיי דאָס אָפּגעבראַכט. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן מיר העלפן. אַז איך האָב דאָס געשריפטס געהאַט פאַרטיק, בין איך ווידער אַוועק דערמיט צום אייבערשטאַטהאַלטער, געבעטן ביי אים פאַצייאונג, וואָס איך מאַך אים אַזויפיל באַשווער. ער האָט מיר געזאָגט: „איר קענט קומען אַזוי אָפּט, ווי

איר ווילט, און ווען איך וועל האָבן צייט, וועל איך מיט אייך גערן שמועסן. איך רייד גערן דייטש. איר קענט אין אייניקע טעג אַרום ווידער צו מיר קומען״. בּין איך אין אייניקע טעג אַרום ווידער געקומען. ער איז געווען זייער גנעדיק און האָט בעזאָגט, אַז ער האָט דאָס געשריפטס אָפּגעגעבן דעם קיניג — ״און דער קיניג איז גוטה אייך צו העלפן, איר זאָלט דאָ קענען פאַרבלייבן. איר זאָלט ווידער אין אַכט טעג אַרום קומען, וועט איר ווייטער באַשייד האָבן״.

אין צוויי טעג נאָכדעם האָט דער הערצאָג קאַרל געשיקט צו מיר אויף מיין קוואַרטיר, איך זאָל גלייך אַרויפגיין מיט זיין באַדינער. ער האָט שוין געוואוסט, אַז איך קען ניט ריידן קיין שוועדיש, איז געווען אַלזאָ אַ קאַוואַליער, וואָס האָט גערעדט צו מיר דייטש, צי איך בין דאָס דער מאַן, וועלכער האָט אָנגעגעבן צום קיניג וועגן פּעטשער־שטעכעריי און שטיינשניידן. דער הערצאָג קאַרל איז דערביי געשטאַנען, ער האָט געזאָגט: ״זייערע קיניגל. הויכהייטן ווילן אָט דעם הערב (פון וועלכן ער האָט אַן אָפּדרוק געהאַט אין האַנט) דעם הערצאָגט הערב אויסשניידן אויף אַ שטיין״. מיר זיינען מושווה געוואָרן אויף 40 רענדלעך. איך האָב גוט געקענט מערקן, אַז דער קיניג האָט עס געהאַט באַפוילן, אַז ער האָט גערן געוואָלט זען אונזערע אַרבעט. איך האָב גלייך געשיקט קיין שווערין צום ר׳ אברהם פ״ז און האָב אים אַלזא געשריבן מיין מיינונג און געבעטן גוט דאָס מאַכן, דעראָן הענגט אונזער גליק. דאָס איז אַוודאי נאָר אַ פּראָבע, אַז המלכות וויל זען אונזער אַרבעט.

מיין ווירט האָט מיך אַריינגערופן צו זיך און האָט מיר געזאָגט: ״מיין ליבער הער אהרן, איך האָב דעם שלעכטן, נידערטרעכטיקן יונג אַרויסגעיאָגט פון מיין הויז, אין דער צייט וואָס איר זייט געווען אַוועק. ער האָט שוין אויך זיין קופערט צוגענומען, ער איז אָנגעקומען צו מיין פרוי מיט אַזעלכע נידערטרעכטיקייטן, אַז מיין פרוי האָט געוויינט, — איך קען דאָס ניט איבערזאָגן. ווילט איר בלייבן ביי מיר, קענט איר ביי מיר בלייבן, ווי לאַנג איר ווילט, אָבער דעם נידערטרעכטיקן יונג קען איך מער

ניט האַלטן, ער איז ווערט געווען, איך זאָל אים גוט אויסבאָדן איבער פלייצע; איך האָב אים געשוינט נאָר צוליב אייך, אייך קיין „פאַרדראָס ניט צו מאַכן". איך האָב געזאָגט צו מיין ווירט, אַז איך שטיי נאָך מיט אים אין אַ חשבון און קען נאָך מיט אים ניט אָפּמאַכן, ווי דער אמת איז געווען. בין איך אַלזאָ פאַרבליבן דאָ איבער נאַכט. אויף מאָרגן, ווי נאָר איך האָב געוואָלט אַרויס־גיין, איז ער געשטאַנען און האָט מיך שוין אָפּגעוואַרט און גע־זאָגט, אַז ער האָט שוין געקראָגן אַן אַנדער דירה ניט ווייט פון דאַנען, אַ סך אַ ליכטיקערע צו מיין אַרבעט און שענערע צימער. איך בין מיט אים אַוועק אַהין, עס איז געווען אַן אלמנה, זייער אַ באַשיידענע פרוי. איך האָב זיך אַלזאָ אַריינגעצויגן אַהין, אויפ־געשלאָגן מיין ווערקשטעל. קוים בין איך דאָרט אַכט טאָג אָפּגע־ווען, איז צו מיר געקומען די דאָזיקע ווירטין און זיך באַקלאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ גראָבער יונג, זי האָט פון אים קיין מנוחה ניט. איז אויב איך וויל בלייבן ביי איר, קען איך גערן בלייבן, אָבער ער מוז זיך אַרויסציען. איך האָב שוין לענגער ניט געקענט אויסהאַלטן מיט אים, האָב זיך מיט אים אויסגערעכנט און געזאָגט: „ווען איר וועט האָבן וואָס צו האַנדלען, דאַן קענט איר קומען צו מיר. מיר לאָזשירן מער ניט צוזאַמען אויף איין אָרט". ער האָט אַלזאָ צוגענומען זיין געלט, וואָס ער האָט ביי מיר געהאַט, אומגעפער 100 רייכסטאַלער, און איז שוין מער צו מיר ניט געקומען און האָט זיך אַרומגעטריבן אין דער שטאָט, ביז ער האָט מער קיין געלט ניט געהאַט, איז ער אָפּגעפאָרן צו־ריק אַהיים.

ו.

דעמזעלבן טאָג ווי איך בין זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט דעם דאָזיקן ב., איז אַהער געקומען מיין ברודער מרדכי מיט אַ ווייסמאַרער שיף, דעם צווייטן סעפּטעמבער 1774, 5534 נאָך בריאת־העולם. עס איז דאָ געווען אַ יידוק ביי דער קיניגין. ער איז געווען

מיינער אַ לאַנדסמאַן אויס מעקלענבורג און האָט אָנגעבאָטן קוואר־טיר. איך האָב זיך אַלזאָ אַריינגעצויגן מיט מיין ברודער צו אים. דאַן בין איך אַוועקגעגאַנגען צום אייבערשטאַטהאַלטער און אים געמאָלדן, אַז מיין ברודער איז אויך געקומען. ער האָט מיר געזאָגט: „דאָס איז גוט. איך מוז אייך זאָגן, אַז דער קיניג האָט אייער סופּליק און די אַלע רעקאָמענדאַציעס געשיקט צום עמבעטס־קאָלעגיום, דאָס איז אין ראָטהויז. זאָגט נאָר אייער אַדוואָקאַט, ער ווייס שוין באַשייד, דאָרט וועט איר אַ תשובה באַקומען".

איך בין אַוועק צו מיין אַדוואָקאַט און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט מיר אין ראָטהויז און מיר האָבן זיך געמאָלדן. מען האָט אונז אויפגענומען. דער אַדוואָקאַט האָט פאָרגעבראַכט וועגן מיין בקשה, וואָס איך האָב אָנגעגעבן צום קיניג, צי האָבן זיי זי שוין רעזאָל־ווירט. זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי האָבן דאָס נאָך ניט געקענט רעזאָלווירן, איך זאָל אין פיר וואָכן אַרום ווידער קומען, דאַן וועל איך האָבן די רעזאָלוציע.

עס איז געקומען צו מיר דער מינץ־דירעקטאָר פאָן־ענגע־שטרעם און האָט באַשטעלט ביי מיר אַ פּעטשאַפט מיט זיין הערב, אַ זייער בראַווער און געשיקטער מאַן, וואָס האָט געקענט פיל שפּראַכן, פראַנצויזיש, ענגליש, דייטש. ער האָט געזאָגט: „איך בין זייער פיל אַרומגעפאָרן און האָב אויך געהאַט פיל אומגאַנג מיט יידן. איך האָב אויך געזען, אַז די יידן האַנדלען מיט זילבער און ליווערן זילבער אויף מטבעות, קענט איר זיך ניט אָפּגעבן מיט אַזאַ האַנדל?" איך האָב אים געזאָגט: „בשעת דער זיבנ־יעריקער מלחמה האָב איך זעלבסטן געליווערט זילבער אויף די מעקלענבורגער מטבעות"—און האָב אים געזאָגט פון פיל סאָרטן געלט, וואָס איך האָב געוואוסט, ווי זיי האַלטן, סיי שוועדישע סיי דייטשע געלטער. „דערצו האָב איך אַ ברודער, וואָס איז דער הויפּט־ליפעראַנט אין שווערין ביי דער מינץ. איך וועל גערן אָננעמען צו ליווערן זילבער מיט אַ קליינעם פּראָפיט". ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך דורכריידן מיטן באַראָן ליליענקראַנץ. ער האָט גע־רעדט מיט אים. ער האָט מיך געבראַכט צום באַראָן ליליענקראַנץ, איך בין מיט אים באַקאַנט געוואָרן, און ער האָט גערעדט וועגן

דעם מיטן קיניג און מיר האָבן געמאַכט אַ קאָנטראַקט, איך זאָל ליווערן עלף מיליאָן ספּעציעס, דאָס הייסט אַזוי פיל פיין זילבער דערצו, און איך זאָל באַקומען מיט פיר פראָצענט מער לויט ווי עס גילט אין האַמבורג, וואָרעם אַלעמאָל שטייט אין דייטשע צייטונג דער פּרייז פון זילבערקורס, וואָס דער מאַרק גילט. די דאָזיקע עלף מיליאָן ספּעציעס האָב איך געהאַט דריי יאָר צייט אָפּצוליווערן. איך האָב אויך באַקומען פריי די פּאָסטיאַכט, וועלכע האָט געמוזט מיך און דאָס זילבער פריי מיטנעמען קיין אישטאַדט און צוריק פון אישטאַדט אויפן חשבון פון דער קרוין, און הוסאַרן צו טראַנספּאָטירן אויפן חשבון פון דער קרוין. איך האָב זיך דורכגעשריבן וועגן דעם מיט מיין ברודער אברהם קיין שווערין, האָב אים צוגענומען אין דעם פּאַר אַ חבר, אויך האָב איך געשלאָסן אויף הונדערט טויזנט שיפּס־פונט קופּער. אַזוי ווי איך האָב דעם שיפּס־פונט באַקומען מיט איין רייכסטאַלער אונטער דעם פּרייז, ווי עס האָט געהאַלטן אין האַמבורג, אונפריי געליווערט אין שיף אָן אַ פּעניג הוצאות ביז אין האַמבורג. דאָס האָט געדויערט ביז צום ערשטן אדר 5534, איידער איך האָב באַקומען דעם קאָנטראַקט. עס איז אויך געווען אַזוי אַ י י נ ג ע ר י כ ט, אַז מיר זאָלן קענען אָפּליווערן אַלע 14 טעג. מיר האָבן ניט באַקומען קיין אַוואַנס, אָבער אין 8 טעג אַרום נאָך דער אָפּליווערונג דאַרף ווערן פּינקטלעך אויסגעצאָלט. דעם גאַנצן עסק האָבן מיר געקענט אויספירן מיט דרייסיק טויזנט טאָלער. איך האָב אַלזאָ אַרויסגעשיקט מיין ברודער מרדכי מיט דעם קאָנטראַקט און מיט דעם פּאַס פּאַר מיין ברודער אברהם פריי צו פאָרן קיין שטאָקהאָלם, וואָרעם צו יענער צייט האָט אַ ייד ניט געטאָרט פאָרן אין לאַנד. איך האָב מיין ברודער מרדכי אַזאַ אָרדער מיטגעגעבן: „דו ווייסט, ווי אונזער ברודער אברהם איז שוין צו פּאָרזיכטיק, אויב ער וועט זיין צו ווייטלויפיק, דאַן גיי מיט דעם קאָנטראַקט אין בערלין צו איינעם פון רב פייטלס ל י י ט, זיי וועלן מיט שמחה אונזער ח ב ר זיין". דען דער קאָנטראַקט איז געווען אויף מיין נאָמען. מיין ברודער מרדכי איז געקומען קיין שווערין, אָבער מיין ברודער אברהם האָט געזאָגט, אַז ער מוז ערשט צום לייפּציגער יריד פאָרן. מיין ברו-

דער מרדכי האָט דאָרט געזאָלט בלייבן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט צוריקקומען, וועט ער מיטפאָרן אַהערצו. איך האָב באַקומען אַזאַ בריוו, האָב זיך דערפון געערגערט. ליליענקראַנץ פלעגט אַלע וואָך, ווען עס איז געווען פּאָרטראַג, שיקן איך זאָל אַרויפקומען צו אים. האָט מיך געפרעגט, צי מיין ברודער איז נאָך ניט געקומען. איך האָב שטענדיק געזאָגט: ער קומט. אָבער מיין ברודער איז געקומען פון לייפּציג אַהיים און דאַן ערשט אָפּגעפאָרן קיין ראַשטאָק, וואָרעם ער האָט תּמיד געשיקט זיינע סחורות פון לייפּציג קיין ראַשטאָק, האָט געוואָלט אויפמאָנען דאָרט זיינע חובות. דערוויילע איז באַראָן ליליענקראַנץ געוואָרן בייז אויף מיר און האָט אָפּגעגעבן די ליווערונג צו היגע סוחרים. מיין ברודער איז געקומען אַהער מיט מיין אַנדערן ברודער מרדכי, איז אַלץ געווען פאַרביי און מיר האָבן גאָרנישט געקראָגן צו ליווערן.

איך קער זיך אום צו מיינע פאַריקע עסקים. די פיר וואָכן, וואָס דאָס עמבעטס־קאָלעגיום האָט מיר באַשטימט, זיינען פאַרביי. איך בין ווידער אַרויף מיט מיין אַדוואָקאַט, כּדי צו הערן זייער רעזאָלוציע. זיי האָבן אונז ווידער אָפּגעזאָגט, זיי האָבן נאָך ניט באַשלאָסן. איך זאָל אין 14 טעג אַרום ווידער קומען. מיין אַדוואָקאַט האָט צו מיר געזאָגט: „איצט גיי איך שוין מער ניט אַרויף מיט אייך, איר ווייסט שוין אַליין, וואוהין איר דאַרפט גיין, קענט איר גיין אַליין. ווען איר וועט באַקומען אַ תּשובה, דאַן ברענגט זי צו מיר". איך בין אַרומגעלאָפן געוויס נאָך פיר וואָכן, איידער איך האָב באַקומען דעם באַשלוס. ער איז געווען זייער קורץ: „מיר ערלויבן דיר ניט דאָ אין לאַנד צו האַלטן דיין אמונה און נאָך ווייניקער — זיך צו פאַרנעמען מיט אַ פּרנסה". אונטערגעשריבן איז געווען קאַרל שפּאַרע. איך האָב געהאַט אַזאַ שרעק, בין גלייך אַוועק צום אייבעו־שטאַטהאַלטער און האָב זיך באַקלאָגט: „איר האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפן און איצט גיט איר אַזאַ באַשלוס". דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט געזאָגט: „איך מוז דיר אַלץ דייטלעך דערקלערן. איך בין פּרעזעס אין די דאָזיקע געריכטן, און איך מוז חתמענען אַלע באַשלוסן, וואָס זיי

רעזאָלווירן. דאָס איז אָבער נאָך ניט אינגאַנצן. דו מוזט ווייטער גיין און זאָג דיין אַדוואָקאַט, ער זאָל אַפּעלירן צו די האַלרעטן".

איך בין גלייך אַוועקגעלאָפן צו אים. ער האָט אָנגעגעבן אַ געשריפטס, דאָס האָט געדויערט אומגעפער פיר וואָכן, האָב איך ווידער באַקומען אַזאַ באַשלוס ווי פריער. בין איך אַלזאָ ווי־דער אַוועק צום אייבערשטאַטהאַלטער און זיך ווידער באַקלאָגט אויף זיין חתימה און האָב געזאָגט: „ווען אייער עקסעלענץ קען אַנדערש גאָרניט טאָן, ווי אונטערשרייבן זייערע רעזאָלוציעס, דאַן זע איך שוין, אַז איך וועל דאָ גאָר ניט קענען פועלן, וועל איך ליבער שפּאָרן מיין געלט און וועל פאָרן צוריק אַהיים". ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „דו ביסט זייער היציק, דאָס איז נאָך ניט אַלץ, מוזט האָבן געדולד. איצט מוזטו איינגעבן אין מאַגיסטראַט, מיר וועלן הערן, וואָס יענע וועלן זאָגן דערצו".

איך בין אַוועק צו מיין אַדוואָקאַט און אים דערציילט אַלץ, וואָס דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט מיר געזאָגט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „אָ דער מאַגיסטראַט, זיי וועלן אויך ניט פיל בעסער מאַכן". איך האָב אַלזאָ דערלאַנגט אַהין, אַרומגעלאָפן ביי אַלע ר ײ כ ס ר ע ט, וועלכע האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן מיר העלפן. זיי האָבן מיר געענטפערט: „דער אייבערשטאַטהאַלטער קען טאָן אַ סך, מיר אָבער קענען גאָרניט טאָן ביי די דאָזיקע געריכטן, וואָרעם דאָרט איז דער אייבערשטאַטהאַלטער פּרעזעס, אָבער ווען דאָס זאָל קומען צו אונזער קאָנסעליע, וועלן מיר טאָן אַלדאָס מעגלעכע" — און האָבן מיר אַלע געגעבן גוטע נחמות. כ'האָב אָפּגעוואַרט אַכט טעג און בין אַוועק אין מאַגיסטראַט, האָב מיין אַדוואָקאַט שוין ניט געדאַרפט מעלדן, האָב איך געקראָגן אַ תשובה, איך זאָל אַ ביסל וואַרטן. ענדלעך, אַז איך האָב אָפּגע־וואַרט אַ פּאָר שעה, איז איינער אַרויס צו מיר און האָט מיך געפרעגט, וואו איך וואוין, האָט פאַרשריבן מיין קוואַרטיר און גע־זאָגט, אַז איך דאַרף ניט אַרויפקומען, אַהער כל־זמן זיי וועלן נאָך מיר ניט שיקן. דערמיט בין איך אַוועק אַהיים. איך בין ביי אַלע די גרויסע הערשאַפטן געווען זייער אָנגעזען, מיין אַרבעט איז

געוועז געריטמט אַלס דער גרעסטער קינסטלער אין דער וועלט.

איך האָב געהאַט פיל משא-ומתן מיט די יווועלירן, באַזונדערס מיט דעם גוטן און בראַוון מאַן הער זוטער און ווילקאָם, אויך הער ווילהעלמסאָן. די זיינען געווען מיינע גוטע פריינד און האָבן אַלע געוואוסט, אַז איך וויל דאָ בלייבן. איך האָב געהאַט זייער פיל גוטע פריינד. אַלע, וואָס האָבן מיך געקענט, זיינען נוטה געווען צו מיר. ענדלעך האָט מען מיך געפאָדערט צום ראָטהויז ביי דעם מאַגיסטראַט. עס איז אויפגעטרעטן אַ ראָטהער, וועלכער איז אין קורצער צייט אַרום געוואָרן בירגערמייסטער. ער האָט געהייסן פלאָדין, אַ געלערנטער מאַן, געקענט פיל שפּראַכן, איז געווען זייער באַשיידן. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר נאָענט, גענומען מיט מיר ריידן דייטש און האָט געזאָגט: „ליבער הער אהרן, איר האָט אָנגעגעבן צום קיניג, אַז איר ווילט דאָ וואוינען, מיר האָבן אויך אַלע אייערע רעקאָמענדאַציעס געזען. איר זייט זייער געריטמט פאַר אַן ערלעכן מאַן, אויך אַ קינסטלער אין שטיינשניידן, מיר גלויבן, אַז עס איז אַזוי, ווי עס שטייט אין אייערע אַטעסטאַטן. דער קיניג זעלבסט ווינטשט אויך, איר זאָלט דאָ קענען זיין, וואָרעם מיר האָבן ניט קיין שטיינשניידער אין דער גאַנצער שוועדישער מדינה. דאָ איז אָבער איין זאַך, וועלכע איז אוממעגלעך: איר זייט דאָך פון דער יידישער אמונה, וועל איך אייך ווייזן, וואָס אונזערע רעכטן שרייבן אונז פאָר". ער האָט געהאַט אין האַנט אַן אַלט בוך, פון אים האָט ער מיר פאָרגעלייענט אויף דייטש. ער האָט דאָס גלייך איבערגעזעצט פון שוועדיש אויף דייטש: „ווען אַ ייד קומט אַהער אין אונזער מלוכה מיט אַ שיף, און די שיף האָט געליטן אַ קאַטאַסטראָפע און דאַרף אַ רעפּאַראַציע, דאַן זאָל די דאָזיקע שיף האָבן פאָרהאַנט, זי זאָל צום ערשטן פאַרריכט ווערן, כדי דער ייד זאָל גלייך דאָס לאַנד פאַרלאָזן. ווען אַ ייד זאָל אָנקומען אַהערצו מיטן וואַסער און דאָ קראַנק ווערן, זאָל מען אים גלייך אַ געשיקטן רופא שיקן צו העלפן אים פון זיין קראַנקהייט, כדי ער זאָל גיכער דאָס לאַנד פאַרלאָזן. קיין ייד טאָר דאָ גאָרנישט איינקויפן אָדער עטוואָס פאַרקויפן". און ער האָט געזאָגט: „זעט איר, אָט דאָס איז אונזער פרייהייט".

איך האָב אים געזאָגט: „דאָס איז פרייהייט? אָ, וואָס פאַר אַ שלעכטע פרייהייט קעגן דעם מענטשלעכן לעבן!" ער אָבער איז געוועזן זייער באַשיידן און האָט געזאָגט: „דאָס איז שוין אַזוי, און אַזוי לאַנג ווי די וועלט שטייט, האָט נאָך קיין ייד ניט געוואוינט אין דער שוועדישער מדינה. מיר האָבן זיך מיישב געוועזן, מיר זאָלן אייך העלפן, ווייל אונזער קיניג וויל גערן, איר זאָלט דאָ בלייבן. אַלס ייד איז דאָס ניט מעגלעך, דאָס איז קעגן אַלע אונזערע געזעצן. ווען איר זיך לאָזן טויפן, דאַן האָט איר גלייך די בירגערשאַפט אומזיסט און קענט אַלע פרייהייט געניסן, און וועט אויך אויף צען יאָר זיין פריי פון אַלע אויסגאַבן. זייט זיך מיישב, דאָס האָט נאָך קיין מענטש ניט באַקומען, און זאָגט אונז אַ תשובה אין משך פון אַכט טעג". איך האָב געזאָגט: „ליבסטער הער, איך דאַרף ניט קיין צייט זיך מיישב צו זיין, איך וועל קיינמאָל ניט בייטן מיין אמונה פאַר אַלדאָס געלט, ניט דערצו בין איך אַהער געקומען מיין אמונה צו פאַרקויפן אָדער צו בייטן, איך וועל געוויס מיין אמונה ניט פאַרלייקענען, מיט וואָס איך גלויב צו ווערן זעליק". ער האָט מיך געלאַסן אויסגעהערט און געזאָגט צו מיר: „מיר ווייסן ניט, וואָס די יידישע רעליגיע איז, דורך וואָס וועט איר ווערן זעליק". איך האָב געזאָגט: „איך בין ניט קיין געלערנטער מאַן און אָנווייזן דאָ די גאַנצע רעליגיע איז דאָ ניט דער אָרט, אָבער דער עיקר פון אונזער אמונה איז דער גרונדזאַץ — מורא צו האָבן פאַר גאָט און ליב האָבן דעם חבר, און דאָס דענק איך הייליק צו האַלטן, וויפיל מיינע כוחות וועלן מיטברענגען". ער האָט מיר געענטפערט: „דאָס גלייבן מיר אויך, אָבער אָן דעם דערלייזער, וואָס די יידן רופן אים משיח, קען מען זעליק ניט ווערן". איך האָב ווידעראַמאָל געזאָגט, אַז דאָ איז ניט דער פלאַץ צו דיספוטירן, פון דעם דאָזיקן משא־ומתן וועט גאָרנישט אַרויסקומען. דער באַשלוס איז געוועזן, אַז איך וועל האָבן באַשייד. איך האָב זיך געבוקט און בין אַוועק מיין וועג.

אין אייניקע טעג נאָכדעם האָט מיר דער דאָזיקער ראַטסהער פלאָדין געטראָפן אין גאַס, געבעטן מיך, איך זאָל מיטגיין צו אים אַהיים. ער האָט אַ שיינעם קאַרניאָל, וועלכן ער וואָלט

גערן וועלן האָבן אויסגעשניטן אַלס חתימה; ער וואוינט דאָ דער־ביי. איך בין אַוועק צו אים און האָב גענומען דעם קאַרניאָל צו שניידן. איך האָב אים געפרעגט, צי עס וואָלט ניט מעגלעך זיין, ער זאָל מיר העלפן וועגן מיין בלייבן דאָ. ער האָט געזאָגט: „איך צוזאַמען מיטן גאַנצן מאַגיסטראַט קענען אייך די פרייהייט ניט געבן, סיידן דער קיניג אַליין, ווען ער וועט וועלן טאָן אַ געוואַלט. אָבער איך גלייב עס ניט, ווייל דאָס איז אַ זאַך, וואָס ס'איז נאָך קיינמאָל ניט געווען. איר וועט סוף וואָך אייער רעזאָ־לוציע באַקומען". אין אייניקע טעג אַרום בין איך ווידער אַרויף אין מאַגיסטראַט און האָב באַקומען מיין רעזאָלוציע. אָבער איך האָב אין איר גאָרנישט געפונען אַנדערש ווי אין די פאַריקע און טאַקע מיט דער אונטערשריפט קאַרל שפּאַרע. איך האָב פאַרלאָרן די גאַנצע האָפענונג, בין אַוועקגעלאָפן דערמיט צום אייבער־שטאַטהאַלטער. אַז איך בין אַריין און האָב אים געגריסט, האָט ער געפרעגט: „נו, וואָס פאַר אַ גוט נייס?" — „שלעכט נייס, איר ווייסט דאָך, וואָס איר האָט אונטערגעשריבן, אָט איז דאָס, איז שוין דאָס דאָס לעצטע?" — „אָי, פון דעם ראָטהויז". איך האָב געזאָגט: „אייער עק־סעלענץ האָט שוין מיר לאַנג געקענט זאָגן, אַז איך זאָל אַוועק־פאָרן, דאַן וואָלט איך אַ סך געלט איינגעשפּאָרט. עס האָט מיר פיל געקאָסט, איך דאַרף דאָס אייך ניט זאָגן". ער האָט געזאָגט: „דו האָסט משמעות אין דיין לעבן קיין גרויסע פּראָצעסן ניט גע־פירט, ווילסט זיך מיט מיר קריגן, קלאָג מיך אָן". איך האָב זיך מיט הכנעה געבוקט און געבעטן מחילה: „זאָל אייער עקסע־לענץ באַפעלן, ווען איך זאָל אָפּפאָרן" — „ניין, ניין, אָן שפּאַס, דו מוזט איצט גיין צום קיניג און מיך אָנקלאָגן. גיי צו דיין אַדוואָ־קאַט און ווייז אים די רעזאָלוציע און זאָג אים, ער זאָל מאַכן קעגן מיר אַ קלאָג צום קיניג, קעגן מיין ריזאָלוציע. ווען דו וועסט האָבן פאַרטיק די סופליק, דאַן גיי דערמיט צום שטאַטסעקרעטאַר פאָן־הערלאַ:ט, ער זאָל זי אָפּגעבן דעם קיניג, דאַן וועל איך טאָן דאָס בעסטע, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך".

איך האָב געטאָן אַזוי, ווי דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט מיר געזאָגט, האָב גלייך געלאָזט מאַכן די סופליק און אַ קאָפּיע

פון מיין רעזאָלוציע און בין אַוועקגעגאַנגען צום שטאָטסעקרעטאַר פאָן=העלאַנט. דער דאָזיקער הער האָט זייער גוט גערעדט דייטש, איך האָב געזאָגט: „גנעדיקער הער, איך האָב דאָ אַ סופּליק, וועלכע איך וואָלט וועלן איבערגעבן דעם קיניג"—און האָב אים אָפּגעגעבן די סופּליק. ער האָט זי צוגענומען און אינגאַנצן אויס=געליינט. גלייך ווי ער האָט געענדיקט, איז ער אַרויס מיט אַ היציקן טאָן: „וואָס זייט איר פאַר אַ יונג, וואָס איר ווילט פירן אַזאַ אָנקלאָגע קעגן דעם אייבערשטאַטהאַלטער? איר ווילט פאַר=זוכן ריטער אין שטאָקהאָלם? זעט טראָגט זיך אָפּ פון דעם לאַנד, אַניט וועל איך עס אייך צוהעלפן. אַוועקט, אַוועקט מיט אַייערע נאַרישקייטן". איך האָב באַקומען מורא און פחד, דאָס איז געווען גענוג דייטש געזאָגט. אין פחד האָב איך געזאָגט: „גנעדיקער הער, דער אייבערשטאַטהאַלטער זעלסבסטן האָט מיר אַזוי באַפוילן" ער איז שטיל געבליבן אַ היבשע ווייל און האָט מיך דרייסט אָנגעקוקט: „הערט, איר לייגט נאָך דערצו!?" אין מיין גאַנצער שרעק האָב איך געשוואָרן, אַז דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט מיר עס באַפוילן. ענדלעך האָט ער געזאָגט: „איך קען דאָס ניט גלייבן אויף אייער וואָרט, איך וועל נאָך מיטאָג צו אים אַריבער=פאָרן, איר קענט מאָרגן צו מיר ווידער אַריינקומען. אייערע שריפטן לאָז איך איבער ביי מיר". איך בין אַוועק. ווי נאָר כ'בין אַרויסגעגאַנגען און זיך באַקלערט, וואָס פאַר אַ פעלער איך האָב באַגאַנגען, וואָרעם דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט מיר ביי לייב און לעבן פאַרבאָטן, איך זאָל גאָרניט זאָגן, אַז ער האָט עס מיר געהייסן, איז מיין טרייסט פאַרשוואונדן.

איך האָב גלייך באַשלאָסן און בין אַוועקגעלאָפן צום איי=בערשטאַטהאַלטער. ווי איך בין אַריינגעקומען, האָב איך ניט געהאַט קיין אָטעם, אַזוי בין איך געלאָפן, און קוים געקענט אַרויסריידן אייניקע ווערטער: „אייער עקסעלענץ האָבן מיך גע=שיקט צו אַ בייזן מאַן". — „וואָס איז? וואָס איז? זאָג נאָר, וואָס ער האָט דיר געטאָן?"—„איך האָב אים אָפּגעגעבן די סופּליק. ווי נאָר ער האָט זי דורכגעליינט, האָט ער געזאָגט, אַז מיר קומט ריטער דערפאַר, וואָס איך האָב געוואָלט פאַרקלאָגן אייער

עקסעלענץ און איך זאָל תיכף זיך אָפּטראָגן פון שטאָט, אַניט וועט ער מיר דאָס צוהעלפן. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט מיך ביים קאָפּ כאַפּן. דער מאַן איז געווען אַזוי בייז אויף מיר. דאָ האָב איך אים געזאָגט, אַז איר אַליין האָט מיך געשיקט. איך האָב ניט געוואוסט פאַר פּחד, וואָס איך זאָל זאָגן". — „אײַ, אײַ, דער בייזער מאַן! דו האָסט געטאָן גוט". — „ער האָט געזאָגט, אַז נאָך מיטאָג וועט ער אַליין צו אייך קומען. ער האָט די שריפטן באַהאַלטן". — „נו, וועט ער שוין קומען". איך בין אַוועק אַהיים מיט פיל פרייד, וואָס דער אייבערשטאַטהאַלטער איז ניט געווען אויף מיר בייז.

אויף מאָרגן בין איך ווידער אַוועק צום שטאָטסעקרעטאַר. ער איז געווען זייער פריינדלעך קעגן מיר און איבערהויפּט זייער אַ גוטער מאַן. ער האָט געזאָגט: „איך בין געווען ביי דעם אייבערשטאַטהאַלטער און האָב מיט אים גערעדט. אָבער די סופּליק וועל איך איבערשרייבן אַנדערש. קומט מאָרגן אַהער אונטערשרייבן אייער נאָמען". איך בין אַלזאָ דעם אַנדערן מאָרגן געקומען און האָב אונטערגעשריבן מיין נאָמען אונטער דער סופּליק. ער האָט געזאָגט צו מיר: „זייט איר שוין געווען ביי די רייכסראָטן?" — „אָ יאָ, ביי אייניקע". ער האָט געזאָגט צו מיר: „מאָרגן וועט זיין אַ באַראַטונג אין אולריכסדאַל ביים קיניג, עס וועלן זיין פיר רייכסראָטן" — און ער האָט מיר אָנגערופן זייערע נעמען, — „גייט צו זיי אַריבער און רעדט זיך מיט זיי דורך, אויב איר זייט מיט זיי באַקאַנט, זיי קענען אייך העלפן". צווישן די זיינען געווען צוויי, וואָס איך האָב צו זיי געהאַט רעקאָמענדאַציעס און בין שטענדיק צו זיי אַריינגעקומען, ווען איך פלעג אַ רעזאָלוציע באַקומען, און זיי פלעגן מיך טרייסטן. ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל אין 4 אָדער 5 טעג אַרום ווידער קומען צו אים, וואָרעם ער האָט געדאַרפט אָפּפאָרן אויף עטלעכע טעג. איך בין געגאַנגען צו די אַלע פיר רייכסראָטן און האָב זיי געזאָגט מיין זאַך, אַז זיי וועלן מאָרגן פאָרקומען אין אולריכסדאַל — ביים קיניג. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט צו טאָן אַלדאָס מעגלעכע, אַז איך וועל דאָס בלתּי ספק באַקומען.

אין אייניקע טעג אַרום בין איך אַוועק צום שטאָטסעקרעטאַר העלאַנד. ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען, האָט ער מיך גראַטולירט מיט מיינע פּריווילעגיעס, ער האָט געזאָגט, איך זאָל גיין צום אייבערשטאַטהאַלטער, וועל איך זיי דאָרט באַקומען . איך האָב אים 1000 מאָל געדאַנקט און געזאָגט, אַז איך וועל נאָך קומען אָפּגעבן אים מיין שולדיקייט. איך בין אַוועק צום אייבערשטאַטהאַלטער און האָב אים איבערגעגעבן דעם שטאָטסעקרעטארס רייד וועגן דער רעזאָלוציע פון קיניג . דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט געזאָגט : „דו מוזט אַרויפגיין אין שלאָסקאַנצעלאַריע און פרעגן דעם קיניגלעכן סעקרעטאַר פאָן=סיווערטס". איך בין אַרויף און האָב געפרעגט אויף אים, און ער האָט מיר געגעבן די פּריווילעגיעס און איך האָב דערפאַר באַצאָלט, וואָס ער האָט געפאָדערט. כ'בין אַוועק צום אייבערשטאַטהאַלטער און אים געוואָלט דערפאַר באַדאַנקען, אָבער ער האָט געזאָגט מיט אַ האַסטיקן טאָן : „פאַר דעם טייוול האָב איך דיר די פּריווילעגיעס געגעבן, איך וויל פון גאָרניט וויסן. דאַנק דעם קיניג. איבערמאָרגן גיי אַרויף אין ראָטהויז ביי דעם מאַגיסטראַט און נעם=מיט דיין אַדוואָקאַט און באַווייז דיינע פּריווילעגיעס, אַז זיי זאָלן זיי פאַרפּראָטאָקאָלירן".

דער מאַגיסטראַט האָט געזאָגט, איך זאָל זיי איבערלאָזן און קומען ווידער אין אַכט טעג אַרום. אין בין נאָך געשטאַנען אין ישוב און האָב זיי געוואָלט צוריק צונעמען, אָבער מיין אַדוואָקאַט האָט געזאָגט צו מיר אויף דייטש : „האָט ניט מורא, קומט נאָר". זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן אין אולריכסדאַל דעם 28 סעפּטעמבער 1775. זיי זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף מיר און אויף מיין ברודער מרדכי און אויף רב אברהם פ"ח, אַז מיר קענען דאָ וואוינען מיט אונזערע ווייבער און קינדער קעגן אָרדינאַריע קאָנטריבוציאָן.

איך בין געקומען אין אַכט טעג אַרום ווידער אין מאַגיסטראַט און האָב מיינע פּריווילעגיעס באַקומען צוריק. כ'האָב גלייך געשריבן צו מיין פרוי, זי זאָל פאַרקויפן מיין הויז און גאָרטן און זאָל מיט מיינע קינדער קומען אַהערצו. איך האָב אויך גע=

שריבן צו רב אברהם פ״ח, ער זאָל אַהער קומען. אָבער וואָס האָב איך ניט געקריגן אַלע טאָג געשריבן אין וואָכנבלאַט שלעכטס קעגן מיר! וואָס פאַר אַ געמיינע זאַכן האָבן זיי ניט אויסגעטראַכט אויף יידן, וואָס די געמיינע לייט האבן הינטער מיר נאָכגעשריען! איך האָב זיך 14 טעג ניט געוויזן אין גאַס. זיי האָבן אפילו געשריבן קעגן דעם קיניג, פון וואַנען האָט ער זיך גענומען די פרייה׳ייט דאָס הייליקע לאַנד צו פאַראומרייניקן מיט יידן. זיי האָבן, אמת, אייניקע מאָל אויך געקריגן גרויסע ווידערשריפטן פון גרויסע הערן. אָבער עס האָט געדויערט אוודאי 6 וואָכן, אֵיידער ס׳איז רעכט שטיל געוואָרן.

ז.

איך בין ווידער אַוועק צוריק אייבערשטאַטהאַלטער און געזאָגט: „אָט האָב איך באַקומען פרייה׳ייט אן פריווילעגיעס צו וואוינען דאָ אַלס ייד. איר ווייסט, אייער עקסעלענץ, מיר האָבן ניט קיין „נאַכטמאָל״, מיר האָבן אָבער דעם יום=כיפור, וואָס מיר האָפן דורך תשובה אויף פאַרגעבונג פון אונזערע זינד, דאָס קען אָבער ניט געשען, ווען מיר האָבן ניט עלף ביז צוועלף מאַנסביל, אויך אַ שול און אַ פלאַץ פאַר אַ בית=הקברות״. ער האָט געזאָגט: „קומט אין אייניקע טעג אַרום ווידער צו מיר, וועסטו האָבען באַשייד״.

איך בין אַלזאָ צו אים ווידער געקומען, האָט ער צו מיר געזאָגט: „ווען דו ווילסט אויך אַ שול בויען, האָסטו רשות דערצו און קענסט דיר האַלטן אַ צען לייט, קענסט זיך מעלדן ביים מאַגיסטראַט, וועלן זיי דיר אָנווייזן אַ פלאַץ פאַר אַ בית=הקברות״. איך בין אַרויף אין מאַגיסטראַט און געזאָגט, אַז דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט מיך געשיקט, מען זאָל מיר אָנווייזן אַ פלאַץ פאַר אַ בית=הקברות. זיי האָבן מיך געשיקט צו אַ קברים=גרעבער, ער האָט געוואוינט ביי דער קלאַראַ=קירך. איך בין געקומען צו דעם דאָזיקן מאַן. ער האָט געזאָגט: „איך ווייס, וואָס איר ווילט, ווען אַ בית=עולם״. ער האָט מיך געבעטן, מיר זאָלן אים אָננעמען אַלס

קברים=גרעבער ביי אונזער עדה מיט אַ קליין געהאַלט יערלעך.
איך האָב אים געזאָגט: „איך בין אַצונד גאַנץ אַליין, ווען אונזערע
ווען קומען, וועלן מיר זיך דורכשמועסן וועגן דעם". ער האָט מיך
נאָכאַמאָל געבעטן, מיר זאָלן אים ניט פאַרגעסן. איך האָב געזאָגט:
„לאָמיר גיין!" ער האָט געזאָגט: „דאָס איז ניט ווייט". ער איז
מיט מיר געגאַנגען דורכן קירך=הויף פאַרביי דער קירך. ווי מיר
זיינען געקומען אויף דער אַנדער זייט קירך, האָט ער מיר אָנ=
געוויזן צו דער רעכטער האַנט — איז דער קאַטוילישער קירכהויף,
און דער מאַגיסטראַט האָט אים באַפוילן, אַז צו דער לינקער האַנט
זאָל ער אָנווייזן אַן אָרט פאַר די יידן. איך בין שטיל געשטאַ=
נען. וואָס זאָל איך אים ענטפערן? איך האָב געזאָגט, עס וועט
זיין גוט. ער האָט מיר נאָכאַמאָל דערמאָנט אָן זיין יערלעך גע=
האַלט. איך בין ווידער אַוועק צום אייבערשטאַטהאַלטער און גע=
זאָגט: „אייער עקסעלענץ ווייס דאָך, אַז מיר יידן האָבן תמיד
אונזער בית=הקברות אַליין און דער מאַגיסטראַט האָט מיר אָנגע=
וויזן אויף דעם קלאַרא=קירכהויף". ער האָט געזאָגט: „די לייט פאַר=
שטייען דאָס ניט, מען מוז זיי דאָרט אַלץ דייטלעך זאָגן, איך וועל
מאָרגן זיין אין ראָטהויז, וועל איך זיי דאָס דערקלערן. דו קענסט
זיך אין אייניקע טעג אַרום ערקונדיקן אין ראָטהויז ביי דעם
שטאָט=אינזשעניער, ער וועט דיר זאָגן אַ תשובה". איך בין אַלזאָ
אַוועק צו דעם דאָזיקן שטאָט=אינזשעניער, — האָט ער געזאָגט,
איך זאָל אין 14 טעג אַרום ווידער קומען, ער וועט נאָך ערשט
אויפזוכן אַ פלאַץ אויף שטאָטסקאַגן, וואָס געהערט צו שטאָט, וואָס
פּאַסט פאַר אַ בית=עולם.

איך מוז אויך אָנמערקן, אַז אין דעמזעלבן טאָג, ווי איך
האָב באַקומען מיינע פריווילעגיעס, האָב איך געשריבן קיין האַמ=
בורג צו מיינעם אַ גוטן פריינד, אַז איך האָב פון שוועדישן קיניג
באַקומען פריווילעגיעס, אויך אַ קאָפּיע פון מיינע פריווילעגיעס. עס
זיינען נאָך קיין דריי חדשים ניט פאַרביי, ווי דאָס איז געשטאַנען
אין אַ דייטשער צייטונג און ס'זיינען געקומען אַהער צו פאָרן איי=
ניקע יידן, פון מעקלענבורג. לייט, וואָס זיינען געווען „אומבאַפרייט",
און זיך אָנגעגעבן ביי מיר אין „försvar“ דאָ איז אויך געווען

אַן אַלטער מאַן מיט זײַן פֿרוי אַלס ק ר ע צ ו ו ע ש ע ר, אַן אָרעמער ייד, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין דער שטיל בײַ די גאָלדשמידן, פֿאַר וואָס ער האָט זײ די קרעץ געוואַשן. מיר זײַנען געווען צוזאַמען מיט מײַן ברודער, אומגעפֿער אַכט מאַנסבילן.

דער שטאָט=אינזשעניער האָט מיר צו וויסן געטאָן, איך זאָל צו אים קומען, וועלן מיר צוזאַמען אונטערגײן, ער האָט צוויי פּלעצער, וועלכע ער וויל מיר אָנווײַזן, וואָס זײַנען ניט ש ט ײ ב ע ר י ש און פּאַסן זיך פֿאַר אַ בית=עולם. איך האָב אַלזאָ מיטגענומען עטלעכע יידן און מיר זײַנען אַוועק מיטן אינזשעניער; ער האָט געהאַט נאָך מענטשן מיט זיך, וועלכע האָבן געטראָגן זײַנע אינסטרומענטן און קייטן, מיט וואָס אויסצומעסטן דעם פּלאַץ. מיר זײַנען אָנגעקומען צו אַן אָרט, האָט דער אינזשעניער גענומען אַן עקבער און טיף אײַנגעבויערט און געוויזן אונז דעם שײַנעם גרונד, וואָס איז געווען זייער גוט, דורכויס בלויער ליים. ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייס נאָך אַ פּלאַץ, אָבער דער דאָזיקער פּלאַץ איז אַ שטיק ווײַטער אַהינצו. מיר האָבן זיך באַקלערט, אַז דער דאָזיקער פּלאַץ, זאָל אַפֿילו נאָך ווײַטער זײַן, וועלן מיר קיין בעסערע ערד געוויס ניט באַקומען, אָט ד ע ר פּלאַץ איז שוין אויך גענוג ווײַט. מיר זײַנען געווען דערמיט צופֿרידן. דער דאָזיקער אינזשעניער האָט עס אויסגעמאָסטן מיט זײַנע לײַט און האָט מיך באַשטעלט, איך זאָל צו אים קומען אין אַכט טעג אַרום, וועל איך פֿון מאַגיסטראַט האָבן שריפֿטלעך, ווי ווײַט און גרויס עס איז אויסגעמאָסטן. איך האָב אויך געלאָזט אַרומציִען דעם פּלאַץ מיט אַ גראָבן, איך האָב אויך געלאָזט שטאַכעטן אַרומזעצן, אָבער דעם ווינטער נאָכדעם האָבן זײ אַוועקגעגנבעט אַלע שטאַכעטן.

מײַן פֿרוי מיט דרײַ קינדער, צוויי זין און איין טאָכטער, זײַנען געקומען אַהערצו פֿון דאַלאַרע, זײ זײַנען געווען אָנגעקומען פֿון וויסמאַר מיט אַ שיף. מײַן עלטסטע טאָכטער און די ייִנגסטע טאָכטער זײַנען געשטאָרבן אונטער דער צײַט, וואָס איך בין ניט געווען אין דער היים. אין אײניקע וואָכן אַרום איז אַהער אויך אָנגעקומען רב אברהם פּ״ח מיט זײַנע האַנטווערקגעצײַג. אויף מײַ=

נער אַ שוועסטערקינד, נתנאל. איך האָב אויך געהאַט אויסגעשריבן מיין גוטן פריינד פון ביצאָוו, ר׳ דוד, און אַ יונגן מענטש פייבעש. איך האָב אויך אויסגעשריבן אַ ב ח ו ר צו מיינע קינדער און אַ שוחט. ער איז אויך געווען מיינער אַ שוועסטערקינד מיט׳ן נאָמען אברהם ווערדען. עס זיינען אָבער אָנגעקומען אַהערצו נאָך כלער־ליי שנאָרערס. זיי האָבן דאָ געוואָלט מאַכן כל הרמאות. לכתחילה האָב איך געגלייבט, אַז זיי זיינען אָרנטלעכע מענטשן, אָבער איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז דאָס זיינען פאַרדאָרבענע מענטשן און פלעגן שטענדיק זיין טויט שכור. איך בין אַוועק צום איי־בערשטאַטהאַלטער און אים געזאָגט, אַז עס זיינען פאַראַן דאָ פרעמ־דע יידן, וואָס לויפן אַרום איבערן שטאָט. איך קען זיי ניט און כ׳האָב מורא, אַז זיי וועלן מאַכן רמאות, ווייל זיי האָבן ניט קיין פאַרמעגן, און מיר זיינען דאָ נאָך גאַנץ ניי, וועט דאָס אונז מאַכן אַ שלעכטן שם. דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט געזאָגט: „דאָס איז בראַוו געזאָגט, איך וועל זיי אַלעמען אַרויספאָדערן, און די, וואָס זיינען ניט אין דיין ”försvar„ די מוזטו אַהער ניט לאָזן”. עס זיינען געווען אומגעפער 10 קערלס. זיי זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן אין דער פאָליציי און האָבן באַקומען פעסער אַרויסצו־פאָרן פון דער מדינה. ער האָט מיר געגעבן אַ שריפט, אין דער דאָזיקער שריפט האָט ער מיך אָנגערופן „הופוואודמאַן”. ווען אַ פרעמדער ייד וועט קומען אַהערצו, מוז ער זיין פאַס צו מיר שיקן, און אַז איך געפין אים פאַר גוט, דאַרף איך אים אַיינ־מעלדן אין דער פאָליציי, מיט וואָס ער איז זיך מתעסק. געפין איך אים אָבער ניט פאַר גוט, דאַרף ער גלייך פון דער פאָליציי באַקומען אַ פאַס צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אויך ווען איינער פון די היגע יידן וויל פאָרן איבערן לאַנד אָדער אויסן לאַנד, דאַרף ער פון מיר האָבן אַ צעטל, דערמיט מוז ער גיין אין דער פאָליציי און די פאָליציי גיט אים אַ אָנווייזונג אין דער שלאָסקאַנצעלאַריע, מען זאָל אים געבן אַ פאַס. דער אייבערשטאַטהאַלטער איז געווען אַזוי גנעדיק צו מיר, ווען איך פלעג שיקן מיינע מענטשן מיט גאַלאַנטעריי־סחורות אויפן לאַנד אָדער צום מאַרק, האָט ער גע־לאָזט מיר אַרויסגעבן פעסער פון דער שלאָסקאַנצעלאַריע, אַז זיי

מעגן פריי האַנדלען מיט גאַלאַנטעריי אויף די מערק, אין די שטעט און אויפן ישוב.

די יוועלירן און די הוטשטאָפּירער זיינען זיך צונויפגעקומען און זיך אַן עצה געהאַלטן, וואָס זיי זאָלן טאָן קעגן די יידן, זיי זיינען געבוי געוואָר געוואָרן פון אונזערע פריווילעגיעס. אַזוי ווי זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז אונזערע פריווילעגיעס זיינען ניט מער ווי בלויז אויף חתימות קריצן און שטיינשניידן, זיינען זיי אַוועק צום קאָמערץ-קאָלעגיום מיט אַ גרויסער אָנקלאָגע קעגן אונז, אויך קעגן דעם אייבערשטאַטהאַלטער: דער קיניג האָט גנעדיק דריי יידן באַגינסטיקט. — דערביי אונזערע נעמען אָנגערופן — אַז זיי זאָלן דאָ וואוינען מיט זייערע ווייבער און קינדער און זאָלן דאָ אין שטאָקהאָלם זיך פאַרנעמען מיט זייער ערוואָרבענער קונסט, מיט חתימות קריצן און שטיינשניידן; זיינען אָבער אַוודאי דאָ הונדערט, וואָס באַזעצן די גאַנצע מלוכה און פאָרן אַרום מיט גאַלאַנטעריי-סחורות, מיר ווייסן ניט, פון וואַנען זייער עקסעלענץ דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט די פרייהייט אויסצושטעלן פאַר די יידן אַזעלכע פּעסער; אַזעלכע פריי ייטן האָבן מיר שוועדישע בירגערס אויך ניט; אַלזאָ זאָל אונז אייער עקסעלענץ אינפאָרמירן וועגן דער דאָזיקער פרייהייט.

דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט געשיקט נאָך מיר. ווי איך בין צו אים געקומען, האָט ער מיר פאָרגעלייגט, וואָס די יוועלירער און הוטשטאָפּירער האָבן איינגעגעבן קעגן די יידן און קעגן אים. ער האָט געזאָגט: „זע, איך האָב דיר אַלעס מעגלעכע געטאָן, כדי דיך אַרויסצוהעלפן, אָבער דו האָסט דאָס צו גראָב געמאַכט. איך האָב דיר ערלויבט צען פערזאָן, אָבער הונדערט האָב איך דיר ניט ערלויבט. קיינמאָל האָבן זיך די בירגער אויף מיר ניט געקלאָגט". איך האָב זיך פאַרטיידיקט, אַז איך האָב אַפילו ניט קיין צען, וואָס עס פאָרן אום, מערניט אַכט. דאָס קען איך באַווייזן דורך דער קאַנצעלאַריע. ער האָט אָבער געזאָגט: „דאָס העלפט אַלץ ניט. איך האָב שוין מודיע געווען אין קאָמערץ-קאָלעגיום, אַז די פּעסער זיינען פאַרבאָטן אין דער שלאָסקאַנצע-

לאריע. עס זאָל קיין ייד מער ניט אַרומפאָרן מיט סחורה. האָסטו לייט, וואָס זיינען ניט אין דער היים—שרייב גלייך,זיי זאָלן קומען". עס איז געווען פונקט צווישן די יום־טובים, מיינע לייט זיינען אַלע געווען אינדערהיים. „נו, זאָגט ער צו מיר, דו מוזט גלייך זיך לאָזן מאַכן אַ כתב און גיי זעלבסט צום קיניג מיט דעם כתב און קלאָג זיך אויף מיר, אַז איך האָב דיר געגעבן רשות אויף 10 פערזאָן, כדי דו זאָלסט קענען אָפּריכטן דיין עבודה פאַר גאָט, די דאָזיקע לייט קענען דאָך אַלע ניט זיין קיין שטעמפּל־שטעכער; איך האָב אַ האַנדל מיט גאַלאַנטעריי—האָט ער מיר פאַרבאָטן דעם האַנדל און לאָזט ניט מיינע לייט פאָרן אויף די מערק; איך בין ניט בכוח צו פאַרדינען מיין ברויט מיט מיינע לייט פון די חתימות שטעכן—דריי הויזגעזינדן".

איך האָב אַזוי געטאָן און בין אַליין אַוועק מיט אַ בקשה צום קיניג. ווי דער קיניג האָט געזען, אַז איך גיי אים אַנטקעגן, איז ער געבליבן שטיין. איך האָב זיך טיף געבוקט און געבעטן אונטערטעניקסט זיין חסד. ער האָט געזען, אַז איך האָב אין האַנט אַ שריפט געהאַט, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט, איך זאָל אים געבן די שריפט. איך האָב גענומען די שריפט, אַרויפגעלייגט זי אויף מיין הוט און ער האָט צוגענומען און אַוועק זיין וועג, און זי גלייך זעלבסטן אויפגעמאַכט און געלייענט זי, און איך בין שטיל געשטאַנען אויפן שלאָספּלאַץ.

דאָ האָט דער הערצאָג קאַרל געשיקט נאָך מיר, איך זאָל אַרויפקומען צו אים, האָט מיך געפרעגט, וואָס האָב איך געטאָן ביים קיניג. איך האָב אים געזאָגט די דאָזיקע גאַנצע היסטאָריע און האָב אים געבעטן, צי וואָלט ער ניט אַזוי גוט זיין צו זאָגן דעם קיניג אַ גוט וואָרט פאַר מיינטוועגן. ער האָט געזאָגט: „איר קענט זיין זיכער, אַז איך וועל דאָס טאָן נאָך היינט. איר וועט דאָס געוויס אין קורצן באַקומען".

איך האָב געוואַרט 14 טעג, איז גאָרנישט אָנגעקומען. איך בין אַרויף צום הערצאָג קאַרל און געפרעגט, צי קען איך האָבן דעם כבוד מיט אים צו ריידן. ער איז אַרויס אין דער גאַרדע־ראָבע, וואו איך בין געשטאַנען, און געפרעגט, וואָס וויל איך.

איך האָב געזאָגט: „אייער קיניגלעכע הויכהייט האָט מיר גנעדיקסט צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן מיט זייער מאַיעסטעט פון מיינטוועגן ריידן, אַז איך זאָל באַקומען פרייהייט צו האַנדלען". ער האָט געזאָגט: „דאָס איז שוין לאַנג פאַרטיק. גייט אַרויף אין קאַנצעלאַריע, פרעגט אויף דעם באַראָן רעבינדער, וועט איר דאָס באַקומען". איך בין אַרויפגעגאַנגען און געפרעגט אויף דעם באַראָן רעבינדער. איך האָב אַלזאָ באַקומען די פרייהייט, ווי איך האָב עס באַגערט. זי איז פאַרטיק געוואָרן דעם צווייטן מאַי 1777. ווער איז געווען גליקלעכער ווי איך מיט מיין ברודער און רב אברהם? איך בין דערמיט אַוועקגעגאַנגען צום אייבערשטאַטהאַלטער און האָב אים דאָס איבערגעגעבן. ער האָט געזאָגט: „איצט קענט איר שיקן לייט, וויפיל איר ווילט אין גאַנץ שוועדן אַרום. איר האָט עס רעכט אַלע דריי און יעדער איינער קען שיקן אויף זיין נאָמען".

אַז רב אברהם איז דאָ אָפּגעווען אַ יאָר צייט, האָט ער געלאָזט זיין פרוי און קינדער אַהערקומען. זי האָט מיטגעבראַכט אַ יידן, וואָס איז געווען איר וועגס-חבר פון שווערין, רבי מוילי לעווי, וואָרעם זיי זיינען געקומען אַהער צו פאָרן מיט דער יבשה איבער אישטאַט. זי האָט געהאַט אַן אייגענעם גרויסן וואָגן מיט זעקס קינדער. דער דאָזיקער ר' מוילי האָט מיטגעבראַכט פאַר אַ פאָר הונדערט טאָלער גאַלאַנטעריי-סחורה, וואָס ער האָט געטאָן דאָ פאַרקויפן. עס זיינען אַהינצו אויך אָנגעקומען צוויי בחורים, זיי האָבן געהאַט רעקאָמענדאַציעס צו מיר. איינער האָט געהייסן רב משה ליידערסדאָרף, דער אַנדערער רב הירש בר יואל. זיי זיינען געווען ממשפחת הגון, זיי האָבן געהאַט אויך אייניקע טויזנט רייכסטאָלער. רבי מוילי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיי אַ וויזיט געמאַכט און געפרעגט, צי זיי האָבן געבראַכט אַ ביסל סחורה פאַר אים צו האַנדלען. די דאָזיקע ביידע האָבן אַ ביסל סחורה געהאַט, אָבער זיי זיינען ניט געווען קיין בעלי-משא-ומתן, זיי האָבן שטענדיק געלערנט, זיי זיינען געוועזן נאָך יונג. זיי האָבן גלייך געוויזן, וואָס זיי האָבן געהאַט. רב מוילי האָט זיך בעסער פאַרשטאַנען דערויף. ער האָט געהאַט אַ ביסל גאַלאַנטעריי,

שטיינוואַרג און האָט זיך געביטן מיט זיי און האָט זיי אַזוי טיכטיק
אָנגעפייפט איבער די אויערן, אַז ער האָט זיי אָפּגענאַרט אפשר
אויף 40 רייכסטאָלער, דען זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען אין גאַ=
לאַנטעריי.

זיי זיינען געווען זייער אויפגעבראַכט אויף אים, איבער=
הויפּט ר׳ משה ליידערסדאָרף, דען ער איז געווען זייער רעליגיעז.
דער ר׳ מוילי האָט זיין סחורה גוט פאַרקויפט און איז ווידער
אָפּגעפאָרן אַהיים קיין שווערין. איך האָב זייער פיל געקלערט וועגן
די ביידע, ר׳ משה און ר׳ הירש, איך האָב באַגערט, זיי זאָלן
דאָ בלייבן וואוינען. איך בין אַרומגעלאָפן מיט דעם ר׳ משה
צו אַלע די שררות, וואו איך בין געווען באַקאַנט, און פאָרגע=
שטעלט, אַז זיי זיינען בכבודיקע לייט; זיי זוכן פּריווילעגיעס אויף
צו האַנדלען. דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט מיר געזאָגט: „אהרן,
דאָס גייט ניט גוט אָן”. איך האָב געזאָגט: „איר זייט אַזוי גנע=
דיק געווען צו מיר, און די דאָזיקע זיינען אויך ערלעכע
מענטשן און האָבן קאַפּיטאַל”. ער האָט געזאָגט: „מיט דיר איז
געווען וואָס אַנדערש; דו אַלס קינסטלער, וואָס געפינט זיך ניט
אין דער גאַנצער מדינה, טוט קיין מענטשן קיין שאָדן ניט, אָבער
אַלס סוחרים וועלן אַלע און יעדערער זיין דערווידער. דאָך קענ=
סטו פּרובירן, איך בין ניט דערקעגן”.

איך בין אַלזאָ אַרומגעלאָפן ביי אַלע רייכסראָטן מיט דעם
דאָזיקן רב משה, אייניקע זיינען ניט געווען דערווידער, אייניקע
אָבער האָבן גאָרניט געוואָלט דערפון הערן. דאָך האָבן מיר אָנ=
געגעבן צום קיניג, אָבער זיי האָבן געקריגן אַן אָפּזאָג. דאָס האָט
געדויערט אפשר אַ האַלב יאָר, וואָס זיי זיינען דאָ געווען. זיי
האָבן באַשלאָסן אַוועקצופאָרן צוריק, אָבער איך און מיין ברודער
האָבן גערן געוואָלט זיי דאָ האָבן, באַזונדערס ווייל רב אברהם
פ״ח האָט באַקומען אַ צוריקבריוו פון דעם הערצאָג פון מעקלענ=
בורג וועגן אַ שטעלע פון דרייהונדערט רייכסטאָלער אַלס הויף=
מעדאַליער און פריי דירה און האָלץ, האָבן מיר מער ניט גע=
האַט אַזעלכע בכבודיקע לייט.

איך בין אַוועקגעלאָפן צום אייבערשטאַטהאַלטער און פאָר=

געשטעלט, אַז די לייט ווילן אָפּפּאָרן, ווייל זיי האָבן באַקומען אַן אָפּזאָג. דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט געזאָגט: „ווען דו ווילסט זיי דאָ אַזוי גערן האָבן, דאַן קענען זיי זיין אונטער דיין „פּערס-וואַר", אפשר וועט זיך ווען מאַכן אַן אַנדער געלעגנהייט ביים הויף". מיר האָבן זיי זייער פיל צוגערעדט און צוגעזאָגט אַלעס מעגלעכע בייצושטיין, ביז זיי האָבן זיך געלאָזט איבעררעדן. ר' אברהם מיט זיין פרוי און קינדער זייגען אַוועקגעפאָרן צוריק קיין שווערין, זייגען אַזוי-אַרום געווען דאָ צוויי יאָר. אַזוי ווי מיר זייגען זיך פונאַנדערגאַנגען, איך און מיין ברודער און רב אברהם, זייגען מיר געבליבן יעדער פאַר זיך. עס איז געקומען אַהערצו ר' גומפּרעכט פון ביצאָוו, מיין פרויס אַ קוזין. בשעת איך האָב געוואוינט אין ביצאָוו, בין איך געווען מיט דעם ר' גומפּרעכט שטענדיק חבר, אויך ביי סחורה, פעדערן, וואַקס וכדומה. ר' גומ-פּרעכט האָט צו מיר געזאָגט: „איר לאָזט אייך צו שווער אַרבעטן און לויפן. נעמט מיך צו פאַר אַ ח ב ר, איך פאַרלאַנג ניט קיין ח ל ק פון אייער מ ל א כ ה. גיט מיר אייער ס ח ו ר ה אין ח ב ר ו ת א, איך וועל פאַר אייך האַנדלען און אַלץ אַזוי גוט איינשטעלן, ווי איר אַליין, און איר קענט זיך רואיק זיצן אויף אייער שטול ביי אייער אַרבעט". מיין פרוי האָט מיך צוגערעדט, איך זאָל אויף אַזוינס איינגיין, ווייל ר' אברהם איז איצט ניטאָ, „ווי וועסטו אַלץ אַליין קענען דערוויַיזן?"

ר' גומפּרעכט האָט נאָך ניט געהאַט קיין פרייהייט דאָ צו בלייבן. איך בין זייער פיל אומגעלאָפן. דער אייבערשטאַטהאַלטער אָבער האָט ניט געוואָלט. איך האָב געמאַכט אַזוי פיל קונצן מיט דעם באַראָן וועגעזאַק אויף אַ קונציקן אופן, גלייך ווי ער וואָלט אים געהאַט אויסגעשריבן אַ בריוו פון באַראָן וועגעזאַק ביי די בראַנפן-דירעקציע אַלס דעסטילאַטער. אויך באַראָן ליליענקראַנץ האָט זיך אָנגענומען, ווייל דער באַראָן וועגעזאַק האָט אים אויסגעשריבן. אַזוי אַרום האָט ער געהאַט פרייהייט דאָ צו בלייבן. איך האָב אים צוגע-רעכנט מיינע סחורה, וואָס איך האָב געהאַט, און עס איז אַוועק אַ גאַנג.

עס איז אַהערצו געקומען אַ פּוילישער רב מיט רעקאָ-מענדאַציעס צו מיר. איך האָב אים אָנגענומען אויף אַ יאָר. ר'

מוילי איז ווידער געקומען צו פאָרן פון שווערין און האָט געבראַכט מיט זיך סחורה אומגעפער פאַר 800 רייכסטאָלער. די סחורה איז אָפּגעליווערט געוואָרן אויפן פאַקהויז. ער האָט מיר אויך מיטגעבראַכט אַ בריוו פון שווערין פון מיין ברודער אברהם, ער האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט אים געגעבן פאַר 300 טאָלער סחורה אויף קרעדיט, און ער ווייס גוט, אַז ער האָט ניט קיין פרייהייט דאָ צו האַנדלען, זאָל איך ניט זיין דערווידער. דער דאָזיקער ר׳ מוילי איז אָבער געווען קלוג, ער האָט מיר גלייך דעם בריוו ניט אָפּגעגעבן. ער איז אַוועק אין פאַקהויז און האָט געמיינט, אַז ער וועט מיר ניט נייטיק האָבן צו זאָגן, ער האָט געוואָלט באַצאָלן די צאָל פאַר זיין סחורה, אָבער זיי האָבן אים געפרעגט, ווער איז ער, וואָס ער איז אַהער געקומען נאָך סחורה, ער האָט די סחורה ניט אַרויסגעקריגן, און די סחורה וואָלט געגאַנגען לאיבוד. ער האָט זיך פאַררופן אויף מיר, אָבער דאָס האָט אים ניט געהאָלפן. דאָס איז געוואָר געוואָרן ר׳ משה ליידערסדאָרף. ער איז גלייך געקומען צו מיר צו לויפן און האָט מיר דערציילט די געשיכטע, און האָט געזאָגט, אַז מ׳מוז אַזאַ שווינדלער גוט באַצאָלן, ער מוז זיין סחורה פאַרלירן. ווי מיר זיינען געשטאַנען און גערעדט, איז אָנגעקומען ר׳ מוילי און האָט געהאַט אַ בריוו אין דער האַנט און האָט געזאָגט: „איך האָב אַזוי פיל געזוכט דעם בריוו, איך האָב שוין געמיינט, אַז איך האָב אים פאַרלאָרן, ערשט איך האָב אים געפונען אין מיין קופערט“. ר׳ משה ליידערסדאָרף איז אַוועקגעגאַנגען. האָט ער מיר דערציילט, וואָס מיט אים האָט פאַסירט. איך בין געווען בייז אויף אים, וואָס ער איז אַליין געגאַנגען. איך האָב אים געזאָגט: „איצט איז דאָס אַ שווערע זאַך“. ער האָט געוויינט פאַר מיר, אַז דאָס איז ניט זיין געלט, ער איז דאָס שולדיק לייטן. איך האָב אים צוגעזאָגט צו טאָן וואָס נאָר מעגלעך. ער איז אַוועק זיין וועג. איך האָב געוואָלט גיין צום אייבערשטאַטהאַלטער און אים פרעגן, וואָס מ׳קען טאָן ביי דער זאַך. ר׳ משה האָט מיך אָפּגעהיט אויף דער גאַס און האָט געזאָגט צו מיר: „איר וועט דאָך דעם רמאי ניט העלפן, ער זאָל באַקומען זיין סחורה צוריק, וואָרעם אַזאַ יונג מוז מען פאַרטרייבן

פון דאַנען". איך האָב געזאָגט: „עס איז רעכט ער זאָל דאָ טאַקע ניט בלייבן, אָבער די סחורה מוז איך זען צו ראַטעווען, ער האָט פון מיין ברודער גענומען אויף קרעדיט, אָט איז אַ בריוו פון מיין ברודער". ער אָבער האָט געזאָגט: „מיר זיינען אַזעלכע גוטע פריינד, איך שווער אייך דאָ אונטערן פרייען הימל, אַז אויב איר וועט אים די סחורה צוריק שאַפן, דאַן בלייבן מיר אייביקע שונאים". איך האָב געזאָגט, אַז איך וואָלט פון אים ניט ערוואַרט אַזאַ שלעכט געוויסן. ער איז געבליבן ביי זיין דעה און האָט געזאָגט, אַז מער וועט ער צו מיר קיינמאָל ניט קומען. איך האָב געזאָגט: „ברענגט דערצו מיט דער שם פון אַ פרומען מענטש?" ער איז אַוועק זיין וועג, ער האָט געהאַלטן זיין וואָרט און איז געוואָרן מיין גרעסטער אומפריינד. מיט וואָס ער האָט מיר באָר געקענט מאַכן צו שפּאָט, האָט ער דאָס ניט דורכגעלאָזט. אָבער זיין מאַכט האָט ניט געהאַט צופיל צו באַטייטן.

איך בין אַוועקגעגאַנגען צום אייבערשטאַטהאַלטער און האָב אים געזאָגט, אַז די דאָזיקע סחורה איז מיינע, דער מאַן, וואָס האָט זי מיר מיטגעבראַכט פון מיין ברודער פון שווערין, דען ער איז געקומען מיט דערזעלבער שיף, האָט ער געוואָלט אין פאַקהויז זיך אָפּפאַרטיקן מיט דער צאָל, אָבער זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער טאָר אַהער קיין סחורות ניט ברענגען און זיי ווערן פאַרפאַלן. האָט ער זיי געזאָגט, אַז די סחורה איז אהרן איזאַקס, אָבער זיי האָבן געזאָגט: „דאָס העלפט ניט, די סחורה גייט לאיבוד".

— „האָסטו געמאַכט אַ איינלאַגע?" — „ניין, איך ווייס גאָרניט דערפון, איך האָב נאָך קיינמאָל אין פאַקהויז גאָרניט באַקומען". ער האָט מיר ערקלערט, ווי אַזוי עס מוז געמאַכט ווערן און מיין נאָמען אונטערשרייבן — „דאַן גיי אַליין אַרויף אַהינצו און אויב אין דעם איז ניטאָ קיין קאָנטראַבאַנד, דאַן קענסטו גאָרנישט פאַרלירן. אויב זיי וועלן דיר מאַכן אַ חתוגה, דאַן קום ווידער צו מיר".

איך האָב געהאַט אַ באַקאַנטן בוכהאַלטער, האָט ער מיר אָנגעשריבן די איינלאַגע. איך בין אַרויף אין פאַקהויז און האָב געזאָגט, אַז איך האָב דאָ באַקומען סחורה מיט אַ ווייסמאַרער שיפער און האָב זיי באַוויזן די איינלאַגע. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז

אַ פרעמדער ייד איז מיט דערזעלבער שיף געקומען און ער האָט געוואָלט באַצאָלן פאר דער סחורה דעם צאָל, עס טאָר דאָ אָבער קיין פרעמדער ייד ניט האַנדלען. איך האָב געזאָגט, אַז מיין ברו־דער האָט אים געשיקט צו מיר אויף אַ שטעלע — „איר קענט די פאַקעטן, קענט איר פאַררעכענען דעם צאָל. איך האָב ניט געוואוסט די היגע רעכט, אַז מען מוז מאַכן אַ איינ־לאַגע, אין דייטשלאַנד איז ניט אַזוי". זיי האָבן געעפנט די פאַ־קעטן און אַלץ נאָכגעזען, און אַלץ איז דאָרט געווען ריכטיק נאָך מיין איינלאַגע, און איך האָב באַקומען די סחורה אָן ווייט־לויפיקייט.

אָבער ר' משה איז מער צו מיר ניט געקומען. פריער איז אַ טאָג ניט אַוועק, אַז ער זאָל ביי מיר ניט זיין. ער האָט אַ־ילו דעם רב אָנגעטאָן אַזויפיל פאַרדראָס מיט זיינע אָנהענגערס אייזיק פ"ח, ר' מורי משה כהן פון האַמבורג, אַז ער האָט געמוזט פון דאַנען אָפּפאָרן, און מיר זיינען געבליבן אָן אַ רב. מיר זיינען געווען איבער 40 מאַנסביל. רבי משה ליידערסדאָרפס ברודער זיסקינד איז אויך געקומען אַהער, ר' לייב דעמיץ מיט זיין ברו־דער, אויך ר' קאָפּל יעקב קלוגע האָט דאָ אַ שידוך געטאָן און דאָ חתונה געהאַט. מיין ברודער מרדכי איז אַרויסגעפאָרן צום לייפּציגער יריד, האָט אין שווערין חתונה געהאַט מיט רבי שמואל פלאַוס טאָכטער און האָט מיטגעבראַכט זיין שווער אַהער. מיין ברודער משה איז אויך געקומען אַהער.

ח.

מען האָט דאָ געגומען ריידן, אַז דאָ זאָל ווערן אַ רייכסטאַג. איך האָב תמיד געקלערט, אַז מיר מוזן עס אַזוי ווייט ברענגען, מיר זאָלן באַקומען די פרייהייט אויף פון די רייכסשטאַנדן. גוטע פריינד האָבן מיר דאָ געזאָגט: „אייערע פריווילעגיעס האָבן אַ כוח, כל־זמן דער קיניג לעבט. זאָל אָבער דער קיניג שטאַרבן, קענט איר אייך ווידער אַרויספאָרן פון דער מדינה. איך האָב זיך מיישב געווען מיט מיין ברודער מרדכי, מיר זאָלן זיך ווענדן צו די רייכס־

שטאַנדן. מיין ברודער האָט מיר געזאָגט: „דו נעמסט אַלץ אויף זיך, קיינער דאַנקט דיך ניט דערפאַר. דאָ זיינען פאַראַן ר׳ משה ליידערסדאָרף און זיין חבר ר׳ הירש, זיי ווילן אַזוי גערן קיו־מים האָבן; מיר ווילן זיי לאָזן רופן און זיי פאָרשטעלן, אַז היות דאָ ווערט אַ רייכסטאַג, ווילן מיר זיך באַמיען, צי מיר קענען ניט קריגן קיין פרייהייט, אַזוי ווי אין אַנדערע מדינות, און טאַקע פון די רייכסשטאַנדן. מיר קענען קיין אַנדערע דערצו ניט נעמען ווי אונזערע פיר פערזאָנען". די איבעריקע זיינען אַלע גע־ווען אונזער „försvar". איך האָב געזאָגט: „דערצו מוז מען נאָך עטוואָס איינשטעלן, אַניט ווילן מיר גאָרניט פועלן"—. ר׳ משה ליידערסדאָרף האָט גלייך געזאָגט, אַז מיר מעגן איינ־שטעלן 300 רענדלעך, „ווען מיר ווילן דאָס פועלן, דאַן וועל איך און מיין חבר געבן אַ העלפט געלט". איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל דאָס אויף זיך נעמען צו פועלן מיט איין הונדערט רענדלעך. מיין ברודער און די אַנדערע צוויי זיינען געווען דערמיט צופרידן.

דער רייכסטאַג איז געווען אין חודש יאַנואַר 1779. עס איז געשען, דער רייכסטאַג איז זיך צונויפגעקומען, איך האָב געהאַט פיל גוטע פריינד. איך האָב אָנגעגעבן, און קיינער פון די 4 שטאַנדן איז אונז ניט געווען אַקעגן, נאָר דער גלחים־שטאַנד. מיר האָבן פאָרגעשטעלט, אַז יידן זאָלן קענען וואוינען אין דער שווע־דישער מדינה, עס זאָל זיי אָבער אויסגעאַרבעט ווערן אַ רעג־לאַמענט, וואָס לויט אים זאָלן זיי זיך קענען ריכטן. דאָס האָט מיר געקאָסט מער ווי הונדערט רענדלעך. אַז דאָס איז שוין דורכ־געפירט געוואָרן, האָב איך געוואָלט, לויט אונזער מדובר, פון יעדן איינעם 25 רענדלעך, אָבער דער דאָזיקער ר׳ משה און הירש האָבן געזאָגט: „מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר ווילן אונזער חלק דערצו געבן, מיר מוזן פאַררעכענען אויף אַלע יידן, וואָס זיינען דאָ, ווייל די פרייהייט איז פאַר יעדן איינעם". וואָס האָב איך געקענט פאַרלאַנגען פון מיינע באַדינערס?—האָב איך אַזוי־אַרום פון קיינעם גאָרנישט באַקומען, דען מיין ברודער מרדכי האָט מיר גע־וואָלט געבן 25 רענדלעך, אָבער איך האָב זיי ניט געוואָלט נע־מען, איך האָב געוואָלט צו 50 רענדלעך, דען מירביידע האָבן

דאָס אָנגעהויבן. דערווייל איז מיין ברודער אויך געשטאָרבן, איך האָב קיין פעניג ניט באַקומען פון קיינעם.

עס איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז ווען יידן ווילן האָבן קיום ים, דאַן זאָלן זיי זיך מעלדן ביי דעם קאָמערציענקאָלעגיום, ביז דער רעגלאַמענט וועט אַרויסקומען. נו, איז יעדערער געלאָפן צום קאָמערציענקאָלעגיע און האָבן זיך געלאָזט פאַרשרייבן, כּדי זיי זאָלן דאָ האָבן פרייהייט צו האַנדלען. איצט האָב איך געהאַט פיל אומפריינד פון מיינע אייגענע לייט, וואָס איך האָב געהאַט דאָ אויפגענומען אויס רחמנות. משה ליידערסדאָרף פלעגט זיי אויפהעצן און זאָגן: „איצט זיינען מיר אַלע גלייך, אַהרן איזאַק איז ניט מער יחסן ווי מיר״, ווייל איך בין פון אייבערשטאַטהאַלטער געוועזן אַלס "Hujvudman"., איך האָב זיך אָבער קיינמאָל קיין אייבערהאַנט ניט גענומען, נאָר בלויז די אָרדענונג אין שול, אָבער איך פלעג קיינעם ניט באַפעלן.

דערווייל איז אַהער געקומען ב. פון מאַלמע. משה ליידערסדאָרף האָט געמאַכט מיט אים באַקאַנטשאַפט. וואָס ער האָט אים פאַר אַ טובה געטאָן אָדער געגעבן, דאָס איז מיר אומבאַקאַנט, נאָר ב. האָט מיך געוואָלט פאַרפאָלגן. דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט געשיקט נאָך מיר, איך זאָל צו אים קומען. איך בין צו אים געקומען, האָט ער געזאָגט: „אהרן, דו האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט מיר געגעבן הונדערט רענדלעך, כּדי איך זאָל אייך שאַפן פרייהייט פון די רייכסשטאַנדן, און איצט ווילסטו די הונדערט רענדלעך צוריק האָבן פון די יידן. אויך האָסטו געזאָגט, אַז דו האָסט דעם פּאָליציימייסטער געשאָנקען אַ זיידענעם שלאָפראָק, איז דאָס רעכט?״ איך האָב געזאָגט: „דאָס איז ניט אמת, יעדנפאַלס, אויב איך וואָלט ווירקלעך עפּעס אַזוינס געזאָגט, וואָלט איך דאָס ניט זאָגן פאַר אַזעלכע מענטשן, וועלכע זיינען ניט מיינע פריינד, זיי זאָלן דאָס קענען איבערגעבן אייער עקסעלענץ. איך קען דערויף שווערן מיט אַ שבועה, אַז איך האָב דערביי אייער עקסעלענץ ניט אין זינען געהאַט, אַז איך האָב פון מיין ברודער און פון משה נאַטאַן און פון האַרטוויג יואל זייער חלק באַגערט, אָבער ביי גאָט אין הימל — עס האָט מיר קיינער אַ פעניג אויף דעם ניט

געגעבן. זיי האָבן אַלזאָ נאָר געפּרוווט טרעפן, אָבער זיי ווייסן פון גאָרניט". ער האָט געזאָגט: „רעכט אויף דיר, דאָס האָסטו פאַר דיין לויפן און בעטן פאַר זיי, טאָ נעם זיך אַראָפּ אַ מוסר. דו ביסט אַן ערלעכער יונג, אָבער דו ביסט צו גוט. מאָרגן עלף דעם זייגער קום אַרויף אין דער פּאָליציי", איך גלייב, אַז משה באַטאַן האָט דאָס געזאָגט און איך וועל דאָס מאָרגן איבערזאָגן אין זיין געגנוואַרט".

איך בין געווען ביי זיך איבערצייגט, אַז איך האָב אים דאָס ניט געזאָגט. אַז איך בין דעם אַנדערן טאָג געקומען אין דער פּאָליציי און מען האָט מיך אַריינגערופן, איז שוין ב. געווען דרינען. איך האָב שוין דרויסן געהערט, ווי דער פּאָליציי־מייסטער און דער אייבערשטאַטהאַלטער האָבן זייער שטאַרק גערעדט. ווי איך בין אַריינגעקומען, האָט דער פּאָליציימייסטער געפרעגט: „האָט דאָס דיר אהרן איזאַק געזאָגט?" ער האָט געזאָגט: „טאַקע ניט ער אַליין, אָבער אַנדערע יידן". דער אייבערשטאַט־האַלטער האָט געזאָגט: „קערל, דו ביסט דאָך אָפּגעפאַלן פון די יידן, וואָס האָסטו זיך צו מישן צווישן זיי? ווייטער אַז איך וועל זיך דערוויסן, אַז דו וועסט מיט די יידן האָבן אַ מגע־ומשא, וועל איך דיך לאָזן ברענגען אין מאַרשטראַנד". ער איז געווען אַ געוואַגטער שעלמע און האָט געוואָלט זיין מויל עפענען, אָבער דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט די זאַך פאַרשטאַנען בעסער. ער האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאָר טייערע פּעטש, האָט באַפוילן, מען זאָל אים אַרויסטרייבן און אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ, דערמיט איז דער פּראָצעס געווען פאַרענדיקט.

ר' גומפּרעכט האָט זיינע פרוי און קינדער אויך געבראַכט אַהערצו. זי האָט געהאַט אַ באַדינער יוסף פון שוואַהן. אויך זיינען אַהער געקומען אַזעלכע, וואָס פלעגן זיך דאָ אויפהאַלטן אַ געוויסע צייט און אַוועקפאָרן צוריק.

אַלע יאָר פלעג איך פאָרן צו דער לייפּציגער אָסטערמעס. מיינע קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן. מיין זון נתנאל איז אַלס געווען זעכצן יאָר און איז אַריינגעקומען צום הערצאָג פרידריך אַלס הויף־פאַרזאָרגער; ער איז געווען זייער אָנגעזען ביי די

גרעסטע הערן און האָט אויך געהאַנדלט מ י ט ד י גרעסטע דאַ־
מען. אַז מיין טאָכטער איז אַלט געוואָרן 14 יאָר, בין איך געפאָרן
קיין לייפציג און האָב זיך אויך אַראָפּגעכאַפּט קיין שווערין; דאָ
איז געווען אַ פיינער ב ח ו ר רב אייזיק פון דערנבוים מ מ ש פ ח ת
ה ג ו ן, ער איז געווען ביים הויפּאַגענט אַלס בוכהאַלטער 6 יאָר.
איך בין געוואָרן באַקאַנט מיט אים, ער איז געווען אַ פיינער
מענטש, אַ מעורב עם הבריות. ער האָט מיך געפרעגט, ווי איז
אין שווערין; ער האָט מער קיין חשק ניט צו בלייבן אין שווערין.
איך האָב אים פאָרגעלייגט, אַז אויב ער האָט חשק מיט מיר צו
פאָרן, ווען איך וועל צוריקקומען, וועל איך אים פריי מיטנעמען
קיין שטאָקהאָלם און מיט אַלעם מעגלעכן מיטהעלפן. איך בין אי־
בער פ ס ח געווען אין שווערין, דען נאָך פסח פלעג איך שטענ־
דיק פאָרן מיט מיין ברודער צוזאַמען קיין לייפציג. איך בין זיך
צוזאַמענגעקומען מיט ר' אליה שווערין. ער האָט געוואוסט,
אַז איך האָב אַ דערוואַקסענע מיידל. ער האָט מיך געפרעגט, צי
וואָלט איך מיטגענומען זיין זון ראובן קיין שטאָקהאָלם. דער דאָ־
זיקער זון האָט דורך זיין אייגענעם מסחר שוין פיר טויזנט טאָ־
לער פאַרדינט, און ווען ער זאָל זיך דאָרט באַזעצן, דאַן גיט ער
אים אויך צוויי טויזנט טאַלער. אַזוי גיט ער אַלע זיינע קינדער.
איך האָב געזאָגט, אַז ווען איך וועל צוריקקומען, וועט ער האָבן
אַ תשובה.

איך בין אָפּגעפאָרן מיט מיין ברודער קיין לייפציג. אונ־
טערוועגס האָב איך מיט אים גערעדט, אַז איך האָב אַ פאָר־
שלאָג אויף צוויי זייטן פאַר מיין אסתר. איינער איז דער בחור ר'
אייזיק, דער בוכהאַלטער ביי ר' יוסף, דער אַנדערער איז ר' אליהס
זון — ראובן. מיין ברודער האָט מיר געזאָגט: „ווען איך זאָל
דיר געבן אַן עצה נאָך מיין געשמאַק, איז מיין דעה מער אויף דעם
ר' אייזיק, הגם אפילו ראובן האָט מער געלט, וואָרעם זיין געלט
האָט ער בלויז אָפּגעקאַרגט. ער האָט פון זיינע עלטערן פריי
עסן, טרינקן, קליידער און דירה, איז ניט קיין וואונדער צו קלייבן
געלט. זיין בריהשאַפט איז ניט מי יודע וואָס". דאָס איז אַקוראַט
געווען גערעדט נאָך מיין מיינונג. דער דאָזיקער ר' אייזיק האָט

מיר אויך מיטגעגעבן קיין לייפציג 500 רייכסטאָלער, איך זאָל אים דערפאַר קויפן גאַלאַנטעריי, אייניקע גילדענע טאַבאַק־שקעטע־לעך, אייניקע גאָלדענע זייגערס און קייטן. איך האָב באַשטעלט זיין קאָמיסיאָן אַזוי גוט ווי פאַר מיר. זיין בעל־הבית האָט ער אָפּגעזאָגט.

ווי מיר זיינען געקומען קיין שווערין, האָט ער שוין באַ־שלאָסן צו פאָרן מיט מיר קיין שטאָקהאָלם. שוין מיט אַ יאָר פאַר דעם, אַז איך בין געווען אין שווערין, האָב איך מיט אים אָפּגערעדט, אַז בשעת מיר וועלן קומען קיין שטאָקהאָלם און מיין טאָכטער וועט אים געפעלן, און ער — מיין טאָכטער, דאַן זאָל עס געשען. אויב אָבער דאָס וועט פון איין זייט דורכפאַלן, האָב איך אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט געניסן מיין גאַנץ ביישטאַנד, מיט אַלעם, וואָס נאָר מעגלעך, וועל איך אים העלפן.

מיר זיינען געקומען אַהיים; קוים זיינען מיר דאָ אָפּגעווען אַכט טעג, איז צו מיר געקומען ר' אייזיק און האָט געזאָגט, צי זאָלן מיר זיך ניט פאַרבינדן. איך האָב אים געזאָגט: „איך האָב נאָך מיט מיין טאָכטער ניט גערעדט, איז אויב דאָס מיידל איז אייך געפעלן, וועל איך איר אוין פרעגן". איך האָב אַריינ־גערופן מיין טאָכטער אייגזאַם אין מיין ווערקשטעל און האָב איר איבערגעפרעגט: „וואָס טראַכסטו וועגן דעם פרעמדן מענטשן, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט". זי האָט געזאָגט: „ווי עס ווייזט אויס, איז עס אַן אָרנטלעכער מענטש." איך האָב געזאָגט צו איר: „קענ־סטו אים ליידן, ווילסטו אים האָבן צום חתן?" דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען און האָט געזאָגט: „ליבער פאָטער, איר דאַרפט מיר עטוואָס אַזוינס גאָרניט זאָגן, איך בין דאָך נאָך אַ קינד און גיי נאָך אין דער שולע". איך האָב געזאָגט: „דאָס איז ניט דיין דאגה, איך האָב נאָר דיך געפרעגט, צי קענסטו ליידן דעם דאָזיקן מענטשן". — „ליבער פאָטער, איך בין נאָך צו יונג אויף דעם צו ענטפערן" — און איז אַוועק. דאָס איז שוין געווען גענוג געזאָגט.

מיר האָבן אַלזאָ אָפּגעוואַרט אומגעפער אַכט טעג און האָבן געמאַכט הכנות צום קנס לייגן: איך האָב באַפוילן מיין טאָכטער, זי זאָל אָנטאָן איר בעסטע קלייד, וועלן מיר לייגן קנס.

זי האָט זיך צעווײנט נאָך מער, אָבער מײן פרוי האָט איר צוגערעדט, אַז זי איז גליקלעך, וואָס זי באַקומט אַזאַ געלערנטן און שײנעם גע־שיקטן חתן. מיר האָבן אָפּגעלײגט די חתונה אויף צוויי יאָר, ווײל זי איז נאָך באמת געווען צו יונג. איך האָב ר' אײזיקן באַקאַנט מיט מײן האַנדל, אים געגעבן פרײ קעסט, ווײל ער איז געווען חתן. מײן זון נתנאל פלעגט אָפּט מיט אים גײן צו מײנע קונדן, ער זאָל האַנדלען אין מײן שטעלע. ער האָט זיך אונטער דער צײט, וואָס ער איז געווען חתן, אויפגעקליבן אַ שײנעם קאַפּיטאַל.

איך מוז אויך אָנמערקן, אַז בשעת איך בין געווען אין שווערין בײ מײן צוריקפאָרן פון לײפּציגער יריד, האָב איך געטראָפן מײנס אַ שוועסטערקינד, רב לײב בן רב פּנחס פון שטרעליץ. פאַר דעם איז ער געווען אַ רײכער מאַן, אַ גרויסער למדן, ער האָט זיך צו פיל אָפּגעלײגט אויף דאָס למדנות און זיך געלאָזט אויפנעמען פאַר אַ רב אין פּוילן. ער האָט אָבער ניט געהאַט קײן חן צו פּוילן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זײן רבנות, איז אַוועק קײן שטרעליץ און פאַרצערט זײן פאַרמעגן. אַז ער האָט מיך גראָד אָנגעטראָפן אין שווערין, האָט ער צו מיר געזאָגט: „מיר זײנען גוטע באַקאַנ־טע און בלוטספרײנד, איר מוזט מיר העלפן און מוזט מיך אויפנע־מען פאַר אַ רב אין שטאָקהאָלם". איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר זײ־נען צו שוואַך פאַר אים, ער דאַרף אַ סך געלט און מיר זײנען ניט מער ווי 4 אָדער 5 בעל־בתים, וואָס זײנען נושא בעול: איך, מײן ברודער מרדכי, ר' דוד גומפּרעכט, ר' שמואל. ער האָט מיר געזאָגט: „איך בין שוין ניט דאָס, וואָס איך בין געווען פריער, איצט מוז איך זיך באַנוגענען מיט ווײניק". איך האָב אים געזאָגט: „איך וועל רײדן מיט מײנע לײט און וועל אײך פון שטאָקהאָלם תשובה שרײבן". אָבער אַלע שווערינער בעלי־בתים זײנען אַלע צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל אים אויפנעמען, זײ האָבן אַלע גוט געוואוסט, וואָס איך וויל טאָן. די אַנדערע זײנען געווען דערמיט צופרידן. איך האָב אים געגעבן מײן וואָרט.

בײ מײן קומען אַהײם האָב איך געלאָזט רופן די אײניקע בעלי־בתים און זײ פאָרגעשטעלט מײן מדובר מיטן רב: „אויב איר זײט דערמיט צופרידן, דאַן מוזן מיר אים אַ רבנות־בריוו

שיקן״. אָבער דאָ זיינען געווען לייט, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער אונזער „försvar״ אמתע לומפּן, האָבן זיך צו־נויפגענומען 15 פּערזאָן און האָבן געשריבן צו ר׳ לייב פנחס, אַז זיי זיינען געוואָר געוואָרן, אַז איך האָב אים אויפגע־נומען און האָב זיי ניט געפרעגט, אַלזאָ זאָגן זיי אים אָפּ. ניט איינער פון זיי האָט ניט געהאַט קיין פאַרמעגן אָדער קיומים, ניט קיין פרוי און ניט קיין קינדער. דער רב האָט מיר צוגעשיקט דעם בריוו, וואָס זיי האָבן אים געשריבן. ער האָט מיר צו גע־שריבן, אַז ער קען קיינעם ניט פון די לייט, וואָס האָבן דעם בריוו געשריבן. איך האָב אים געשריבן ענטפער, אַז אָן דעם בריוו קען ער שוין זען, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ לייט, אַ נידעריקע חבריה. און ער איז געקומען אַהערצו און האָט פאַרנומען זיין רבנות. איך האָב אים פאָרגעלייגט אַ גאַנצן יאָר פרייע קעסט און דירה, מיין ברודער דאָסגלייכן אַ יאָר פרייען טיש, רב גומפּרעכט אויך אַ יאָר פרייען טיש. משה ליידערסדאָרף, משה כהן פון האַמבורג האָבן געזען, אַז זיי קענען מיט מיר גאָרניט פועלן, האָבן זיי זיך געחנפעט צום רב און האָבן געזאָגט, אַז עס שיקט זיך ניט, אַז ער אַלס רב זאָל זיין ביי אַנדערע לייט; זאָל ער לאָזן זיינע קינ־דער קומען אַהערצו, זאָל ער אַליין פירן זיין ווירטשאַפט, זיי ווילן אַלע זיין געזעלשאַפט און עסן ביי אים. ער איז אַקוראַט געווען אַ יאָר ביי מיר, ווי זיינע ביידע טעכטער און זון זיינען געקומען אַהער, און אַזוי־אַרום האָט ער ניט געהאַט געגעסן ניט ביי מיין ברודער און ניט ביי גומפּרעכט. ער האָט דאָס ניט פאַרלאַנגט, אָבער די ארבע בנים האָבן אים פאַרפירט, אַז ער זאָל מיר אין אַלץ טאָן צו להכעיס.

ט.

סוף־כל־סוף איז אַרויסגעקומען אַ רעגלאַמענט פון מאַגי־סטראַט. דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט געשיקט צו מיר, איך זאָל צו אים אַרויפגיין; האָט ער מיר פאָרגעלייענט דאָס, וואָס דער

מאַגיסטראַט האָט אים געשיקט צום אונטערשרייבן. ער איז גע־וועז אַזוי שלעכט: מיט קיין זאַך ניט צו האַנדלען אַחוץ מיט אַל־טע קליידער, קיין שום בוד, און וואוינען זאָלן זיי אַלע אויף קונגסהאָלם, אָבער ניט ביי אַ קריסט אין הויז, ניט פאַרנעמען זיך מיט קיין מלאכה, ניט נעמען קיין קריסטן אין דינסט. אַיעדער ייד זאָל טראָגן אַרום הוט אַ געלן וואָלענעם באַנד. די אונטער־שטע שורה — אַלע פרנסות פאַרבאָטן און זייער נידערטרעכטיק געשעצט. דער אייבערשטאַטהאַלטער האָט זיי געלאָזט זאָגן, אַז דער קיניג מוז דאָס אונטערשרייבן, ער האָט געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע איז אַזוי נאַריש, זיי זאָלן ליבער אַלעמען צום טויער אַרויס־טרייבן. „איך וועל דאָס אַליין איבערגעבן דעם קיניג, אַז זיי זאָלן געוויס מער קיין רעגלאַמענט פאַר די יידן ניט מאַכן". דער קי־ניג האָט עס איבערגעשיקט צום קאָמערציע־קאָלעגיע, זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ רעגלאַמענט און צוגעשיקט דעם קיניג צום אונ־טערשרייבן. אָבער דער קיניג האָט עס ניט אונטערגעשריבן, ער האָט עס צוגעשיקט צו מיר, איך זאָל זעען, צי עס איז דאָ דערין וואָס צו קאָריגירן. עס איז געווען מער ווי צו פיל אין דעם צו קאָריגירן. איך האָב דערלאַנגט אַ געשריפטס, וואָס איך האָב גע־האַט קעגן, האָט מען אויסגעאַרבעט אַ ביעם און ווידער אָפּגע־שיקט צום קיניג. ער האָט ווידער צוגעשיקט צו מיר, איך זאָל דאָס קאָריגירן. עס איז געווען, אמת, אַ סך געענדערט, אָבער דאָך ניט אַלץ. איך האָב ווידער געמאַכט אַן אָנמערקונג, אָבער זיי האָבן דאָס ניט פאַרבעסערט, זיי האָבן דאָס ניט איבערגעאַרבעט. דער קיניג איז ניט געווען אין דער היים, ער איז געווען אָפּגעפאָרן. זיי האָבן אונטערגעשריבן אַלע זייערע נעמען, דאָס גאַנצע קאָמערציע־קאָלעגיע, און אַרויפגעשיקט נאָך מיר. ווי איך בין געקומען, האָבן זיי מיר פאָרגעלייענט דעם רעגלאַמענט; ער איז געווען שלעכטער ווי דער פאָריקער און איז פאַרטיק געוואָרן דעם 27 מאַי 1782. נאָכדעם ווי זיי האָבן דאָס פאָרגעלייענט, האָבן זיי געזאָגט, איך זאָל עס אויסלייזן מיט 200 פלאַטן. איך האָב געענטפערט, אַז איך פאַרלאַנג דאָס ניט אַפילו צו האָבן געשענקט, בפרט נאָך געלט דערפאַר צו געבן. זיי האָבן געזאָגט, אַז די ק אַ ר ט ע ס י ג ל אַ־

טור קאַסט אַזויפיל און אויב איך וועל דאָס היינט ניט אויס־לייזן, וועל איך מאָרגן האָבן עקזעקוציע. איך בין אַוועק צום איי־בערשטאַטהאַלטער און האָב אים דאָס דערציילט. ער האָט גע־זאָגט: „דו זאָלסט קיין פעניג דערפאַר ניט באַצאָלן, אויב זיי האָבן דאָס אַזוי הויך געלאָזט שטעמפּלען, דאַן זאָלן זיי אויך באַצאָלן״. ער האָט געשיקט דעם פּאָליציימייסטער צו קאָמערציע־קאָלעגיע און האָט געבעטן דעם רעגלאַמענט, וועלכן זיי האָבן אים טאַקע געשיקט. איך האָב אַלזאָ קיין פעניג דערפאַר ניט באַצאָלט. איך האָב געזאָגט צום אייבערשטאַטהאַלטער, אַז עס איז ניט מעג־לעך, מיר זאָלן קענען לעבן נאָכן רעגלאַמענט. ער האָט געזאָגט: „איך וועל אייך יידן אַלעמען לאָזן פאָדערן, און מוז אייך דאָס דאָזיקע מודיע זיין, דען איך קען עס ניט מבטל זיין. וואָס איך וועל אייך קענען קוקן דורך די פינגער, וועל איך גערן טאָן. אויך מוזט איר וויסן זיין, אַז איר זייט דאָ פרעמדע און נאָר זיך אַריינגעשלייכט. ווען איר וועט דאָ ערשט האָבן אָפּגעוואוינט אַ היבשע צייט און די מענטשן וועלן צו אייך געוויינט ווערן, דאַן וועט דאָס זיך לאָזן, און מען וועט מיט דער צייט קענען דערפון אַ סך אָפּשאַפן, אָבער איצט איז נאָך צו צייטיק.״

מיר זיינען אויך אַרויפגעפאָדערט געוואָרן אין דער פּאָלי־ציי און מען האָט אונז פאָרגעלייענט דעם רעגלאַמענט. מיר זיינען געגאַנגען אַהינצו צוזאַמען און דער רב האָט אונז געמאַכט תקנות, און מיר האָבן זיי אונטערגעחתמעט. איך האָב זיך מתחייב געווען, אַז איך וועל פועלן ביים אייבערשטאַטהאַלטער, אַז זיי זאָלן פאַר־קאָמפּירמירן, ווי עס איז טאַקע געשען.

איך בין געווען זייער אָנגעזען, ווען אַ ייד פלעגט ווערן אָנגעקלאָגט, אַז ער האָט אַ סיכסוך מיט אַ שווער, דאַן פלעגט מען מיך אויך אַרויספאָדערן און איך האָב געמוזט שטענדיק מאַכן די פשרה.

עס זיינען אַהער געקומען צוויי יונגע לייט פון שטראַלזונד און האָבן זיך געמאָלדן ביי דער פּאָליציי, אַז זיי ווילן דאָ נעמען פּריווילעגיעס. נאָכן רעגלאַמענט האָבן זיי געהאַט צוויי חדשים צייט זיך אויפצוהאַלטן דאָ פריי און באַקלערן, וואָס זיי ווילן אויסקלייבן

פאַר זייערע פּריווילעגיעס. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען איבער שטאָט און האָבן געגומען פון מענטשן זאַכן אין קאָמיסיאָן, וואו נאָר זיי האָבן געקענט עפּעס באַקומען. ביי אַ שפּיגעל־פאַבריקאַנט פאַר 100 רייכסטאָלער, ביי סוחרים, ביי אַלע קלאַסן, שטאַנדן, אַפילו ביי דעם אייבערשטאַטהאַלטערס יעגער זיין זייגער אין קאָמיסיאָן און נאָך פיל זייגערס; זיי האָבן זיך געקליידט עלעגאַנט, געהאַט אַ פאָרנעמע דירה, דערביי זיך אויפגעהאַלטן אין אויסגעלאַסענע הייזער. זיי זיינען געווען דאָ אומגעפער דריי חדשים און האָבן געמאַכט פאַר 100 רייכסטאָלער חובות, וואָס זיי האָבן אָנגענומען אין קאָמיסיאָן.

מען האָט אויף זיי אָנגעוויזן אין דער פּאָליציי, מיך האָט מען אויך אַהין אַרויסגעפאָדערט; דאָרט זיינען געווען 10 מענטשן, זיי אַלע האָבן געהאַט ביי זיי צו מאָנען, וואָס זיי האבן אָנגענומען אין קאָמיסיאָן. עס איז געווען אומגעפער פאַר 400 רייכסטאָלער, וואָס מען האָט דאָ פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל. מען האָט זיי געפרעגט, וואו האָבן זיי די זאַכן, זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן זיי פאַרבאָרגט, האָבן ניט געוואוסט אָנצוווייזן, און מען האָט געשיקט אויף זייער דירה, אָבער מען האָט מער ניט געפונען ווי אייניקע בגדים, שלאָפראָק, שיך, שטיוול. דער שפּיגעל־פאַבריקאַנט איז באַשטאַנען דערויף, אַז זיי זאָלן גיין אין אַרעסט, ביז מען וועט קריגן נאָך ידיעות, וואו זיי האָבן די זאַכן און וואו זיי האָבן פאַרבאָרגט אָדער פאַרזעצט. מען האָט זיי אַרעסטירט און די קרעדיטאָרן האָט מען געהייסן קומען אין 3 טעג אַרום.

זיי זיינען אַלזאָ ווידער אין דריי טעג אַרום געקומען, איך בין אויך ווידער אַרויפגעפאָדערט געוואָרן. איך האָב זיך דערשראָקן, וואָס פאַר אַ מענגע מענטשן איז דאָ געווען, אַלע האָבן געהאַט וואָס צו מאָנען. מען האָט אַלץ פאַרצייכנט אין פּראָטאָקאָל; ס'איז געווען ביי 1000 רייכסטאָלער. זיי האָבן זיך מודה געווען אין אַלץ, וואָס יעדערער פון זיי האָט געפאָדערט, וועלכע שטיק זיי האָבן פאַרזעצט, וואָס זיי האָבן ניט פאַרקויפט. דאָ זיינען געשטאַנען אָרעמע לייט, ווייבער, די האָבן געוויינט. דער פּאָליציימייסטער האָט געזאָגט: „איך קען אייך ניט העלפן פאַר

וואָס טרויט איר אַזעלכע מענטשן ? מאָרגן וועט איר באַקומען באַשייד״. זיי האָבן אַלזאָ געקריגן באַשייד, אַז די ביידע ברידער זאָלן באַקומען צו 12 פּאָר ריטער יעדערער. — איך האָב ניט געקענט זיין אַנטקעגן די מענטשן, אַגב האָבן זיי דאָס טאַקע פאַרדינט, זיי זיינען געווען ניט קיין יידן, ניט קיין קריסטן. מען האָט זיי ווידער אָפּגעפירט אין תפיסה.

כ'בין אַוועק צום אייבערשטאַטהאַלטער. איך האָב פּאָרט ניט געוואָלט האָבן דעם ספּעקטאַקל, אַז יידן זאָלן האָבן ריטער. איך האָב געזאָגט צום אייבערשטאַטהאַלטער: „די צוויי יונגען האָבן פולקום פאַרדינט זייער פּסק, אָבער דאָס וועט זיין פאַר אונז אַ חרפה אין דער גאַנצער מדינה, וואָרעם מחוץ שטאָקהאָלם וועט עס דאָך הייסן, אַז די שטאָקהאָלמער יידן האָבן באַקומען ריטער. קען מען די שטראָף ניט פאַרענדערן, אַז דאָס זאָל אָפּגעמאַכט ווערן אין דער שטיל ?״ ער האָט געזאָגט : „ניין, דען די קרעדיטאָרן זיינען באַשטאַנען דערויף, אַז זיי זאָלן באַשטראָפט ווערן בפרהסיא. איך וועל דיר געבן אַן עצה, באַצאָל פאַר די שווינדלער און : אַן וועלן די קרעדיטאָרן צופרידן זיין״ ... ער האָט געזאָגט: „אָבער ווילסטו טאַקע אויף אַן אמת 100 רייכסטאָלער ריזיקירן אויף דעם, וועלן די קרעדיטאָרן אויפגעפאָדערט ווערן, אַז דו ווילסט באַצאָלן אין דער מאַסע, דאַן קען מען פאַרענדערן אויף וואַסער מיט ברויט״. איך האָב געענטפערט : „צוואַנציק טאָלער וואָלט איך אויף דעם גערן ריזיקירט״. ער האָט געלאָזט אַ רוף טאָן דעם פּאָליציימייסטער און האָט אים פאָרגעשטעלט מיין בקשה. ער איז ניט געווען דערווידער.

אַלזאָ האָט מען אַרויפגעפאָדערט אַלע קרעדיטאָרן. דער פּאָליציימייסטער האָט זיי פאָרגעשטעלט, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז עס זאָל ניט הייסן, אַז שטאָקהאָלמער יידן האָבן געקראָגן ריטער, מען זאָל זיי פאַרענדערן זייער שטראָף אויף ברויט און וואַסער, וועלכע עס איז אין דער אמתן האַרטער ווי די ריטער, און דערפאַר וויל אהרן איזאַק געבן 20 רייכסטאָלער אין דער מאַסע. זיי האָבן אָבער געזאָגט, עס איז צו ווייניק, ווען איך זאָל אפילו מער אָנבאָטן ; 100 רייכסטאָלער וואָלט געווען עפּעס, אָבער 20



זייט 51 פון אָריגינאַל-כתב-יד

(איבערזעצונג זע ז. 63)

טאָלער—דאָס וועט אין דער מאַסע גאָרניט העלפן. דאַן האָט דער פאָליציימייסטער גענומען דאָס וואָרט, צי זיי אַלע און איך וועלן צופרידן זיין, ווי ער וועט פסקענען. זיי האָבן אַלע געזאָגט, אַז זיי וועלן צופרידן זיין מיט זיין פסק. ער האָט מיך ווידער געפרעגט, צי וועל איך צופרידן זיין, איך האָב געענטפערט, אַז אויב זיי זיינען צופרידן, בין איך עס אויך. ער האָט געזאָגט, איך זאָל געבן 100 פלאַטן אין דער מאַסע. איך בין געווען זייער וואויל צופרידן און האָב גלייך באַצאָלט מיין געלט. זיי אַלע האָבן נאָך מיך אויך געדאַנקט. זיי האָבן באַקומען זייער אורטייל ביי וואַסער און ברויט ביי לעבנסגעפאַר, און אויב זיי וועלן עס האָבן אויסגעהאַלטן און וועלן אַרויסגיין מיטן לעבן, דאַן זאָל מען זיי מיט געשמידטע הענט אַרויספירן פון דער מלוכה. מען האָט אַריינגערופן דעם וואַכמייסטער און מען האָט אים אָנגעזאָגט ביי לייבשטראָף, אויב מען וועט זיך דערוויסן, אַז זיי וועלן מיט עפּעס אונטערגעקויפט ווערן. אַלע טאָג זאָלן קומען מענטשן דריי מאָל זיי באַזוכן, צי מען ברענגט זיי גאָרניט צו.

ווי זיי זיינען דאָרט אָפּגעזעסן אַכט טעג, האָבן זיי געשיקט נאָך אַ שוועדישן גלח. ער איז געקומען צו זיי און זיי האָבן צו אים געזאָגט, אַז זיי ווילן זיך לאָזן טויפן, ווייל זיי האָבן אַזויאַרום געמיינט פטור צו ווערן. דער גלח האָט זיי צוגעזאָגט דערביי צו טאָן אַלץ, וואָס ער קען. דער וואַכמייסטער איז געשטאַנען דערביי, ער האָט אים ניט געוואָלט אַליין מיט זיי לאָזן. ער איז צו מיר געקומען און האָט דאָס מיר דערציילט. איך בין אַוועקגעגאַנגען צום אייבערשטאַטהאַלטער און האָב אים איבערגעגעבן, וואָס דער וואַכמייסטער האָט מיר דערציילט. ער האָט גלייך געשיקט צום וואַכמייסטער און האָט געזאָגט צו אים: „ווען דער גלח וועט ווידער קומען און וועט וועלן מיט זיי ריידן, דאַן זאָלסטו אים ניט אַריינלאָזן, איך האָב אַזוי באַפוילן. פריער זאָלן זיי אָפּקומען זייער שטראָף, נאָכדעם וועלן זיי זיך קענען טויפן". אַלזאָ האָט מען דעם גלח מער צו זיי ניט אַריינגעלאָזט. אַז זייערע דרייסיק טעג זיינען אויסגעגאַנגען, איז גלייך צומאָרגנס געשטאַנען אַ וואָגן, מ'האָט זיי ביידן אָנגעטאָן האַנטקייטן און אַזוי

אָפּגעפירט זיי פון לאַנד ביז אישטאַט. איך האָב באַצאָלט דעם kronskjuts פון אישטאַדט, האָט מען זיי מיט דער פּאָסטיאַנט אָפּגעשיקט קיין שטראַלזונד. זיינען זיי ווידער געווען ביי זייערע עלטערן; עס האָט לאַנג ניט געדויערט, האָבן זיי ווידער געמאַכט שווינדלערייען, מ'האָט זיי ווידעראַמאָל פאַרטריבן. זיי זיינען אַוועק קיין שווערין און האָבן זיך דאָרט געלאָזט שמדן. זיי זיינען נאָך דאָרט ניט אָפּגעווען קיין יאָר, האָבן זיי אָפּגעטאָן פיל שווינדלעריי, ביז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין פעסטונג דעמיץ.

דאָ איז געווען אַ ייד, וואָס האָט אָפּגעקויפט ביי אַ האַנטווערק-געזעל, וואָס איז ביי זיין מייסטער געווען פיל יאָרן און האָט זיין מייסטער באַגנבעט זיין גאַנץ זילבער, 18 שטיק זילבערנע עסלעפל, 12 שטיק טיילעפל, 1 צוקערשאָל און נאָך זילבערוואַרג אין ווערט פון 170 רייכסטאָלער, פאַר דעם דאָזיקן גאַנצן זילבער האָט ער באַקומען פון דעם ייד 18 רייכסטאָלער און אַ אַלטן זילבערנעם זייגער. דעם גנב האָט מען געכאַפּט און ער האָט זיך באַלד מודה געווען. מען האָט אים געבראַכט אין דער פּאָליציי. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דערפאַר באַקומען דעם זייגער און 18 רייכסטאָלער. דער ייד איז אויפגעפאָדערט געוואָרן אין דער פּאָליציי, אויך איך בין אַרויפגעפאָדערט געוואָרן. דאָ האָט מען דעם גנב, דעם תּם, געפרעגט: „איז דאָס דער מאַן, וואָס דו זאָגסט, אַז דו האָסט אים פאַרקויפט דאָס זילבער?" דער גנב האָט געזאָגט: יאָ. אָבער יענער האָט געלייקנט אַלצדינג, ער האָט אים קיינמאָל ניט געזען. דער מייסטער איז דאָ אויך געווען. דער גנב האָט געזאָגט: „איר האָט מיר דערפאַר ניט געגעבן 18 טאָלער און אָט דעם זילבערנעם זייגער? אויך האָב איך אים געזאָגט, אַז עס שטייט מיין מייסטערס נאָמען דערויף. ער האָט דאָס געמוזט נעמען אין אַכט, האָט איר מיר ניט געענטפערט, אַז איר וועט דאָס איינשמעלצן?" דער ייד האָט אָבער אַלץ אָפּגעלייקנט. מען האָט מיר געגעבן דעם זייגער, איך זאָל דערגיין צווישן אונזערע יידן, צי קען ווער דעם זייגער. איך האָב עס געלאָזט אויפרופן אין שול, עס איז אָבער קיינער ניט געווען, וואָס זאָל אים קענען. בקיצור, דער גנב האָט געהאַט בזיונות. ער

איז געבליבן ביי זיינע רייד, אַז דער דאָזיקער ייד האָט דאָס זילבער באַקומען פון אים. זיי האָבן געוואָלט, מען זאָל דעם יידן אַרעסטירן; איך האָב געבעטן דעם אייבערשטאַטהאַלטער, ער זאָל איינז ניט מאַכן קיין חתונה, וואָרעם עס איז נאָך קיין באַוויז ניטאָ קעגן אים. ווער עס גנבעט, דער ליַיגט. ער איז אַלזאָ אַרויס פריי.

פיל אַזעלכע קלייניקייטן האָב איך אָפּגעמאַכט, וואָס ניט אַלע קען איך אַהער אַריינשטעלן, דען דער אייבערשטאַטהאַלטער איז געווען אַ קלוגער מאַן און פול מיט גוטסקייט קעגן יעדן מענטשן. דערהויפּט האָט ער שטאַרק געהאַלטן פון מיר, ווייל ער פלעגט מיך שטענדיק געפינען אויפריכטיק. אָבער די אַלע מי און אַרבעט, וואָס איך האָב שטענדיק געהאַט אַלס "hufvudman", דאָס רוב פון זיי זיינען מיר געווען פאַלש, סיי ביי אונזער ק ה ל, סיי ביי פּרנס זיינען זיי מיר געווען דערווידער אין אַלע זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט. איך האָב זיך באַקלערט, אַז עס קאָסט מיר פיל מי און צייט און פיל הוצאות, איך האָב דערפון גאָרניט אַחוץ פאַרדראָס, בין איך אַוועק צום אייבערשטאַטהאַלטער און האָב איך געזאָגט, אַז איך קען לענגער ניט זיין „הופוואודמאַן". איך האָב געגנוג צו טאָן מיט מיין אַרבעט און האַנדלונג, דערצו האָב אים פיל פאַרדראָס פון די שלעכטע מענטשן. ער האָט צו מיר געזאָגט: „דו מיינסט, אַז דער „הופוואודמאַן איז נאָר פאַר אייך, איך מח אים אויך האָבן, ער זאָל מיך אינפאָרמירן, ווען איך דאַרף עס. איך קען דאָך דערצו ניט נעמען יעדן איינעם". איך זאָל פאַרבלייבן הופוואודמאַן און ווער עס וועט מיר טאָן קעגן, זאָל איך אים גלייך אָנזאָגן. אָבער איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קען שוין לענגער ניט אויסהאַלטן. איך וועל קראַנק ווערן פון דעם גאַנצן עגמת־נפש. „אויב אַזוי, האָט ער געזאָגט, וועל איך אייך אַלעמען פאָדערן אין דער פּאָליציי".

מען האָט אונז אַרויפגעפאָדערט: דער אייבערשטאַטהאַלטער אַליין איז אַרויפגעגאַנגען צו אונז. איך האָב געזאָגט, אַז איך קען לענגער ניט בלייבן „הופוואודמאַן". ער האָט געפרעגט דעם קהל, וועמען ווילן זיי דערצו אויסקלייבן. אָבער קיינער האָט ניט גע־

ענטפערט. דאַן האָט ער צו מיר געזאָגט: „ווער האָט נאָך די פּריווילעגיע באַקומען?" איך האָב געזאָגט: „גומפּרעכט הירש, אָט דער מאַן". האָט דער אייבערשטאַטהאַלטער געזאָגט: „אָט דער זאָל איצט זיין „הופוואודמאַן" איין יאָר, נאָכהער זאָל מען ווידער אויסקלייבן אַן אַנדערן". זיי זיינען אַלע געוואָרן אויף מיר זייער בייז, זיי האָבן געמיינט, אַז איך האָב דאָס אָנגעשטעלט. בקיצור, איך האָב געוואָלט אויסמיידן דעם גאַנצן פּאַרדראָס, האָב איך געמאַכט ביי מיר אין שטוב אַן אייגענע קלויז און האָב איינגעצאָלט אין קהילה אַלץ, וואָס עס האָט געקומט אויף מיין חלק, אַבי ניט צו האָבן קיין עגמת-נפש.

י.

מיין זון איז געווען אָנגעזען ביים קיניג, ער האָט באַקומען אַ שטעלע אַלס הויפיוועליר. אַז דער קיניג פלעגט וועלן עפּעס קויפן פון אונזער סחורה, פלעגט ער אַליין אַרויפקומען צו מיר און קויפן. בשעת איך פלעג זען דורכן פענסטער, אַז ער גייט, פלעג איך אַרויס אים אַנטקעגן. ער פלעגט גלייך פרעגן, צו דער יונגער אהרן איז ניטאָ, פלעגט ער אַוועקגיין צוריק, ער האָט געמוזט שטענדיק מיט אים האַנדלען. ער איז געווען זייער אָנגעזען ביי דעם גנעדיקן קיניג. איך האָב זיך געלעבט אין רו און האָב ניט געהאַט קיין פּאַרדראָס מיט אונזער קהל. אונזער קיניג איז אַוועקגעפאָרן, אַלע קויפלייט, יוועלירן און הוטשטאַפירער האָבן זיך צונויפגעקליבן און אָנגעגעבן אויף מיר אַן אָבקלאָגע, וואָס נאָר איך אַליין האָב די פרייהייט צו שיקן אין לאַנד מיט גאַלאַנטעריי-סחורות. זיי האָבן זיך באַקלאָגט קעגן מיר, אַז עס איז קעגן די שוועדישע רעכט, צו שיקן מענטשן אין לאַנד, דערצו האָב איך שלעכט געלד אין מיינע סחורות, און מיר האָבן באַקומען רעגלאַמענט, לויט וועלכן מיר האָבן זיך צו פירן ווי די אַנדערע יידן, אַלזאָ האָב איך אויך ניט מער פרייהייט. מען האָט פונאַנדערגעשיקט אין אַלע „לאַנדסהעפדינגע" אַן אָרדער, אַז ווי מען

וועט טרעפן איינעם פון מיינע לייט, זאָל מען אים זיין סחורה פאַרחתמען און זיין פּאַס זאָל מען אָפּגעבן אין דער קאַנצעלאַריע, וואָרעם דערין שטייט די פרייהייט, און מען זאָל אים געבן אַ נייעם פּאַס צו פאָרן קיין שטאָקהאָלם. אַזוי איז אויך געשען. מיינע לייט זיינען געקומען אהיים. ענדלעך איז געקומען דער קיניג; מיין זון נתנאל האָט געלאָזט מאַכן אַ בקשה און איז אַליין אַוועק צום קיניג, איך און מיינע דריי קינדער, יעדערנס נאָמען דערין אָנגערופן, האָבן עקראָגן הויפּט־פּריווילעגיעס מיט אַלע פרייהייטן, וועלכע מען האָט נאָר געקענט באַגערן. דאָס איז פּאַרטיק געוואָרן דעם 8 מערץ 1785.

איך האָב איינמאָל געשיקט מיין זון אויפן לייפּציגער יריד איינצוקויפן סחורה, ווייל איך האָב ניט געקענט אַוועקפאָרן. ער איז אָבער געווען נאָך צו יונג, איך האָב זיך ניט געקענט פאַר־לאָזן אויף אים אויף זיכער, האָב איך אים געגעבן אַן אָרדער צו מיין ברודער אברהם אין שווערין, וועלכער איז אויך געפאָרן קיין לייפּציג, ער זאָל אויף אים אכטונג געבן, מען זאָל אים ניט אָפּ־נאַרן. איך בין אָבער געווען אַזוי צופרידן מיט זיין קניה, ווייל ער האָט געהאַט זייער אַ גוטן געשמאַק איינצוקויפן, אָבער די הוצאות זיינען געווען טאָפּלט, ווי איך פלעג מאַכן. ער איז גע־ווען אַ גרויסער בר־דעת. מיין ברודער איז געווען אין אים זייער פאַרליבט. ער האָט אים גערן געוואָלט האָבן פאַר אַן איידעם, הגם זיין טאָכטער איז ערשט אַלט געווען 13 יאָר, ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער, און האָט מיר וועגן דעם אָנגעשריבן. איך האָב דאָס פאָרגעשטעלט מיין זון, אָבער ער האָט גאָרניט געקלערט וועגן דעם, די מיידלעך האָבן נאָך ניט געהאַט קיין אָנזען, ער האָט געזאָגט: „איך בין נאָך צו יונג".

מיין יינגסטער זון גבריאל איז אויך געווען זייער אַ גע־שיקטער יונג און באמת זייער געזעצט פאַר זיינע יונגע יאָרן, אָבער אַ גרויסער ליבהאָבער פון טאַנצן. ער איז אין טאַנצן גע־ווען אַזוי געשיקט, אַזוי ווי אַ גרויסער טאַנצמייסטער. ער האָט איינמאָל געטאַנצט אַזוי העפטיק, אַז ער האָט זיך פ א ר ק י ל ט, גענומען הוסטן און איז געווען פינף יאָר קרענקלעך, צולעצט

באַקומען די שווינדזוכט און איז געשטאָרבן צו 19 יאָר. אַלע מענטשן האָבן אים באַקלאָגט; ער איז געווען זייער אַ גוטער און אַ בעל־רחמים, האָט געטאָן פיל גוטס פאַר די אָרעמע, וואָס נאָר ער האָט געקענט.

דעם אַנדער יאָר בין איך מיט מיין זון נתנאל און מיין ברודער פון שווערין געפאָרן צוזאַמען אויפן לייפּציגער יריד. דער האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן, איך האָב אים געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל צו מיכאַעלי אַרויסקומען און מאַכן חתונה. איך בין אַרויסגעפאָרן מיט מיין זון און טאָכטער. מיין זון האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט פאַר זיין כלה, דאָסגלייכן פאַר זיך גופא אַלץ, וואָס ער האָט נייטיק געהאַט, און האָט דאָס דאָ ניט געקענט קריגן. עס איז געווען קורץ פאַר דער חתונה, האָט ער באַשלאָסן מיט דער פּאָסט צו פאָרן קיין האַמבורג. אַזוי האָט ער אין 4 טעג אַרום ווידער געקענט זיין אין דער היים. ער איז געפאָרן אַהין און ווידער צוריק, אָבער צוריקוועגס איז די גאַנצע נאַכט געווען אַזאַ שטאַרקער רעגן, און אַן אָפענע פּאָסט און איז געווען דין געקליידט, האָט ער באַקומען דעם קאַלטן פיבער און איז געקומען אַהיים קראַנ־קערהייט. די דאָזיקע דרייצן מייל הין און צוריק האָבן אים זיין לעבן פאַרקירצט. מיר האָבן געמאַכט חתונה, אָבער פון דאַן אָן האָט ער תמיד געהאַט דעם פיבער, האָט געלעבט נאָך איין יאָר נאָכדעם. מיר זיינען אַלזאָ געפאָרן אַהיים מיט אונזער יונגער פרוי, מיין זון און טאָכטער.

איך מוז אויך דערמאָנען, אַז מיט אַ יאָר פאַר דעם, ווי איך בין מיט מיין זון געפאָרן קיין לייפּציג, האָט גראַף מונק ביי מיר באַשטעלט אייניקע ברילאַנטן פון ווערט, שווער געוויכט, אומגעפער פאַר 10 טויזנט טאָלער. איך האָב זיי געקויפט אין לייפּציג און בשעת מיר זיינען געקומען אַהיים, איז מיין זון מיט די שטיינער אַרויפ־געגאַנגען צום גראַף מונק און האָט זיי אים באַוויזן. ער איז גע־ווען צופרידן מיט די דאָזיקע ברילאַנטן, ער האָט געזאָגט: „די שטיינער זיינען פונקט אַזעלכע, ווי איך האָב פאַרלאַנגט. וואָס דאַרפן זיי קאָסטן"? מיר האָבן אויף יעדער שטיין אַפּאַרט באַ־שטימט אַ מקח. ער האָט געזאָגט צו מיין זון: „איך מוז זיי ווייזן

דער קיניגן, מאָרגן וועט איר באַשייד האָבן". אויף מאָרגן איז ער ווידער אַרויף צו אים, ער האָט געזאָגט: "די קיניגין איז צופרידן מיט די שטיינער, אָבער איר מוזט עפּעס אַרונטערלאָזן". ער האָט געזאָגט: "מיר האָבן ניט צופיל געפאָדערט, דאָך וועלן מיר אַרונטערלאָזן 50 רייכסטאָלער", מיר האָבן אַלזאָ געקראָגן אַן אָנווייזונג אויף אונזער געלט.

אייניקע חדשים נאָכדעם האָט גראַף מונק ווידער געשיקט צו אונז, אַז איך און מיין זון זאָלן צו אים קומען. מיר זיינען אַוועק צו אים. ער האָט געזאָגט: "די קיניגין וויל גערן האָבן פאַר אַכציק טויזנט רייכסטאָלער ברילִיאַנטן, אַלע אַזעלכע שטיינער, ווי עס שטייט דאָ אויפן פּאַפּיר, נעמלעך אַזוי פיל שטיק פון 4 קאַראַט, אַזוי פיל פון 5 קאַראַט, פון 7, 8, 12 ביז 16. אויך ביז 20 קאַראַט". איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב ניט אַזאַ פאַרמעגן אַריינצולייגן אַזאַ קאַפּיטאַל אין טייערע שטיינער: "אויב אָבער זיי וועלן מיר געבן אויף דער האַנט 20 טויזנט רייכסטאָלער, וועל איך זיי דאָס שאַפן". ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אפילו אַ שי־לינג פאָראויס ניט געבן. גענוג, אַז ווען מיר וועלן ברענגען די ברילִיאַנטן און זיי וועלן זיין גוט און מיט אַ אָרנטלעכן מקח, וועלן מיר דאַן אונזער געלט קריגן. איך האָב געזאָגט, אַז איך קען אויף דעם ניט איינגיין, דאָס איז ניט אין מיין יכולת. דערצו זיינען מיר מיט אייניקע חדשים צוריק ערשט געקומען אַהיים און מיר האָבן נאָך ווייניק פאַרקויפט פון אונזער סחורה, און מיר זיי־נען אַוועק אַהיים.

אין אייניקע טעג אַרום האָט ער ווידער געשיקט, מיין זון זאָל צו אים קומען. ער איז אַוועק אַהין. ער האָט געזאָגט: "ווילט איר ברענגען פאַר 40 טויזנט טאָלער, גראָד די העלפט פון דעם דאָזיקן אויפזאַץ, מוזט איר זיי צו מיכאַעלי אַהערשאַפן". מיין זון איז געווען זייער אַ היציקער האַנדלסמאַן, דאָך האָט ער געזאָגט: "איך וועל מיט מיין פאָטער וועגן דעם זיך דורכריידן". ער איז געקומען אַהיים און האָט מיר פאָרגעשטעלט דעם מסחר. איך האָב אויף אים ניט געוואָלט איינגיין, איך האָב געזאָגט: "ווען ער וועט די ברילִיאַנטן ניט נעמען, און דאָס זיינען אַלע זייער גרוי־

סע שטיינער, וואָס איך וועל דאָ אין צען אָדער מער יאָר ניט קענען אָפּזועצן, וואָס פאַר אַ שאָדן וועט דאָס זיין!" ער אָבער האָט געזאָגט, אַז אויב זיי דרינגען אַזוי דערויף, מוז זיי דאָך די קיניגין בייטיק האָבן. איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדן; איך האָב געקראָגן אַ פּאַס, אַז איך פאָר אין דער קיניגינס שליחות. אַלזאָ בין איך אָפּגעפאָרן קיין לייפּציג.

אין לייפּציג האָב איך ווידער באַקומען בריוו פון גראַף מונק, אין וועלכע ער האָט מיר אויפגעגעבן אַלערהאַנט מסחרים, איך זאָל זיי אַלע באַזאָרגן. און אַפּאַרט האָט ער געשריבן, אַז איך זאָל ברענגען ברילאַנטן ניט ווייניקער ווי פאַר 40,000 רייכסטאָלער. איך האָב זיי געקויפט און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן אַהיים. איך בין געפאָרן פון לייפּציג קיין האַמבורג און האָב זיי געוואָלט אין האַמבורג אָפּשיקן אויף פּאָסט קיין שטאָקהאָלם, אָבער דאָס שוועדישע פּאָסטהויז האָט ניט געוואָלט אָננעמען אַזאַ גרויסן ווערט. מיר איז געווען צו געפערלעך צו האָבן ביי זיך אַזוי פיל, מען קען ניט זיין גענוג פאָרזיכטיק. אָבער וואָס האָב איך געקענט ענדערן? איך האָב זיי געמוזט מיט זיך נעמען.

איך בין געקומען מיט מיין זון בשלום אַהיים. ער איז אַוועק מיט די שטיינער צום גראַף מונק, האָט אויך געהאַט מיט דעם קאַראַט=געוויכט און האָט אים געוויזן די שטיינער מיט דעם קאַראַט=געוויכט נאָך דעם אויפזאַץ. ער איז געווען זייער צופרידן, די שטיינער זיינען אים געפעלן זייער גוט, ער האָט געזאָגט: „איך מוז זיי ווייזן דער קיניגין, מאָרגן נאָך מיטאָג קענט איר ווידער קומען". ער איז געקומען אַהיים מלא שמחה און האָט געזאָגט: „מאָרגן קריגן מיר אונזער געלט" און האָט פאָרגעוואָרפן, אַז מיר האָבן געקענט קויפן פאַר אַכציק טויזנט רייכסטאָלער, דער האָלענדער האָט דאָך אונז געוואָלט געבן קרעדיט, ווי ער האָט געזען דעם בריוו, וואָס דער גראַף האָט אונז געשריבן. איך האָב געזאָגט: „ביים מסחר טאָר מען ניט זיין צו היציק".

אויף דעם אַנדערן טאָג, ווי ער איז געקומען צום גראַף, האָט דער גראַף גענומען דעם פּאַקעט און האָט אים אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש און האָט געזאָגט: „איר ווילט אָפּנאַרן די קיניגין,

די בריליאַנטן זיינען ווערטירט העכסטנס צו פינף און צוואַנציק טויזנט טאָלער, ווילט איר דערפאַר זיי לאָזן, דאַן וועל איך זיי צונע-מען". מיין זון האָט געזאָגט: „מיר האָבן אַפילו אַ שילינג ניט איבערגענומען, מיר וועלן ניט פאַרדינען דערויף קיין 5 פּראָצענט, אויב מיר וועלן שוין באַקומען די 40 טויזנט טאָלער און האָבן אַזוי פיל הוצאות". ער האָט געזאָגט: „דאַן קענט איר זיי באַהאַלטן, איך גיב ניט מער, ווי זיי זיינען ווערטירט". מיין זון איז אַוועק ער האָט געטראָפן דעם קאָמערדינער און האָט אים געפרעגט, ווער האָט ווערטירט די שטיינער. ער האָט געזאָגט: „דער יוועליר צאַנדער, ער האָט אים אויך געזאָגט, ווער האָט די פאָריקע שטיי-נער פאַרקויפט, ער האָט אים געזאָגט — אהרן איזאַק. אויף דעם האָט צאַנדער געזאָגט: דער ייד זאָל די שטיינער פאַרקויפן און איך זאָל זיי פאַרפאַסן, דאָס איז ניט ערלויבט".

מיין זון איז געקומען אַהיים מיט דער דאָזיקער שלעכטער בשורה. איך בין אַוועק צו דעם יוועליר זוטיר, דאָס איז געווען אַ ערלעכער, בראַווער און רייכער מאַן. איך האָב אים דערציילט די גאַנצע מעשה פון דער קיניגין, פון גראַף מונק און פון צאַנדערס ווערטירונג. איך האָב געהאַט די שטיינער ביי זיך. ער האָט מיר געזאָגט: „וואַרט אויף אַ ווײַלע, איך וויל אייך וואָס ווייזן". ער איז אַרויסגעגאַנגען און איז ווידער אַריין און האָט אַריינגע-טראָגן אַ פּופּ פון האַלץ און שיין געקליידט מיט אַ שאַל אַרום לייב. די שאַל איז געווען ברייט און געצייכנט מיט אבנים-טובות אויף דער שאַל. זי איז געווען הויך אומגעפער אַן אייל. ער האָט געזאָגט: „די דאָזיקע פּופּ האָב איך געלאָזט מאַכן אין פּאַריז פאַר דער קיניגין שוין מיט אַכט יאָר צוריק. זי האָט געוואָלט לאָזן מאַכן אַ שאַל מיט טייערע שטיינער. אָז איך האָב אָבער געמאַכט דעם חשבון, דאַן האָט זי געזאָגט, אַז עס איז פאַר איר צו הויך. אַלזאָ האָב איך מיינע הוצאות געהאַט אומזיסט". איך האָב אים באַ-וויזן די בריליאַנטן און האָב אים געבעטן, ער זאָל זיין אַזוי גוט און זאָל זיי ווערטירן און אונטערחתמען זיין נאָמען. ער האָט מיך געפרעגט, וואָס פאַר אַ פּרייז. איך האָב געזאָגט נאָך דער האָלענ-דישער פּרייז. ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף דערויף זעצן 10

פראָצענט, אַזוי איז דער מנהג. ביי אים איז אַרויסגעקומען מיט 500 רייכסטאָלער מער, ווי איך האָב אויפגעזעצט, און האָט אונטערגעשריבן זיין נאָמען.

מיין זון האָט ניט געוואָלט דערמיט גיין צום גראַף, בין איך אַלוזאָ אַליין געגאַנגען צו אים און אים געוויזן די ווערטן פון זוטיר און אים געזאָגט, אַז צאַנדער איז אונזערער אַ שונא. ער האָט מיר אָבער געענטפערט: „זוטיר איז נאָך אַ גרעסערער אָפּ־נאַרער, ווי איר זייט, וואָרעם דורך זיינע אָפּנאַרעריי איז ער אַזוי רייך געוואָרן". איך האָב געזאָגט, אַז ער מעג זיי שיקן קיין האַמבורג אָדער קיין האָלאַנד, וואָלט איך מרוצה געוואָרן, ווי זיי וועלן ווערטירן. ער איז אָבער געווען זייער אַ היציקער מאַן און האָט געזאָגט: „ווילט איר נעמען 25 טויזנט טאָלער, דאַן וועל איך זיי צונעמען, אַניט קענט איר זיך גיין אייער וועג". וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? דאָ האָט קיין רייד ניט געהאָלפן און איך האָב געמוזט גיין מיין וועג. איך בין געווען זייער באַטריבט; איך בין געווען אַ בעל־חוב, די שטיינער האָב איך ניט געקענט פאַרקויפן, קיין קרעדיט האָב איך דאָ ניט געהאַט, און מיינע וועקסלען האָב איך געהאַט אויסגעשטעלט אויף אַ קורצע צייט. אייניקע וועקסלען זיינען אַהערצו אָנגעקומען, נאָך איידער די צייט איז אַריבער. איך האָב געמוזט די שטיינער פאַרזעצן אויף דער אַסיסטאַנץ און האָב בעליען 14 טויזנט טאָלער.

יא.

דאָס איז געווען 1788, גראָד ווען עס איז אָנגעגאַנגען די מלחמה מיט די רוסן. דער הערצאָג פרידריך איז אַרויפגעקומען צו מיר און האָט געפרעגט אויף מיין זון. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער איז קראַנק. ער האָט מיך געפרעגט, צי איז ער געפערלעך קראַנק. איך האָב געזאָגט: „ער האָט זיך פאַרקילט אויף דער רייזע, ער ווערט שוין, ווייזט אויס, ווידער בעסער". ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז מיט אים ריידן. איך האָב אים געמוזט

אַריינלאָזן. מיין זון איז געלעגן אויפן בעט אין שלאָפראָק, איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך געבוקט. דער הערצאָג האָט אים גראַ־טולירט צו זיין חתונה, זיך ערקונדיקט אויף זיין געזונט. נאָכהער האָט ער געזאָגט צו אים: „מיין ליבער אהרן, איר האָט שוין גע־האַט פון מיר אַ שטעלע אַלס הויפּפּראָווידער ד׳ יאָר, איצט האָב איך אייך נייטיק, איך האָב אייך קיינמאָל ניט באַשווערט מיט מיין דינסט, אָבער איצט, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אַ מלחמה מיט די רוסן, איז אויב עס וועט קומען צום פעלד, מוזט איר מיט מיר פאָרן". ער האָט געזאָגט: „ווי איך וועל נאָר געזונט ווערן, וועט דאָס זיין מיין גרעסטער פאַרגעניגן, אָבער לעת־עתּה בין איך ניט קאָמפּאַבל צו פאָרן אַפילו אַ מייל וועגס". ער האָט אים געוואונטשן אַ גוטע בעסערונג און איז אַוועקגעגאַנגען. איך שרייב דאָס דאָזיקע ניט על־פּי סדר, וואָרעם איך האָב שוין פריער געמאָלדן—איך בין ניט קיין געשיכטסשרייבער אָדער געלערנטער, בלויז צו מיין אָנדענקען פון מיין משפחה. אַקעגן־זשע איז דאָ ניט איינגעשריבן קיין איין וואָרט אומוואָרהייט.

איך מוז דערמאָנען וועגן דעם בית־הקברות. איך האָב גע־לאָזט אַרום גראָבן זייער אַ טיפן גראָבן, וואו ס'איז אויך געוועזן טיף וואַסער, און האָב געלאָזט מאַכן אַן אויפצוג־בריק. אָבער ווינטער האָבן זיי אַוועקגעגנבעט די אויפצוג־בריק. איך האָב צוזאַמענגערופן אונזערע אַלע יידן און האָב זיי פאָרגעשטעלט, אַז מיר מוזן אויסבויען אַ הויז אויפן בית־הקברות און עמעצער מוז דערין וואוינען; לאָמיר אַלזאָ אויפריכטן אַ חברה און יעדערער קאָן וואָס דערצו מנדר זיין נאָך זיין אייגענעם רצון און אויף ווייטער, ווער עס איז אין דער חברה, זאָל יעדער וואָך אין דער ביקס געבן אַ שילינג. רב קאָפּל האָט זיך מתחייב געווען, אַז ער וועט אַ פויער, וועלכער בויט אַליין אַזעלכע בנינים און האָט דערצו האָלץ. פון מיין הויז האָט מען דערצו מנדר געווען אי־בער 30 רייכסטאָלער. איעדערער, ווער עס האָט וואָס דערצו מנדר געוועזן, איז פאַרשריבן געוואָרן. אויך די ביקס איז אַרומגעגאַנגען אַלע וואָך און יעדערער האָט אַריינגעוואָרפן אַ שילינג.

אונטער דעם האָט דער הערצאָג פרידריך צו מיר געשיקט,

איך זאָל צו אים קומען. ווי איך בין געקומען, האָט ער געזאָגט: „אייער זון איז קראַנק און קען מיט מיר ניט פאָרן. ווילט איר ניט מיטפאָרן? איר קענט דאָך האָבן גוטן פאַרדינסט. איר קענט מיטנעמען סחורות פון אַלע מעגלעכע וויקטואַליען, וויין פון אַלע סאָרטן, קאַווע, טיי, שאָקאָלאַד, בראָנפן, צוקער, און טאַבאַק, עסיק, און אַלץ וואָס איר ווילט, אויך אייער גאַלאַנטעריי־וואַרג, איר וועט אויך באַקומען אַ שיף אויף אייער אייגענעם חשבון, וואו איר דאַרפט ניט באַצאָלן קיין מעגנטשן, ביז מיר וועלן קומען קיין העלסינגפאָרס". איך האָב געזאָגט: „איך וועל זיך מיישב זיין, אויב עס איז מעגלעך, וועל איך מיטפאָרן, אָבער אויף געוויס קען איך נאָך ניט זאָגן".

איך בין אַוועק אַהיים און האָב גערעדט מיט מיין איידעם, אַז איך וויל מיטפאָרן, אָבער ר' אייזיק איז שיר ניט אַרויס פון די כלים: „ליבער שווער, איר ווילט זיך אַוועקלאָזן אויף סכנות-נפשות, דאָס וועל איך ניט דערלאָזן, וואָרעם אויך מיר זיינען איצט זייער באַדרענגט; אַלע אָפיצירן, וואָס זיינען אונז שולדיק, סיי די גרויסע סיי די קלענערע, באַצאָלן ניט. איר ווייסט, אַז איצט באַקומט מען אויף זיי ניט קיין רעכט, מיר זיינען 14 טויזנט טאָלער שולדיק אויף די בריליאַנטן און דעם אַסיסטאַנס און אויף נאָך אייניקע משכנות 4 טויזנט רייכסטאָלער. וואו זאָלן מיר קריגן איצט געלט? איך וועל משוגע ווערן, ווען איך זאָל דאָ בלייבן אַליין, נתנאל איז קראַנק".

איך האָב אים אַלץ דערקלערט, ווי עס געהער צו זיין: „דאָ איז געוויס מער ניטאָ וואָס צו טאָן, דער גאַנצער הויף פאָרט אָפּ, ווער וועט דאָ קויפן גאַלאַנטעריי? ווען איך זאָל קויפן פאַר 4 טויזנט טאָלער וויקטואַליען און נאָך מיטנעמען פאַר 4 טויזנט טאָלער גאַלאַנטעריי, מיר האָבן אַזוי פיל פערסעדעלן אין אונזער מאַגאַזין, דען מיר האָבן אָפּגעקויפט ביי באַראָן ליליענקראַנץ פאַר 20 טויזנט רייכסטאָלער זיין גאַנצן מאַגאַזין און מיר האָבן נאָך געוויס די העלפט; קיין פאָרטאָ קאָסט ניט, אין פינלאַנד וועל איך דאָס געוויס אָפּזעצן, וואָרעם די פינען קומען שטענדיק אין אונזער בוד און דעם גרעסטן פדיון האָבן מיר פון די פינען.

בכל אופן, אויב עס זאָל ניט גיין גליקלעך, זאָג איך אייך צו, אַז איך וועל זיך ניט זאַמען קיין צוויי חדשים". דערביי איז געווען מיין פרוי, מיין טאָכטער, מיין זון און מיין שנור. אָבער זיי זיי־נען אַלע געווען דערווידער, די ווייבער האָבן אפילו געוויינט. נאָר מיין זון איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַלטן מיין צד. ער האָט געזאָגט: „ליבער פאָטער, לאָז זיך ניט פאַרפירן, דו ביסט גאַנץ גערעכט, ווי נאָר איך וועל זיך פילן אַ ביסל בעסער, וועל איך אויך קומען צו דיר, דען וואָס וועסטו דאָ מאַכן, ווען די שררות בלייבן דאָ ניט. די אָפּיצירן באַקומען איצט געלט צו עקי־פירונג און טאָפּלטע שכירות, וועסטו געוויס לייזן, און אין פעלד באָרגט מען קיין זאַך ניט, וועסטו באַקומען מזומן געלט".

דער באַשלוס איז געווען, איך זאָל פאָרן, אָבער ניט אַליין, איך זאָל קריגן אַ שותּף, וואָס זאָל בשותּפות מיט מיר האַנדלען. איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, צו קריגן אַ שותּף פון די היגע יידן, אָבער קיינער האָט ניט געהאַט קיין קוראַזש, און איך האָב אַלזאָ קיינעם ניט געקריגן. איך האָב געהאַט איין קראָם־באַדינטן און צוויי אַנדערע באַדינטע, האָב איך באַשלאָסן זיי מיטצונעמען.

איך האָב אַלזאָ איינגעקויפט פאַר אייניקע טויזנט רייכסטאָ־לער וויקטואַליען און האָב גענומען פון גאַלאַנטעריי־ס ח ו ר ו ת און פאַרצעליי; איך האָב געקראָגן פון קאָמיסאַריאַט אַ שיף פריי ביז העלסינגפאָרס, און אַז איך בין אַהין געקומען, זיינען די אַלע וויק־טואַליען זייער געשטיגן, דערהויפּט די קאַווע און צוקער, און איך האָב געהאַט 4 טויזנט פונט קאַווע. ביים קויפן האָט מיר געקאָסט צו 11 שילינג און אין העלסינגפאָרס האָבן די ס ו ח ר י ם גענומען 16 שילינג. איך האָב פאַרקויפט די קאַווע צו 15 שילינג. אַז איך האָב געהאַט פאַרקויפט אומגעפער אַ פולן זאַק, האָב איך באַקומען פון מאַגיסטראַט אַ באַפעל, איך זאָל זיך מער ניט אונטערשטעלן צו פאַרקויפן עפּעס פון מיינע סחורות, אַניט וועלן זיי מיר מיינע ס ח ו ר ו ת אַוועקנעמען. איך האָב זיך אַלזאָ געמוזט אָפּהאַלטן. אויפן אַנדערן טאָג בין איך אַלזאָ אַוועק צום מיניסטער אָקסענ־שטיערנאַ, וואָרעם דער הערצאָג איז געווען אין שוועהאַבאָרג. איך

האָב אים דערציילט די מעשה, ער האָט געזאָגט: „איך וועל גלייך אונטערפאָרן מיטן פלאַט צום קיניג, וועט איר האָבן באַשייד". דער שיפער, וועלכער האָט מיך אַהער געבראַכט, האָט באַלד גע־קראָגן אַן אָרדער אָפּצוזעגלען צוריק קיין שטאָקהאָלם. אַ זייגער פיר נאָכמיטאָג, בין איך פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם שטאַטסעקרעטאַר שרעדערהיימס קוואַרטיר. איך האָב ניט געוואוסט, אַז ער איז אויך דאָ פאַרהאַן. ער האָט מיך דערזען, האָט אָנגעקלאַפּט אין פענ־סטער, איך זאָל אַריינקומען. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט ער מיר געזאָגט: „איך דאַרף פאַרטיק מאַכן פאַר אייך אַ באַפעל, אַז איר מיט אייערע סחורות זאָלט פאָרן קיין לאָוויזאַ, וואָרעם דאָרט בלייבט די הויפּטקוואַרטיר און איר האָט פרייהייט צו האַנד־לען אין גאַנץ פינלאַנד מיט וועלכע סחורה נאָר איר האָט".

איך האָב ניט געוואוסט, ווי איך זאָל אַריבערשיקן מיין סחורה קיין לאָוויזאַ. איך בין ווידער אַוועק צום מיניסטער אָקסענשטיער־נאַ און האָב אים געדאַנקט, וואָס ער האָט עס פאַר מיר אויס־געפועלט. איך האָב זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז איך ווייס ניט, ווי אַזוי איך זאָל אַריבערברענגען מיין סחורה קיין לאָוויזאַ. מען קען דאָ קיין skjuss־פערד ניט באַקומען און 50 פערד וועלן מיר זיין וויניק, ווייל איך האָב געהאַט 12 גרויסע קאַסטנס פאַר־צעליי, וואָס מען האָט קוים געקענט רעגירן און מ'וואָלט געדאַרפט איבערפּאַקן אין קליינע קאַסטנס, דאָס וואָלט זייער פיל אַרבעט געקאָסט, און דאַן נאָך פירן אויף פורן,—וואָלט אַ העלפט געוויס צעבראָכן געוואָרן. ער האָט מיר אָבער גלייך געגעבן אַן אָרדער צום אַדמיראַל דע־פריז, אַז ער זאָל מיר געבן אַ שיף פריי קיין לאָוויזאַ. איך האָב אַלזאָ באַקומען פריי אַ שיף קיין לאָוויזאַ. מיין סחורה איז דאָ געווען זייער אָנגעלייגט, און איך האָב באַקומען פאַר איר בעסער באַצאָלט.

דער הערצאָג פרידריך האָט באַקומען אַן אָרדער צו מאַר־שירן קיין לאָוויזאַ, איז ער אַלזאָ אָנגעקומען אַהערצו. ער האָט ביי מיר געקויפט אַ פערלזייגער און אַ פערלקייט מיט בערלאָקס פאַר 200 רייכסטאַלער, און אַ גאָלד־שמעקטאַבאַק עמאַלירטע טאַבאַ־קערקע פאַר 150 רייכסטאַלער. אין צייט פון 14 טעג האָב איך

געשיקט אַהיים ביי 4000 טאָלער און גלייך געשריבן, אַז מיין איידעם זאָל מיר צושיקן פאַר אייניקע טויזנט טאָלער וויקטואַליען. ער האָט מיר עס טאַקע תיכף געשיקט. איך האָב געהאַט אַ גוטן פדיון. איידער די דאָזיקע סחורות זיינען אָנגעקומען, האָב איך שוין ווידער געשיקט אַהיים 3000 רייכסטאָלער, אַזוי אַז מיין זון און איידעם זיינען געווען צופרידן. איך האָב ווידער געשריבן נאָך סחורה און זיי האָבן מיר געשיקט.

אָבער די רוסן האָבן זיך אַריינגעלייגט מיט אייניקע שיפן אין אַ ענגער פּאַסאַזשע, וואו אונזערע שיפן פון שטאָקהאָלם קיין פינלאַנד האָבן געמוזט דורכגיין אין די שכערן. זיינען די שיפן אַלזאָ ניט דורך און האָבן געמוזט זיך אומקערן צוריק און האָבן געזוכט אַ גרויסן אומוועג און זיינען געקומען קיין אַבאָ. עס האָט געדויערט צוויי חדשים, איידער איך האָב באַקומען צו וויסן, וואו מיינע סחורות זיינען. עס איז געווען אַ האַרטער ווינטער און איך האָב געמוזט מיין גאַנצע סחורה ברענגען מיט פורן פון אַבאָ קיין לאָוויזאַ.

אונטער דער דאָזיקער צייט איז אין דער אַרמיי געוואָרן אַ טומל, הערצאָג פרידריך האָט באַקומען אַן אָרדער צו פאָרן אַהיים קיין שטאָקהאָלם. דער קיניג איז אַוועקגעפאָרן פון דער אַרמיי קיין גאָטענבורג. אין סעפּטעמבער מאָנאַט איז דער הערצאָג קאַרל געקומען קיין לאָוויזאַ. איך בין אַרויף צו אים, דען איך האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס איך זאָל טאָן, מען האָט אַזוי פיל גערעדט פון געפערלעכע זאַכן און אייניקע פון די גרעסטע אָפיצירן האָבן מיר געראָטן, איך זאָל פאָרן אַהיים. איך האָב זיך אַלזאָ געלאָזט מעלדן דעם הערצאָג קאַרל. ער איז אַרויס, האָט מיך געפרעגט, וואָס איך וויל. איך האָב געזאָגט: „איך האָב אַ באַפעל פון קיניג צו בלייבן ביי דער הויפּקוואַרטיר דאָ אין לאָוויזאַ. דער קיניג און דער הערצאָג פרידריך זיינען אַוועקגעפאָרן אַהיים, צי זאָל איך אויך פאָרן אַהיים?" ער האָט געזאָגט: „זייט איר ניט געווען ביי דעם גענעראַל קלינגשפּאָרן?" איך האָב געזאָגט: ניין.—„טאָ גייט אַריין צו אים, דער קיניג האָט געלאָזן אַן אָרדער, ער זאָל אייך געבן ליפעראַנצן, וואָס פאַר אַ ליפעראַנצן איר ווילט". ער האָט

מיך אויך געפרעגט, צי איך האָב ביי זיך גאַלאַנטעריי־סחורות. „אָ, יאָ!" האָב איך געזאָגט. איך האָב געמוזט גיין אויף מיין דירה און האָב געבראַכט די סחורה. ער האָט עס ביי מיר טאַקע אָפּ־געקויפט פאַר 200 רייכסטאָלער. איך בין אַוועקגעגאַנגען צום גע־נעראַל קלינגשפאָרן און האָב געזאָגט: „דער הערצאָג קאַרל האָט מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן אַן אָרדער מיר צו געבן ליפעראַנצן". ער האָט געזאָגט: „אָ, יאָ, וואָס ווילט איר ליפערן?" איך האָב אים געזאָגט, אַז איך ווייס אַליין ניט, וואָס זיי ווילן האָבן. דער גענעראַל האָט געזאָגט: „איך וועל זיך מיישב זיין, וועל איך אייך געבן אַ תשובה".

נאָך מיטאָג איז דער גענעראַל מיט נאָך אייניקע גענעראַלן געקומען צו מיר אַהיים. דער גענעראַל איז שוין לענגער געווען מיט מיר באַקאַנט, ער האָט געזאָגט: „ליבער אהרן, איר קענט אונז טאָן אַ גרויסן דינסט, צו אייער טובה. אונזער אַרמיי האָט ניט קיין פריש פלייש און דאָ אין פינלאַנד איז דאָס פיך זייער וואָלוול. עס וואַוינען דאָ צוויי קצבים, זיי האָבן ליפערירט פריש פלייש צום לאַזאַרעט פאַר די פּאַרוואַונדעטע און קראַנקע, אום־געפער 20 ליספונט טעגלעך. איך האָב זיי געגעבן אַן אַוואַנס. זיי גייען ניט עפּעס קויפן אויסער שטאָט, נאָר וואָס מ'ברענגט אויפן מאַרק. ווען איך גיב זיי אַ טאָג קיין אַוואַנס ניט, דאַן ליפערן זיי אויפן אַנדערן טאָג גאָרנישט. איך האָב מיט זיי אַן אָפּמאַך, פאַר דעם ליספונט באַצאָל איך זיי 24 שילינג, אויב איר אָבער ווילט ליפערן פאַר דער גאַנצער אַרמיי, דהיינו — אַלע 6 טעג 1000 ליספונט פריש פלייש וועט איר באַקומען, 26 שילינג פאַר אַ ליספונט". איך האָב געהאַט אויסגעשריבן פון שטאָקהאָלם 4 פּערזאָן, וואָס זאָלן קומען צו מיר, ווארעם עס זיינען געווען אייניקע יידן אַלס מאַרקיטאַנטן, און יעדער גענעראַל האָט גערן געוואָלט האָבן אַ מאַרקיטאַנט ביי זיין פּאָלק. איך האָב געזאָגט: „איך פאַרשטיי גאָרנישט אויף דער שלאַכטעריי, איך וואַרט יעדע שעה אויף אייניקע פון אונזערע לייט, וואָס איינער פון זיי פאַרשטייט זיך אויף דעם, ווי נאָר ער וועט קומען, וועלן זיי האָבן אַ תשובה".

מיינע לייט זיינען געקומען אויף מאָרגן און איך האָב זיי דאָס פאָרגעשטעלט. איך האָב שוין אָבער איין אָקס געהאַט געקויפט אויפן מאַרק, איידער זיי זיינען געקומען, צו מאַכן אַ פּראָבע. איך האָב זיי באַוויזן דעם אָקס און זיי געזאָגט, וואָס איך האָב דערפאַר געגעבן. דער שלאַכטער, וואָס איז דערביי געווען, האָט אים טאַקסירט און האָט געזאָגט, אַז דער ליספונט וועט מיר אויסמאַכן אומגעפער ניט מער ווי אַכצן שילינג. ער האָט אים געקוילעט און עס איז טאַקע אַזוי געווען. אַ פּאָר פון מיינע לייט האָב איך אַרויסגעשיקט אויפן לאַנד, און איינער איז געווען, וואָס איך האָב אים שוין די גאַנצע צייט געהאַט ביי זיך. ער האָט גערעדט גוט שוועדיש און איז געבאָרן געוואָרן אין לאָוויזאַ. איך האָב אים געפרעגט, צי ער קען זיך אויפן לאַנד, איך וויל קויפן אַ ביסל פיה. ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט מיר אין איין טאָג געשאַפן אפשר הונדערט שטיק. איך האָב מיט אים אַרויסגעשיקט אַ פּאָר מענטשן, זיי האָבן זיך ערקונדיקט אויפן לאַנד און זיינען אויף מאָרגן געקומען אהיים און האָבן געזאָגט, אַז ס'איז דאָ גענוג פיך צו באַקומען און אויף אַ גוטן מקח.

איך האָב אַלזאָ געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט דעם גענעראַל קלינגשפאָרן אויף איין חודש צוצושטעלן פריש פלייש, אַלע 6 טעג 1000 ליספונט, און די ליפערונג זאָל זיך אָנהייבן אין אַכט טעג אַרום, ווייל איך האָב געוואָלט אויסבויען אַ שלאַכטהויז; 1000 רייכסטאָלער זאָל מען מיר געבן אַן אַוואַנס און ביי יעדער מאָל, ווען איך וועל האָבן אָפּגעליפערט, זאָל איך גלייך באַקומען געלט און ביי דער לעצטער ליפערונג זאָל אָפּגעצויגן ווערן דער אַוואַנס איך האָב באַגערט די טויזנט רייכסטאָלער, ער האָט געזאָגט: „איר וועט דאָס געלט האָבן, איך ערוואַרט אַלע רגע געלט פון שטאָקהאָלם”. איך האָב אַרויסגעשיקט מיינע לייט און זיי האָבן געקויפט 100 שטיק פיך. איך האָב באַקומען 6 שטיק שלאַכטער-סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשאָכטן דאָס פיך און פונאַנדערגעפירט פאַר די פאָלקן לויט דער אָנווייזונג פון די פאָלק-קוואַרטירמייסטערס. מיט די דאָזיקע צעטלען בין איך נאָכהער אַרויף אין קאָמיסאַריאַט, דאָס איז געווען, וואו דער גענעראַל קלינגשפאָרן האָט געוואוינט. איך

האָב געפאָדערט געלט, ער האָט אָבער געזאָגט, אַז עס איז נאָך גאָרנישט אָנגעקומען.

איך האָב דאָס רוב אַלע וואָך תּמיד באַקומען פון דער היים צוגעשיקט, תּמיד דאָס רוב גאַלאַנטעריי=סחורות, וואָרעם מיין זון נתנאל איז געשטאָרבן, ער האָט געהאַט זיינע סחורות אַפּאַרט פאַר זיך, זיין פאַרמעגן און וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון זיין פרוי, און איך האָב ניט געקאָנט אַזוי פיל סחורה באַקומען, וויפיל איך האָב אָפּגעזעצט, איך האָב אַלזאָ ניט געהאַט קיין נויט אין געלט. איך האָב ווידער געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט דעם גענעראַל אזיף הונדערט טויזנט ליספונט היי און אויף הונדערט טויזנט ליספונט שטרוי, אַ ליספונט היי צו 4 שילינג און שטרוי צו 2 שילינג, און האָב באַקומען אַן אָרדער, אַז אויף וועלכן מאַגאַזין איך זאָל ניט קומען, האָבן די קריגסקאָמיסאַרן געמוזט אָננעמען, כּדי איך זאָל קענען מיינע לייט שיקן אין אַזעלכע ערטער, וואו מען קען באַקומען פיל היי.

איך האָב אָפּגעליפערט מיין היי און שטרוי אין טאַוואַסטהוס אין מאַגאַזין און אין H... מאַגאַזין, דען דאָ האָט מען עס געקענט צוממייסטן באַקומען פאַר אַ גוטן פּרייז. איך האָב אָפּגעליפערט דאָס פליישׁ אַ גאַנצן חודש און קיין געלט האָב איך ניט באַקומען. ביי דער לעצטער אָפּליפערונג האָב איך געוואָלט מיט גוואַלד קריגן געלט, איך האָב געזאָגט צום גענעראַל: „איר האָט מיר צוגעזאָגט טויזנט טאָלער אַוואַנס און איר האָט מיר נאָך ניט באַצאָלט". די לעצטע ליפערונג האָב איך נאָך ניט צוגעשטעלט איך האָב געזאָגט: „הער גענעראַל, איך וועל מער ניט ליפערן, אויב איר וועט מיר היינט ניט באַצאָלן". איך האָב דערגאַנגען, אַז ער האָט עטוואָס געלט באַקומען און מען האָט דאָס געהאַלטן בסוד, ווייל די אָפיצירן האָבן שוין 6 וואָכן ניט באַקומען זייער גאַזשע, האָבן זיי וואָס=עס=איז געקראָגן, דאָס האָב איך דערגאַנגען דורך אַ גוטן פריינד פון קאָמיסאַריאַט, דאָס האָט מיר זייער פאַרדראָסן, ער האָט געזאָגט: „איך קען אייך קיין געלט ניט געבן, ווען איך האָב ניט. איך ערוואַרט אַלע טאָג געלט פון שטאָקהאָלם". איך האָב געזאָגט: „האָט איר ניט געזאָלט מאַכן אַ קאָנטראַקט,

לויט דעם האָב איך זיך געריכט". ער איז אויפגעשפרונגען: "וואָס זייט איר פאַר אַ ליפעראַנט און נעמט זיך איבער מיט אייער ביסל פאָדערונגען, ליפערט אָפּ, אָדער ליפערט מער איינגאַנצן ניט". ער האָט געטופּעט מיט די פיס און איז געווען זייער אין כעס און האָט מיר געהייסן אַרויסגיין. איך האָב געזאָגט: "איך וועל דאָ ניט בלייבן, דאָס איז שיין, ווען מען פאָדערט דאָס זייניקע, הייסט מען אַרויסגיין, אַ שיינע באַלוינונג". און בין אַוועק מיין וועג. איך בין קוים געווען אין שטוב ביי אַ האַלבע שעה, איז געקומען דעם גענעראַלס קאַמערדינער און האָט געבראַכט אַ גרוס פון גענעראַל, איך זאָל תיכף צו אים קומען. איך האָב געמיינט, איך וועל קריגן געלט. ווי איך בין אַריין צו אים אין שטוב, האָט ער מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט געזאָגט: "ליבער אהרן, מיר וועלן ווידער דורכקומען, ווי נאָר איך וועל באַקומען געלט, וועט איר האָבן געלט, איר מוזט נאָך איין חודש ליפערן". וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, האָב איך ווידער אָנגענומען אַ קאָנטראַקט אויף אַ חודש. אויך דעם גאַנצן חודש האָב איך קיין געלט ניט באַקומען. ער האָט מיר געגעבן אַזוי פיל גוטע ווערטער און איך האָב זיך געלאָזט צוריידן און איך האָב נאָך אָפּגעליפערט דעם דריטן חודש אויך. האָב איך געזאָגט, איך קען שוין מער ניט ליפערן, דען איך האָב איינגעקויפט פיל היי און שטרוי און עס איז אַוועק אויף דעם פיל געלט. דער גענעראַל האָט געזאָגט: "אין דריי טעג אַרום פאָר איך קיין אַבאַ, פון דער שטאַטקאַסע באַקום איך געליען הונדערט טויזנט טאַלער, איר קענט מיטפאָרן, וועט איר האָבן צען טויזנט טאַלער". איך בין דערמיט געווען צופרידן.

איך האָב געקראָגן בריוו פון טאַוואַסטהוס, H... מיינע לייט האָבן זיך צווישן זיך צעקריגט, אַז זיי האָבן מערניט געוואָלט דאָרט בלייבן צוזאַמען. איך האָב געהאַט דרייצן פּערזאָן. איך האָב געמוזט אַליין אַהין פאָרן און אַן אַנדערן מיטנעמען, האָב אַלזאָ ניט געקענט פאָרן מיטן גענעראַל. עס איז געווען ניט ווייט פון דעם וועג, האָב איך באַשטעלט, אַז איך וועל זיין ביים גענעראַל אין אַבאָ. צו דער באַשטימטער צייט בין איך צו אים געקומען,

אָבער די דאָזיקע נסיעה איז געווען אומזיסט, דער גענעראַל האָט גאָרנישט באַקומען געליען. ער האָט געזאָגט: „איך מוז פאָרן קיין טאַוואַסטהוס, דאָרט וועל איך באַקומען געלט פון דער קאַנצליי־קאַסע". איך בין אַלזאָ מיט אַ טאָג פֿאָרויס אַוועקגעפאָרן קיין טאַוואַסטהוס, האָב באַשטעלט פאַר דעם גענעראַל אַ קוואַרטיר ביי דעם לאַנדסהעפדינג ווילעבראַנד. ער איז אַלזאָ געקומען אַהער און האָט באַקוקט מיין מאַגאַזין היי, ער איז געגאַנגען צום רענט־מייסטער וועגן געלט. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט געפינען אַ שטאַרקע קאַסע, אָבער מער ווי 5000 רייכסטאָלער איז ניט גע־ווען אין דער קאַסע. האָב איך געקראָגן 1500 רייכסטאָלער.

איך בין ווידער אָפּגעפאָרן קיין לאָוויזאַ, דער גענעראַל האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן געוויס באַקומען געלט פון שטאָק־האָלם, אָבער קיין געלט האָבן מיר ניט געטראָפן. נאָר ער האָט באַקומען געליען ביי אַ סוחר צען טויזנט רייכסטאָלער, דערפון האָב איך באַקומען 1000 רייכסטאָלער. דער גענעראַל האָט זיך ניט געקענט ראַטעווען פון אַלע מענטשן, וואָס ער איז זיי שולדיק גע־ווען. ער האָט געזאָגט: „איך מוז פאָרן באַקוקן אייניקע מאַגאַזי־נען, איך קום אין דריי טעג אַרום צוריק" — און האָט באַשטימט דעם פאָלקאָווניק־לייטענאַנט באַראָן מונק אויף זיין שטעלע, גע־טרייסט אַלעמען, ווען ער איז שולדיק געווען, אַז באַראָן מונק באַ־קומט געלט, וועט ער באַצאָלן, אָבער קיין געלט איז ניט אָנגעקומען. דער גענעראַל איז געווען אין וועג 4 וואָכן, ביז עס איז ענדלעך אָנגעקומען געלט פון שטאָקהאָלם. דאָס דאָזיקע געלט איז געווען רייהס־געלט. מיינע פאָדערונגען זיינען געווען היבשע, איבער 20 טויזנט רייכסטאָלער, באַקומען האָב איך 6000.

איצט האָב איך מער קיין פלייש ניט געוואָלט ליפערן, דען דאָס פיך איז געוואָרן טייער און אויף 20 מייל אין דער סביבה האָט מען שוין גאָרנישט געקענט באַקומען. עס איז מיר שוין אויסגעקומען מער צו קאָסטן, ווי עס איז געווען אין קאָנטראַקט; אַחוץ דעם האָב איך געליפערט קאָרן, גערשטן, אַרבעס, פוראַזש, פעטס, זאַלץ, פלייש, אַלצדינג, וואָס איך האָב געקענט אויפקויפן אין לאַנד. איך האָב אויך געהאַט אַ באַפעל פון קאָמיסאַריאַט,

אַז ווען איך אָדער מיינע לייט קומען אין אַ מאַגאַזין און ווילן עפּעס אָפּליפערן, זאָלן די קאָמיסאַריוס דאָס אָננעמען און געבן מיר אויף דעם אַ קוויטונג. דער גענעראַל האָט מיך ניט געוואָלט אָפּלאָזן, איך האָב ווידער געמוזט מאַכן אַ קאָנטראַקט אויף צוויי חדשים ליפערן פריש פלייש, צו 32 שילינג אַ ליספונט. איך האָב אויך ניט געקענט באַקומען דאָס גאַנצע געלט פון קאָמיסאַריאַט; איך האָב אָנגעגעומען פיל טויזנט קאַנען בראַנפן, וואָס זיינען דאָ געלעגן אויפן חשבון פון דער קרוין. איך האָב אָבער שוין אַזוי פיל געהאַט אָפּגעזעצט פון אונזערע סחורות און אבנים־טובות, אַז מיין איידעם איז געווען זייער צופרידן, מיר זיינען ביידע געווען בשותפות.

איך האָב באַקומען פון אונזער געמיינד אַ בריוו, צי איך וויל בויען אַ הויז אויפן בית־הקברות פאַר מיינע אייגענע הוצאות, אַניט קענען זיי באַקומען אַ פּלאַץ מיט אַ הויז אויף אים פאַר 90 רייכסטאָלער, וועלן זיי עס אָפּקויפן. איך האָב זיי ניט געשריבן קיין ענטפער, דען איך האָב שוין געהאַט זייער פיל הוצאות און האָב קיינמאָל גאָרניט פאַרלאַנגט פון דער געמיינד צוריק. איך האָב אויך געהאַט שריפטלעך צו פאָדערן פון דער געמיינד, וואָס איך האָב פאָרויס באַצאָלט דעם רב שכירות וכדומה פון אַ סך יאָרן. איך האָב זיך ניט געגלייבט, אַז זיי וועלן טאָן אַזאַ נבלה, וואָרעם מיר האָבן דאָ אויפן בית־הקברות שוין געהאַט פיל מתים און אים שוין איבער 20 יאָר געהאַט. ווען זיי האָבן געזען, אַז זיי באַקומען ניט פון מיר קיין תשובה, זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען צו מיין איידעם מיט חניפות, אַז מען זאָל זיי געבן דאָס געלט, אייניקע דרייסיק רייכסטאָלער, וואָס מען האָט פון מיין הויז מנדר געווען צו בויען אַ הויז אויפן בית־הקברות, מיט אַן אויס־רייד, אַז ווען איך וועל קומען אַהיים און וועל דערמיט ניט זיין צופרידן, זאָל ער דאָס געלט צוריק באַקומען. ער האָט זיך אַלזאָ געלאָזט פון זיי נאַרן און האָט זיי געגעבן דאָס געלט.

איצט האָבן מיר מער ניט געהאַט אַזאַ נויט אין געלט ביי דער אַרמיי, ווייל מיר האָבן באַקומען רייכע־געלט. די קלענסטע צעטלען זיינען געווען 2 רייכסטאָלער, אויך 20 רייכסטאָלער און

24 שילינג, אויך דריי רייכסטאָלער און ווייטער גרויסע צעטלען, עס איז אָבער געווען אַ גרויסע נויט אין קליינגעלט. איך האָב געקויפט אין באָרגאַ ביי אַ סוחר פאַר מיין באַדאַרף פאַר צוויי רייכסטאָלער און 16 שילינג און האָב אים געגעבן אַ צעטל פון צוויי רייכסטאָלער און 24 שילינג. ער האָט געדאַרפט געבן מיר אַכט שילינג אויסגאָב. ער האָט געזאָגט: „איך האָב ניט קיין קליי־נע מינץ, איך האָב אַ צעטל פון אַכט שילינג". עס איז געווען אַ געדרוקטער צעטל; עס איז אויף אים געשטאַנען: „קעגן דעם דאָזיקן צעטל מיינעם באַצאָל איך, אונטערגעשריבענער, 8 שי־לינג, נאָמען און דאַטע, סוועאַבאָרג", אַ אומבאַקאַנטער נאָמען. איך האָב געזאָגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש, וואָס מאַכט אַזעלכע צעטלען?" ער האָט געזאָגט: „עס איז אייגנטלעך אַ בעקער, זייער אַ רייכער מענטש, ער האָט איצט אַ קאַפעהויז, אויך פון אַלע מעגלעכע סחורות פון וויקטואַליען. דער דאָזיקער מענטש איז אַ זיכערער".

איך האָב גענומען דעם צעטל און בין אַוועק צום גענע־ראַל און האָב אים געזאָגט: „דעם דאָזיקן צעטל האָט געלאָזט דרוקן אַ בעקער אויף סוועאַבאָרג און די לייט נעמען אים גערן אָן, זיי ווייסן, ווי דאָס קליינגעלט איז קנאַפּ, ביי די סאָלדאַטן זיינען שוין געווען פיל תּתוּנות, ווייל זיי האָבן ניט געקענט אומבייטן, זיי האָבן געגעבן 16 שילינג לאָזט אויף אַ דריי־רייכסטאָלער־צעטל. לאָזט דרוקן אַזעלכע צעטלען און שרייבט אונטער אייער נאָמען, אָדער לאָזט דרוקן אייער נאָמען אונטער אַ פּרעס". ער האָט געזאָגט: „גייט צום קאַמערהער פאַהנעהיעלם און זאָגט אים, ער זאָל לאָזן אָפּדרוקן אַזעלכע צעטלען און זאָל אונטן שטעלן זיין נאָמען".

איך בין אַוועק צו אים און האָב אים געוויזן דאָס און האָב אים געזאָגט, אַז דער גענעראַל האָט באַפוילן, ער זאָל לאָ־זן אָפּדרוקן אַזעלכע צעטלען און זיין נאָמען דערונטער. ער האָט געזאָגט: „דאָס טו איך ניט, דאָס האָט גערצן זיין קאָפּ געקאָסט, קומט מיט מיר, מיר וועלן גיין צום גענעראַל, איך וויל זעלבסטן מיט אים ריידן". מיר זיינען אַוועק צום גענעראַל און ער האָט

אים געזאָג: „אין מיין נאָמען טו איך עס געוויס ניט; ווען עס וואָלט קענען גיין אין נאָמען פון קריגסקאָמיסאַריאַט, דאַן קען זיין מעגלעך, מען זאָל אָפּדרוקן די דריי קרוינען מיט דער קיניגלעכער קרוין, דאַן וואָלט איך מיין נאָמען אונטערגעחתמעט“. דער גענעראַל האָט געזאָגט: „דאָס קענען מיר ניט טאָן אָן דעם קיניגס באַוויליקונג“. עס איז געבליבן בהסכם, מען זאָל שיקן צום קיניג אַ שליח, צי ער באַוויליקט דאָס.

ער איז אין אייניקע טעג אַרום צוריקגעקומען פון קיניג, און עס איז באַוויליקט געוואָרן. האָט דער גענעראַל געלאָזט מיך רופן און האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז באַוויליקט פון קיניג — „אָבער וואו זאָלן מיר דרוקן די צעטלען און דאַן אַ שטעמפּל מיט דעם שוועדישן הערב, דאָס מוז איינגעדרוקט ווערן אין פּאַפּיר, מוזן מיר האָבן אַ פּרעס“. איך האָב אים געזאָגט: „אין אַבאָ איז דאָך דאָ אַ דרוקעריי, עס איז דאָך דאָ אַ אוניווערסיטעט; דעם שטעמפּל מאַך איך אַליין און אַ פּרעס וועל איך לאָזן מאַכן, איך האָב געאַרבעט אין אַ מינץ, איך ווייס די זאַך גוט“. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך וועל דאָס טאָן. איך האָב געזאָגט: „באַשטעלט נאָר די צעטלען, און ווען זיי וועלן זיין אָפּגעדרוקט, וועל איך שוין זאָרגן פאַר דעם איבעריקן“.

אין צייט פון דריי וואָכן איז אַלץ געווען אין אָרדענונג, די 8=שילינגס=צעטלען זייבען געווען אָפּגעדרוקט. ווען הונדערט זייבען געווען פאַרטיק, האָב איך זיי געקריגן צוגעשיקט צו מיר אין שטוב. איך בין אַוועק צו די סוחרים און האָב געזאָגט: „איר קענט ביי מיר באַקומען אַזעלכע צעטלען און ווען איר וועט זיי האָבן פאַר צוויי טאָלער, נעמלעך צוועלף שטיק, נעם איך זיי ווידער צו און גיב אייך אַ צוויי=רייכסטאָלער=צעטל דערפאַר“, וואָרעם זיי האָבן ניט געוואָלט גלייבן, אַז זיי וועלן ווידער אויסגעביטן ווערן. איך האָב אָבער דערפאַר קיין אַנדער געלט ניט גענומען ווי נאָר באַנקאָ=צעטלען. עס איז געווען אַן אונטערשייד פון 8 פּראָצענט. זיי האָבן אַזוי פיל ניט געקענט דרוקן, און פאַנעהיעלם האָט זיי געמוזט אונטערשרייבן, אַז אַלע מענטשן האָבן זיי ביי מיר באַקומען.

אַז דער גענעראַל האָט געזען, אַז עס גייט דערמיט אַזוי גוט, האָט ער אויך געלאָזט דרוקן 12־שילינג־צעטלען. איך בין אַלע טאָג געווען אין דער שטעמפּל־קאַנטאָר. אַז איך האָב געזען, אַז זיי מאַכן 12 שילינג־צעטלען, האָב איך זיך מער דערמיט ניט געוואָלט אָפּגעבן. ווען ס'פלעגן צו מיר קומען מענטשן, פלעג איך זיי אָנווייזן אויפן שטעמפּל־קאַנטאָר. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און זיי האָבן גענומען דרוקן 10־שילינג־צעטלען, 2־0 שילינג־צעט־לען, דערנאָך 24 שיליגג־צעטלען און אַזוי כּסדר געהעכערט מיט פיר שילינג ביז 3־רייכסטאָלער־צעטלען, אַזוי אַז די גאַנצע אַרמיי האָט מען באַצאָלט מיט אַזעלכע געלט. ווער ס'האָט נאָר געהאַט אַ פּאָדערונג צום קאָמיסאַריאַט, איז באַצאָלט געוואָרן מיט „פּאַ־נעהיעלמער", אַזוי האָט געהייסן דאָס דאָזיקע געלט. אין גאַנץ פינ־לאַנד האָט זיי אָנגענומען יעדער מענטש, אָבער אין שטאָקהאָלם און אין גאַנץ שוועדן האָט מען גאָרניט געקענט אויסגעבן, זיי האָבן זיי ניט גענומען; צו ווייניקסטן מיט 15 פּראָצענט היזק זיינען געווען אייניקע סוחרים, וואָס האָבן זיי אויסגעביטן, אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט זייער האַנדל אין פינלאַנד, וואָרעם דאָ זיינען זיי אומעטום געווען גילטיק.

דער קיניג איז ווידער געקומען קיין לאָוויזאַ אין הויפּט־קוואַטיר. אונטער דער צייט, וואָס דער קיניג איז ניט געווען, האָט מען אַ סך פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלן אַרעסטירט און אָפּגעפירט קיין שטאָקהאָלם. דער קיניג איז אַוועק קיין העגפאָרס ביי סווענסקזונד, צוויי מייל פון פרידריכסהאַמן, אַ רוסישע פעסטונג. איך האָב באַ־קומען אַן אָרדער אַרויסצוקומען אין דער הויפּטקוואַרטיר; איך האָב געמוזט אַרויס קיין העגפאָרס מיט מיין זאַפּאַס, אויך מיט דעם רינדפיך, דען זיי האָבן גאָרניט געקענט דאָרט קריגן, דאָס איז גע־ווען בלויז אַ דאָרף. איך האָב אוין גענומען וויקטואַליער. מיר זיינען געלעגן אומגעפער 4 וואָכן. דער רוסישער שכערנפלאָט איז געלעגן אויף דער אַנדערער זייט סוועגסקזונד; אונזער שכערנ־פלאָט איז געלעגן אין טוועגסקזונד. די רוסן האָבן אונז ניט געקענט אַטאַקירן, הגם זיי זיינען געווען שטאַרקער פאַר אונזער פלאָט. דער קיניג האָט באַפוילן, מען זאָל אַטאַקירן די רוסן,

וואָרעם ער האָט געזען אַ געוויסע מעלה אויף אונזער זייט. אָבער דורך בגידה האָט מען די רוסן פון אַלץ צו וויסן געגעבן; זיי האָבן שוין געוואוסט מיט אַן אָוועט פריער, אַז זיי וועלן מאָרגן אַטאַקירט ווערן און אַלע אונזערע מעלות האָבן זיי געוואוסט. מיר האָבן אַלזאָ פאַרלאָרן די שלאַכט און די יבשה=חיילות האָבן געמוזט אָפּטרעטן; איך האָב געמוזט ציען צוריק און האָב פיל פאַרלאָרן דערביי.

דער דער דאָזיקער רעטיראַדע האָב איך געטראָפן דעם קיניג אויפן שאָסיי מיט איייניקע פאָלקן. עס איז פאַרביי דער גענעראַל טויבע, וואָס איז געשטאַנען ביים קיניג. ווי ער האָט דערזען, אַז איך שטייג אַרויס פון מיין וואָגן, האָט ער געזאָגט: „אייער פּיך איז שוין פאַרביי מיט אַ שעה צוריק. דער קיניג האָט באַפוילן, אַז די פאָלקן זאָלן זיך אויפשליסן, כדי דורכצולאָזן אייער פּיך״. אויף די דאָזיקע צוויי מייל האָב איך אויסגעשטאַנען זייער פיל סכנות. דאָ איז שוין איצט ניט געווען אַזאַ סכנה. דאָך האָבן מיר נאָך געהאַט איין מייל, איידער מיר זיינען געקומען אויפן שוועדישן באָדן. ענדלעך אָוונטצייט זיינען מיר ווידער געקומען אויף אונזער גרעניץ. איך בין קראַנק געוואָרן פון די אַלע אָפּקומענישן און פחדים, וואָרעם עס האָט זייער געפערלעך אויסגעזען אויף דער דאָזיקער רעטיראַדע און פילע זיינען געבליבן אויף ביידע צדדים. איך האָב אַלץ געמיינט, אַז אָדער איך וועל בלייבן אָדער מען וועט מיך פאַנגען.

אויף מאָרגן זיינען מיר געקומען קיין לאָוויזאַ. איך בין דריי טעג געווען קראַנק און האָב פיל פאַרלאָרן ביי דער רעטיראַדע. דאָס איז געוואָר געוואָרן דער קיניג. אין אייניקע טעג אַרום האָט מען מיך אויפגעפאָדערט צום קיניגלעכן סעקרעטאַר, דאָס איז געווען דעם קיניגס האַנטסעקרעטאַר. ער האָט מיך ניט געקענט און איך האָב אים אויך ניט געקענט. ווי איך בין צו אים געקומען, האָט ער מיך געפרעגט, צי איך הייס אהרן איזאַק. איך האָב געענטפערט: יאָ. ער האָט געזאָגט: „איך גראַטוליר אייך, דער קיניג האָט אייך באַגנעדיקט מיטן אַסעסאָר=טיטל, שיק איך דאָס אָפּ קיין שטאָקהאָלם אין דער קאַנצעלאַריע, אַז מען זאָל דאָס

דאָרט אויספּאַרטיקן. איר מוזט אַלזאָ דערפּאַר באַצאָלן 70 רייכס־טאָלער, דאָס איז גלייך מיטן ראַנג פון אַקאַפּיטאַן, און יענער קאָסט פונקט אַזוי פיל". איך האָב געפרעגט, וויפיל שכירות איך האָב, ער האָט געזאָגט: „קיין שום שכירות האָט איר ניט דערביי, איר מוזט נאָך דערפאַר באַצאָלן קאָנטריבוציע, אַזוי ווי אַ קאַפּיטאַן, דאָס קומט אויס 60 רייכסטאָלער אַ יאָר". איך האָב געזאָגט: „איך דאַנק דערפאַר זייער, און ווי וועט זיך דאָס פּאַסן, אַז ווען איך שטיי אין מיין שלאַכטער־בודע און איר קומט נאָך פלייש: הער אַסעסאָר, אָט איז אַ אָנווייזונג אויף פלייש, גיט מיר 10 ליספונט פלייש! אַחוצדעם האָבן זיי מיר בייגעלייגט, דער גענעראַל און דער קאָמיסאַריאַט, דעם טיטל הויפליפעראַנט". דער דאָזיקער קיניגלעכער סעקרעטאַר האָט געזאָגט: „איך מוז דאָס באַריכטן". איך בין אַוועק מיין וועג. עס האָבן מיך באַגעגנט פיל אָפיצירן, וואָס האָבן מיך גראַטולירט, זיי האָבן געוואוסט, אַז אויס חסד האָט מיך דער קיניג נאָמינירט אַלס אַסעסאָר.

דער קיניג איז אַוועק קיין באָרגאָ, איך בין אויך אַהין געקומען. עס איז געווען אומגעפער פיר אָדער פינף וואָכן נאָכדעם. דער סעקרעטאַר האָט געשיקט נאָך מיר, איך זאָל צו אים קומען, איך בין געקומען צו אים, האָט ער געזאָגט: „אין לאָוויזאַ ווי איר זייט ביי מיר געווען און אַלץ, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, האָב איך איבערגעזאָגט דעם קיניג און ער האָט הערצלעך איבער דעם געלאַכט. איך האָב אים אויך געזאָגט, אַז דער גענעראַל און דער קאָמיסאַריאַט האָבן אייך באַטיטלט אַלס הויפליפעראַט. ער האָט געזאָגט: דער טיטל איז דאָ ביים הויף נאָך קיינמאָל ניט געווען; ווייל זיי האָבן אים אָבער אַזוי באַטיטלט, איז זאָל ער שוין האָבן אויך אַזאַ טיטל מיט ערע און ווערדיקייט. איך האָב דעמזעלבן טאָג גלייך געשיקט קיין שטאָקהאָלם; איצט איז ער שוין פאַרטיק" ער האָט מיר פאַרגעלייענט. איך האָב געפרעגט, וואָס קאָסט די אויס־פּאַרטיקונג. ער האָט געזאָגט: „דער קיניג האָט מיר באַפוילן, אַז אויב איר וועט ניט וועלן צאָלן דאָס אויספּאַרטיקונגס־געלט, דאַן זאָל איך דאָס באַצאָלן. איצט ווענדט זיך דאָס אָן אייך, דאָס קאָסט

עלף רייכסטאָלער". איר האָב אַלזאָ באַצאָלט די עלף רייכסטאָלער. דאָס איז שוין געווען אָנהייב ווינטער.

דאָס פּריאָר איז דער קיניג געגאַנגען אויף דעם גרויסן פּלאָט און האָט זיך געזאַמט ביי דריי מאָנאַט, און האָט געמוזט אָפּטרעטן ביי א ים־באַטאַליע. זיי זיינען ווידער געקומען אין סוועגסק־זונד מיט זייער גאַנצן פלאָט. זיי איז אָבער נאָכגעקומען דער פּרינץ נאַסאַו. מען האָט מיך גערופן צום גענעראַל קלינגשפּאָרן. ער האָט געזאָגט: "דער גאַנצער פלאָט האָבן דעם גאַנצן זומער קיין פריש פלייש ניט באַקומען. זיי מוזן האָבן פריש פלייש, זיסט באַקומען זיי דעם סקאָרבוט" — איך זאָל ליפערן איין חודש. מיין קאָנטראַקט פּרייער איז געווען 40 שילינג א ליספונט, איצט האָט ער מיר געבאָטן א רייכסטאָלער פאַר דעם ליספונט און איך האָב שוין פּרייער געמוזט ברענגען מיין פיך פון עסטערבאָטן, 70 מייל וועג. ער האָט באַגערט אַלע 6 טעג 18 הונדערט ליספונט. איך האָב געזאָגט, אַז קיין קאָנטראַקט קען איך ניט מאַכן, דען איך ווייס ניט, צי איך קען עס האַלטן, דערצו נאָך זאָל איך מאַכן דעם אָנהייב אין דריי וואָכן אַרום, איך וועל דער ביי טאָן דאָס מייניקע

דאָס פלייש האָט מען געדאַרפט ליפערן איין מייל פון סוועגסק־זונד. איך האָב גלייך אַרויסגעשיקט מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געמוזט בויען א שלאַכטהויז. איך האָב באַקומען א קוריער־פּאַס און בין אַוועקגעפאָרן מיט איינעם פון מיינע לייט און קנעכט, אַזוי אַז אין דריי מעת־לעת אַרום זיינען מיר געווען אין וואַזאַ, האָב געטראָפן מיינע לייט, וואָס האָבן שוין געהאַט איינגעקויפט אייניקע הונדערט שטיק אין האָבן שוין באַשטעלט די טרייבערס. איך האָב געהאַט מיט זיך בריוו צו דעם לאַנדסהעפדינג טאַנדעפעלדט, ער זאָל מיר באַהילפיק זיין און זאָל מיר געבן "לענסמענער", וועלכע זאָלן אויפפאָדערן די פויערים, זיי זאָלן פאַרקויפן, ווייל דאָס איז נייטיק פאַר דער אַרמיי. איך האָב געהאַט ביי זיך 15 טויזנט טאָ־לער מזומנים, האָב איך דאָס געגעבן מיינע לייט. און אין איי־ניקע טעג אַרום האָבן מיר אויפגעקויפט נאָך 100 שטיק, געמאַכט נאָך טראַנספּאָרט. די פאַריקע 200 הונדערט זיינען שוין געווען אַוועק, בין איך אַוועקגעפאָרן צוריק. אונטערוועגס האָב איך גע־

טראָפּן מיין פיך מיט מיינע טרייבערס אויפן האלבן וועג. איך בין שוין אַליין אויך געבליבן דערביי, כדי זיי זאָלן ניט גיין צו לאַנגזאַם. איך בין געקומען אויפן אָרט מיט אייניקע טעג פריער, ווי איך האָב געהאַט צוגעזאָגט. איך בין אַוועק צום גענעראַל און האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב שוין דאָ 300 שטיק פיך. ער האָט געזאָגט: „מיר באַקומען שלום. איר קענט גלייך קוילן 18 הונדערט ליספונט פליייש, און דאַן וועט איר ווייטער האָבן אַן אָרדער". זיי האָבן געהאַט אַ שלאַכט מיט דעם פּרינץ נאַסאַו און דער גאַנצער רוסישער פלאָט איז געשלאָגן געוואָרן און האָבן געהאַט זעקס טויזנט מאַן געפאַנגענע און 600 אָפיצירן. איך האָב אָפּגעליפערט די 13 הונדערט ליספונט פלייש. איך האָב געקראָגן אַן אָרדער, איך זאָל קומען קיין סווענסקזונד צום גענעראַל קלינגשפּאָרן. ער איז געווען אויף דעם קיניגס שיף „אַמפיאָן". דאָ איז געווען די גאַנצע גענעראַליטעט. דער גענעראַל האָט געזאָגט: „איך קען נאָך אייך ניט זאָגן, ווי עס גייט, מיר האָבן שלום געמאַכט מיט די רוסן, ער איז שוין אונטערגעחתמעט. איר וועט מאָרגן האָבן באַשייד". ער איז דעם זעלבן טאָג אַוועקגעפאָרן קיין באָרגאָ. אויף מאָרגן האָב איך געקראָגן אַן אָרדער, איך זאָל אין משך פון דריי טעג עוואַקוירן די רוסישע גרעניץ, און אַלץ, וואָס ס׳וועט ניט עוואַקוירט זיין, וועלן די רוסן צונעמען. איך האָב אַלזאָ געמוזט פאַראָרדענען, אַז מען זאָל אַלץ עוואַקוירן, מיין פיך און אַלץ, וואָס דאָ איז געווען, קיין לאָוויזאַ.

איך בין געקומען קיין לאָוויזאַ. דער גענערעל איז דאָ ניט געווען. ער איז געווען אין באָרגאָ. איך בין אַריבערגעפאָרן צו אים און האָב געזאָגט: „וואו זאָל איך איצט אָפּליפערן?" ער האָט געזאָגט: „דער פלאָט גייט זיך פונאַנדער אויף פילע ערטער". איך האָב געזאָגט: „זיי האָבן דאָך באַשטעלט אויפן גאַנצן חודש". ער האָט געזאָגט: „איר האָט דאָך ניט געוואָלט מאַכן קיין קאָנטראַקט מיטן קאָמיסאַריאַט, קען איך אייך ניט העלפן. איר קענט מיט אַ ביסל פיך אַריבערגיין קיין העלסינגפאָרס, דאָרט ליגן נאָך עטלעכע שיפן. אויך אין לאָוויזאַ אין לאַזורעט און דאָ אין לאַזאַרעט. די פאַלקן באַקומען מער ניט קיין פלייש". דאָ

האָט ניט געהאָלפן קיין זאָגן, קיין בעטן. איך האָב געהאַט אַ סך פּיך און האָב עס געמוזט פאַרקויפן די בירגערס און די פויערים, איך האָב באַקומען די העלפט, וואָס עס האָט מיר געקאָסט, עס איז געווען זייער אָפּגעפאַלן פון גרויסן מאַרש און ניט פיל באַקומען צו עסן. אַ לאַנקע, וואָס איך האָב פאַר איר געגעבן 50 רייכסטאָלער, פלעגט אין צוויי טעג אַרום ווערן אַזוי הויל, אַזוי ווי ס'וואָלט דערויף קיינמאָל גאָרניט געוואַקסן.

איך האָב געהאַט אַ פאָדערונג צום קאָמיסאַריאַט פון 40 טויזנט רייכסטאָלער. דער קאָמיסאַריאַט איז געווען אין באָרגאַ, איך בין אַהין אַריבערגעפאָרן און האָב אָנגעגעבן מיין רעכענונג. דערביי איז געווען ביי 9 טויזנט טאָלער, וואָס איך האָב געהאַט צו פאָדערן, פון 1788; דאָס איז צו דער זעלבער צייט געווען באַנקאָ. דער קריגס־קאָמיסאַריאַט האָט מיר געוואָלט באַצאָלן אין אָבליגאַציעס, דען זיי האָבן געהאַט אַ קיניגלעכן אָרדער, אַז אַלע, וואָס האָבן פאָדערונגען, סיי אָפיצירן סיי אַנדערע פאָדערונגען, זאָלן אַלע קריגן אַ אָנווייזונג אויף שטאָקהאָלם, דאָרטן זאָלן זיי באַקומען אָבליגאַציעס. אַזעלכע אָבליגאַציעס האָבן פאַרלאָרן לגבי רייכס־געלט 25 פּראָצענט, רייכס־געלט האָט פאַרלאָרן 10 פּראָצענט לגבי באַנקאָ. איך האָב אַלזאָ ניט געוואָלט אָננעמען אַזאַ אָנווייזונג און בין געלעגן אין באָרגאַ צען וואָכן און כסדר אָנגעגעבן בקשות. סוף־כל־סוף האָב איך גאָרניט געפועלט, מען האָט מיך אָפּגעשיקט צום קיניג: נאָר ער קען פאַרגיטיקן, זיי אָבער קענען ניט אַנדערש, זיי מוזן זיך נוהג זיין לויט דעם קיניגלעכן באַפעל. איך האָב אַלזאָ געמוזט אָננעמען די אָנווייזונג פאַר מיינע חובות, איך האָב דערביי פאַרלאָרן אויף דעם געלט עלף טויזנט טאָלער. איך האָב געטראַכט, אַז דער קיניג וועט צו מיר געוויס זיין גנעדיק און וועט מיר דאָס פאַרגיטיקן. איך בין אַלזאָ אָפּגעפאָרן אַהיים קיין שטאָקהאָלם.

איך בין דריי יאָר אַלזאָ געווען אין פינלאַנד. אונטער די גאַנצע ד ר יי י אָ ר בין איך איינמאָל געווען אין דער היים. אָבער וואָס פאַר אַ אומגליק האָב איך געטראָפן ביי מיין אַהיימקומען! מיין איינציקע געליבטע טאָכטער, וועלכע איך האָב

הערצלעך געליבט, וועלכע איז מיר געווען איינגעבאַקן אין האַרצן, וואָס איך האָב זיך געפּרייט מיט איר צו זען, איז מיט אייניקע טעג פאַרדעם געשטאָרבן. איך האָב זיך געקענט נים טרייסטן. איצט האָב איך געהאַט אין מיין שטוב מיין שנור אַן אלמנה, אַ יונג מענטש פון 18 יאָר, מיין איידעם מיט זיין בת־יחידה, איז געווען 5 יאָר אַלט. מיין טאָכטער איז געווען פאַרהייראַט 8 יאָר, זי איז אַלט געווען 23 יאָר, ווען זי איז געשטאָרבן. מיין שנור האָט ניט געוואָלט אַהיים צו איר פאָטער, מיין ברודער. איך האָב צו איר געזאָגט, אַזוי ווי זי איז שוין דאָס דריטע יאָר געווען אַן אלמנה און האָט אַרויסגענומען אייניקע הונדערט טאָלער פון קאַפּיטאַל פאַר אירע באַדערפעניש, צו קליידן זיך, האָב איך איר געזאָגט, אַז זי האָט ביי מיר פרייע קעסט און וואוינונג. אָבער זי האָט דאָך אונטער דער צייט געברויכט ביי דריי הונדערט רייכסטאָלער, ביי איר פאָטער וואָלט זי דאָס ניט דאַרפן אויסגעבן, אָבער זי האָט געהאַט אַ שטיפמוטער, איז זי געווען צו שלעכט צו אירע שטיפקינדער. זי האָט געזאָגט: „ליבער פעטער, איידער איך זאָל פאָרן אַהיים, וועל איך זיך ליבער אַריינוואַרפן אין וואַסער". איך האָב מיינע ברודערקינדער אַזוי ליב געהאַט ווי מיינע אייגענע, און אַזוי ווי איך האָב איצט מער קיין אייגענע קינדער ניט געהאַט, בלויז דאָס איינע אייניקל, האָב איך געזאָגט: „אויב דיר איז אַזוי געפעליק, מיין טאָכטער, דאַן בלייב אין גאָטס נאָמען ביי מיר. איך זע אָבער ניט, אַז דו זאָלסט דאָ קענען חתונה האָבן, דאָ געפינט זיך ניט קיין מאַן פאַר דיר". זי האָט זיך צעוויינט: „ליבער פעטער, פאַרשטויס מיך ניט, איך וויל קיינמאָל מער ניט חתונה האָבן". דאָס אַלץ האָב איך אָנגעשריבן מיין ברודער.

אַ יאָר כּמעט נאָך מיין טאָכטערס טויט האָט מיין איידעם צו מיר געזאָגט, צי מיין שנור האָט ניט בדעה חתונה צו האָבן, זי וועט דאָך אַזוי ניט זיצן בלייבן. איך האָב זייער גוט געקענט מערקן, וואָס ער האָט דערמיט געמיינט. איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב ניט געוואוסט, צי ער האָט דערצו לוסט, זי איז געווען אָנזענלעך. ער האָט דאָס ניט געלייקנט. איך האָב

דאָס איר געזאָגט, צי זי וויל האָבן מיין איידעם, אָבער זי האָט מיר געגעבן אַ העסלעכן אָפּזאָג, וואָס האָט מיך פֿאַרדראָסן, דען ער איז געווען אַן אָנזענלעכער באַשיידענער מאַן. איך האָב געזאָגט צו מיין איידעם, אַז דערפֿון וועט גאָרנישט ווערן. איצט האָב איך געשריבן ערנסט צו מיין ברודער, ער זאָל קומען אַהער און אָפּנעמען זיין טאָכטער. איך האָב אים אָנגעשריבן, אַז זי האָט מיר אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט מיין איידעם, דעריבער וועט זיין דאָס בעסטע, ער זאָל אַהער קומען און זאָל זי אָפּנעמען. ענדלעך האָט דער ברודער מיר געשריבן אַן ענטפֿער, אַז ער וועט קומען, און האָט באַשטימט די צייט, ווען ער וועט אָפּפֿאָרן פֿון דער היים. ער איז געקומען אַהער, ער האָט זייער פֿיל געהאַלטן פֿון מיין איידעם פֿון פֿריער, ווי ער איז נאָך געווען אין שווערין. ער האָט גערעדט מיט זיין טאָכטער און האָט איר פֿאָרגעשטעלט, אַז זי קען קיין בעסער גליק ניט מאַכן, ווען זי וועט קריגן דעם דאָזיקן מענטשן, ווייל וואָס פֿאַר אַן אומגליק וועט דאָס זיין פֿאַר איר, ווען זי זאָל איצט פֿאָרן קיין שווערין צוריק. איר פֿאָטער האָט זי דאָס ניט געקענט אָפּזאָגן און זיי האָבן זיך צוגעזאָגט. איר פֿאָטער איז דאָ פֿאַרבליבן אַ געוויסע צייט, און זיי האָבן געמאַכט אַ חתונה, און איר פֿאָטער איז אָפּגעפֿאָרן אַהיים

אונזער קיניג איז געווען אין דראָטנינגהאָלם און איך האָב ניט געהאַט די געלעגנהייט צו ריידן מיט אים. איך האָב שוין פֿון לאַנג געהאַט פֿאַרטיק אַ געשריפֿטס צום קיניג, און ווייל איך האָב די גאַנצע צייט ניט געהאַט די געלעגנהייט מיט אים אַליין צו ריידן, בין איך ענדלעך אַרויסגעפֿאָרן קיין דראָטניגהאָלם, און כסדר געלויערט אין גאָרטן, ביז איך האָב אים געטראָפֿן אייבעם אַליין. איך האָב גענומען צו אים ריידן און האָב געבעטן זיין חסד. ער האָט געזאָגט: „וואָס איז אייער באַגער?“ איך האָב געזאָגט: „אייער מאַיעסטעט ווייס, ווי טריי איך האָב געדינט בשעת דער מלחמה און בין באַצאָלט געוואָרן מיט גרויס שאָדן. איך האָב געהאַט שטיין מיין געלט אין קאָמיסאַריאַט פֿון 1788, ווען מיר האָבן נאָך געהאַט באַנקאָ, און איצט האָבן זיי מיר באַצאָלט מיט אָבליגאַציעס. האָב איך דערביי פֿאַרלאָרן די העלפֿט. זיי האָבן ביי מיר באַשטעלט

פריש פלייש פאַרן פלאָט און בשעת איך האָב דאָס שוין אויפ־געשאַפט, האָבן זיי דאָס ניט אָנגענומען און האָבן געזאָגט, אַז עס איז שוין שלום". ער האָט געזאָגט: „אָ, דאָס ווייס איך אַלץ, האָט איר ניט קיין שריפט?" — „אָ, יאָ". איך האָב אים געגעבן די שריפט, איך האָב געזאָגט: „איך האָב ביי די רעטיראַדן צוויי מאָל פאַרלאָרן, האָב זיך קיינמאָל ניט געמאָלדן עטוואָס צו פאַרגיטי־קן". ער האָט געזאָגט: „איר זאָלט זיך אין אייניקע טעג אַרום מעלדן ביים שטאַטסעקרעטאַר אַקעסאָן, וועט איר האָבן אַ תשובה". איך האָב אונטערטעניק געדאַנקט און בין אַוועק מיין וועג.

אין אַכט טעג אַרום בין איך אַוועק צו אַקעסאָנען און האָב געזאָגט, אַז דער קיניג האָט מיר צו אים אָנגעוויזן: „איך האָב אַ שריפט אָנגעגעבן און פון זיי דאַרף איך האָבן באַשייד". ער האָט געזאָגט: „איך ווייס ניט פון קיין שריפט, דער קיניג האָט מיר אויך גאָרניט געזאָגט, איר קענט אין פערצן טעג אַרום אַהער קומען, איך וועל ריידן מיטן קיניג". דער דאָזיקער שטאַטסעק־רעטאַר איז ניט געווען מיין פריינד. אין פערצן טעג אַרום בין איך ווידער צו אים געקומען. ער האָט געזאָגט: „איך האָב אייער שריפט באַקומען, איך קען נאָך אייך קיין תשובה ניט געבן, עס גייט ניט אַזוי געשווינט, דאָס מוז נאָך קומען פאַר דעם קאָנסעליי". איך האָב געפרעגט, ווען זאָל איך ווידער קומען. ער האָט גע־זאָגט, אַז ער קען ניט וויסן, ווען דאָס וועט פאָרקומען פאַר דעם קאָנסעלי. אין פערצן טעג אַרום בין איך ווידער געקומען צו אַקע־סאָנען, איך האָב באַקומען די זעלבע תשובה. איך האָב געהערט דורך אַנדערע גוטע פריינד, אַז מיין שריפט איז געווען פאַרן קאָנ־סעלי, און די מייסטע האָבן געזאָגט, אַז מען מוז מיר פאַרגיטיקן, אָבער אייניקע, וואָס מען האָט מיר ניט געוואָלט אויסזאָגן, ווער איז עס געווען, האָבן געזאָגט, אַז בנוגע דעם פלייש איז עס גע־ווען מיין אייגענע שולד. זיי האָבן זיך ערקונדיקט ביים קאָמי־סאַריאַט, אַז איך האָב ניט געוואָלט מאַכן קיין קאָנטראַקט. מען קען אפשר פאַרגיטיקן צוויי טויזנט טאָלער אויף די אָבליגאַציעס, און אייניער האָט געזאָגט, אַז איך קען דעם שאָדן נאָך פאַרטראָ־גן, נישקשה — איך האָב אַזוי פיל פאַרדינט. אָבער קיין שריפט־

לעכע תשובה האָב איך ניט באַקומען. איך בין אַוועק צו מיין אַד־וואָקאַט און האָב ווידער געלאָזט מאַכן אַ שריפט, ניט באַקומען קיין תשובה. איך האָב זיך געטרייסט ווידער צו געפינען אַ גע־לעגנהייט צו ריידן מיטן קיניג אַליין.

אונטער דער דאָזיקער צייט האָט גראַף מונק געשיקט צו מיר, איך זאָל צו אים קומען. איך האָב געזאָגט, אַז עס איז מיר ניט מעגלעך צו קומען צו אים היינט, איך האָב מיט אים מער ניט געוואָלט האָבן צו טאָן, ווייל ער האָט מיר דאַמאָלסט מיט די ברילאַנטן אַ שאָדן געטאָן צום ווייניקסטן אויף 10 טויזנט רייכס־טאָלער. דערצו איז ער שוין מער ניט געווען חשוב ביים קיניג און איז געווען אין אומגנאָד. אין אייניקע טעג אַרום האָט ער ווידער געשיקט, אַז איך זאָל צו אים קומען, איך בין גראָד ניט געווען אין דער היים. מיין איידעם האָט געזאָגט, אַז ווען איך וועל קומען אַהיים, וועל איך גיין. ווען איך בין געקומען אַהיים, האָט מיר מיין איידעם געזאָגט, אַז איך זאָל דאָך צו אים גיין. איך האָב ניט געוואָלט און געזאָגט, אַז ער זאָל גיין. ער איז אַוועקגעגאַנגען צו אים, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז איך מוז צו אים קומען. איך האָב מיך געלאָזט איבעררריידן און בין אַוועקגעגאַנגען צו אים. ער האָט צו מיר געזאָגט: „איך באַדויער אייך, איר האָט פיל שאָדן געליטן און האָט ניט באַקומען קיין פּאַרגיטיקונג, ווער עס דינט ערלעך טריי, דער ווערט ניט באַ־צאָלט, אַזוי גייט עס מיר אויך. איך וויל אייך גיבען אַ פּאַר־דינסט. איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב מיינע גיטער אין פינלאַנד, און מיין געלט, וואָס איך באַקום פון דאָרט, דאָס זיינען פּאַנע־היעלמס־צעטלען, דאָ קען איך פון זיי ניט פּטור ווערן אָן היזק. איך האָב 30 טויזנט טאָלער פּאַנעהיעלמער, וואָס דאַרף איך פּאַר־לירן לגבי רייכסגעלט, וויפיל פּראָצענט?" איך האָב אים געזאָגט: „דעם זומער האָבן זיי פּאַרלאָרן 15 פּראָצענט, אָבער איצט איז ווינטער, קומען ניט אַהער קיין פינען, וועלכע האָבן וואָס צו פּאַר־קויפן, אַז זיי זאָלן אָננעמען דאָ רייכסגעלט און בייטן אויף פּאַ־נעהיעלמער. ווען זיי וועלן אָבער ליגן ביזן זומער, דאַן ווייס מען ניט, צי זיי וועלן ניט ווערן נאָך ערגער, דאָס איז אַן אַזאַרט. דערצו האָב איך ניט אַזויפיל רייכסגעלט, דאָך האָב איך אפשר

20 טויזנט רייכסטאָלער רייכסגעלט, דאָס איבעריקע אין אָבליגאַציעס, קען איך אייך זיי געבן מיט אָנווער קעגן רייכסגעלט 20 פּראָצענט". ער האָט געזאָגט, אַז דערמיט וואָלט ער זיין צופרידן, אָבער אויף די פאַנעהיעלמער קען ער מער ניט פאַרלירן ווי 15 פּראָצענט. איך האָב געזאָגט, אַז איך קען אויף דעם ניט איינגיין, זאָל ער זיך ערקונדיקן אויף דער בערזע, וואָס מ'דאַרף פאַרלירן. ער האָט געזאָגט: „איך וויל ניט, אַז עמעצער זאָל וויסן, אַז איך בייט זיי אום, איך וויל ניט האָבן אַ שם פאַר אַ האַנדלסמאַן, דערום וויל איך מיט אייך האַנדלען און איר זאָלט מאַכן אַ שווייג דערפון, איך וועל אייך טויטשלאָגן, ווען איר וועט אויסזאָגן, אַז איר האָט פאַר מיר געביטן פאַנעהיעלמער".

מיר זיינען אָבער ניט דורכגעקומען, עס איז גאָרנישט געוואָרן פון דעם האַנדל, איך בין אַוועק אַהיים. מיר האָבן זיך וועגן דעם מיישב געווען, אַז מיר וועלן קענען דערביי עטוואָס פאַרדינען, אויב מיר וועלן זיי באַקומען מיט 18 פּראָצענט אָנווער און דערמיט פאָרן קיין פילאַנד און דאָרט זיי אויסבייטן אויף די אָבליגאַציעס, וועלכע פאַרלירן 25 פּראָצענט קעגן רייכסגעלט און 15 פּראָצענט קעגן רייכסגעלט די פאַנעהיעלמער. מיר האָבן שוין פאַרדעם זיך באַדאַכט צו פאָרן קיין לייפּציג; עס איז אַלזאָ געבליבן ביי אונזער באַשלוס, אַז ווייניקער ווי 18 פּראָצענט קענען מיר ניט, אויב מיר ווילן עטוואָס פאַרדינען און זיך מאַטערן דעם ווינטער צו פאָרן קיין פינלאַנד.

אין אייניקע טעג אַרום האָט ער ווידער געשיקט צו מיר און האָט מיר געבאָטן 16 פּראָצענט אָנווער. איך האָב ניט געוואָלט. ענדלעך האָט ער מיר געבאָטן 17 פּראָצענט. איך האָב געזאָגט: „איך קען דאָס אַליין ניט באַשליסן, איר ווייסט, אַז מיין איידעם איז מיט מיר אין שותפות. איך וועל זיך מיט אים איבערלייגן, וועט איר האָבן אַ תשובה". איך בין אַוועקגעגאַנגען אַהיים און האָב גערעדט מיט מיין איידעם; מיר האָבן געזאָגט, מסתמא קען ער זיי בעסער ניט אויסברענגען אין דער גאַנצער שטאָט, מיר האָבן ווייניקער ניט געוואָלט נעמען, איין פּראָצענט אויף דער סומע האָט אויסגעמאַכט דרייהונדערט רייכסטאָלער. מיר האָבן אַלזאָ געשיקט

דורך אונזער באַדינער אַ בילעט פאַרחתמעט, אַז מיר קענען ווייניקער ניט נעמען ווי 18 פראָצענט אָנווער.

דער האַנדל האָט געדויערט אפשר 14 טעג. ענדלעך זיינען מיר מושווה געוואָרן, ער האָט אונז באַשטעלט אויף אַן אָוונט. מיר זיינען צו אים געקומען, איך האָב געהאַט ביי זיך געלט צו דער סומע. ער האָט געזאָגט: „איך האָב מיט אייך נעכטן געשלאָסן אויף 30 טויזנט רייכסטאָלער. אָבער איך האָב שוין דריי טויזנט טאָלער אויסגעביטן ביים סוחר עקהאָלם צו 17 פראָצענט אָנווער" — און האָט מיר געוויזן זיין וועקסל אויף אַ חודש קרעדיט. איך האָב געזאָגט, אַז פאַר מיר וואָלט זיין גוט, ווען ער וואָלט אַ ילו מער אויסגעביטן. עס זיינען געווען לויטער 2-טאָלער-צעטלען. מיר האָבן אָנגעשטאָפּט פול אַלע אונזערע קעשענעס, אַ שנופּטוך פול אונטערן פעלץ. ער האָט אונז נאָכאַמאָל פאַרבאָטן, מיר זאָלן ניט זאָגן, אַז מיר האָבן מיט אים געוועקסלט. איך האָב געמאַכט הכנות צו פאָרן קיין אַבאָ. איך האָב מיטגענומען איינעם פון מיינע באַדינער, האָב אויך מיטגענומען 500 שטיק דוקאַטן, ווייל אין פינלאַנד באַקומט מען מיט אייניקע שילינג מער ווי דאָ. מיין באַדינער האָט אויך מיטגענומען פאַר אייניקע טויזנט רייכסטאָלער גאַלאַנטעריי-סחורה.

מיר זיינען אַלזאָ אָפּגעפאָרן קיין אַבאָ. איך האָב דאָרט געהאַט אייניקע באַקאַנטע, אַ גאָלדשמיד, וואָס האָט שטענדיק באַקומען פון מיר דוקאַטן, אויך אַ גאַרבער, וואָס האָט אין קריגסצייט געקויפט ביי מיר רינדלעדער. איך האָב אויך געהאַט אַ קריגס-קאָמיסאַריוס, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט ביי דעם קריגס-קאָמיסאַריאַט. איך בין אַוועק צו דעם גאָלדשמיד און געזאָגט, צי דאַרף ער דוקאַטן. ער האָט מיר אויסגעביטן אַ מאה שטיק. איך האָב געזאָגט, צי ער וואָלט ביי מיר בייטן פאַנעהיעלמער מיט אָנווער. מיר זיינען מושווה געוואָרן מיט אייניקע הונדערט רייכס-טאָלער. איך האָב פון אים באַקומען רייכסגעלט. איך בין אַוועק צום גאַרבער, האָט אויסגעביטן ביי מיר פאַר 1400 רייכסטאָלער פאַנעהיעלמער. אויך דער קריגס-קאָמיסאַריוס האָט אויך אויס-געביטן פאַר 1500 רייכסטאָלער, האָב פון אים באַקומען אַ ביסל באַנקאָ און אָבליגאַציעס און רייכסגעלט. איך האָב געשיקט מיין

באַדינטן אַ פּאָר מייל פון אַבאַ אין צוויי קליינע שטעט, וואו עס האָבן געוואוינט פיל לייט, וועלכע פלעגן שטענדיק קומען קיין שטאָק־האָלם מיט האָלץ. ער האָט היבש אויסגעביטן און איז ווידער געקומען אַהיים.

בשעת ער איז נאָך געווען אין וועג, איז צו מיר געקומען דער גאָלדשמיד און האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך אייניקע הונדערט רייכסטאָלער, וועלכע ער וואָלט אומבייטן. איך בין צו אים אַוועק, בין מיט אים דורכגעקומען און אים צוגעציילט די פּאַנעהיעלמער. ער האָט געזאָגט: „האָט איר ניט קיין קליינע צעטלען, זיי זיי־נען אַצונד דאָ קנאַפּ פאַרהאַן; פריער זיינען די צוויי־רייכסטאָלער־צעטלען אַזוי ראַר געווען און איצט זעט מען ניט קיין אַנדערע ווי נאָר צוויי־רייכסטאָלער־צעטלען. עס געשעט דאָ אַזוי פיל פאַלש־קייט, מען האָט שוין אייניקע מענטשן אַפילו אַריינגעזעצט, וואָס האָבן געמאַכט פאַלשע צעטלען צו 12 שילינג, צו 2 רייכס־טאָלער, מען קען זיך ניט גענוג איינהיטן. דערצו קומט מיר „פּאָר אַזוי פאַרדעכטיק, וואָס מען זעט ניט קיין אַנדערע צעטלען, ווי נאָר צוויי־רייכסטאָלער־צעטלען". איך האָב געזאָגט: „דאָ קען קיין פאַלשקייט ניט געשען, זיי זיינען דאָ אַלע געדרוקט ביי דעם היגן בוכדרוקער. מען קען זיך דאָך ערקונדיקן ביי דעם בוכדרוקער."

איך האָב שוין געהאַט אויסגעביטן איבער 17 000 רייכס־טאָלער. איך האָב שוין אויך געהאַט אַוועקגעשיקט אַהיים צו מיין איידעם 6 טויזנט רייכסטאָלער אָבליגאַציעס. דאָ איז געווען נאָך עטוואָס איינצוואָרדענען און איך האָב געטראַכט צו פאָרן קיין לייפּ־ציג. אין אייניקע טעג אַרום, ווי איך בין געווען ביי באָרגשטרעם אַזוי האָט געהייסן דער גאָלדשמיד, זיינען אין מיין קוואַרטיר גע־קומען 3 מאַן שטאָטסוואַך, איין אונטעראָפיציר און זייער אַ גרויסער המון. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן און האָבן פאַרחתמעט מיין קו־פערט און האָבן מיך אַרויסגעשלעפּט פון מיין קאַמער און זי פאַר־חתמעט און איך האָב געמוזט מיטגיין אַלס געפאַנגענער אין דער קאַנצעלאַריע. דאָס גאַנצע שטאָט איז געווען אין באַוועגונג. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז מיין באַדינער האָט מסתמא פאַרקויפט אין שטאָט עטלעכע פּיעסן, און האָט זיך ניט געמאָלדן אין קאַנ־

צעלאַריע מיט זיין פאַס , האָט מען דאָס מיך צוגענומען ·

איך בין אַריינגעקומען אין דער שלאָס=קאַנצעלאַריע ; זי איז פול געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן · דער גאָלדשמיד איז דאָ געשטאַנען, דער לאַנדסעקרעטאַר און נאָטאַרוס איז געזעסן · דער דאָזיקער גאָלדשמיד האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב מיט אים ניט געביטן, און וואָס האָבן מיר צוזאַמען געביטן · איך האָב געזאָגט : „אָט האָב איך מיין טאַשנבוך״ · איך האָב פאָרגעלייענט, וואָס ער האָט באַקומען אין דוקאַטן און אין פאַנעהיעלמער · ער האָט אויך געהאַט זיין חשבון אַנטקעגן און האָט געזאָגט, אַז דאָס איז ריכטיק : „האָט איר ניט געזאָגט, אַז איך קען זיך איבערצייגן ביי דעם היגן בוכדרוקער, אַז די דאָזיקע צעטלען זיינען אמתע, קיין אַנדערע צעטלען ווערן ניט געדרוקט, ווי נאָר דאָ״. איך האָב געזאָגט : יאָ. ער האָט געזאָגט : „אָט שטייט דער מאַגיסטער״. אַזאַ טיטל האָט געהאַט דער בוכדרוקער · דער האָט געזאָגט : „אייערע צעטלען זיינען פאַלש״, ער האָט זיי ניט געדרוקט · דערביי איז געשטאַנען נאָך איין סעקרעטאַר, ער האָט געהייסן לונד · ער איז געווען אין שטעמפל=קאַנטאָר אין באָרגאַ, בשעת מען האָט דאָרט געשטעמפלט די אַכט=שילינג=צעטלען. דער דאָזיקער סעקרעטאַר האָט זיי געחתמעט · מען האָט ביי אים געפרעגט, צי דאָס איז זיין אונטערשריפט · ער האָט געזאָגט : „זעט אויס גוט נאָכגעמאַכט, אָבער עס איז פאַלש, אהרן האָט די ערשטע געמאַכט, האָט ער די לעצטע אויך געמאַכט״ ·

וואָס פאַר אַ שרעק איך האָב באַקומען, אַז איך האָב באַקומען אַ אָנמאַכט און בין אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד · ענדלעך האָבן זיי מיך אָפּגעמינטערט און מיך אויפגעהויבן און אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול · דער לאַנדסעקרעטאַר איז געווען זייער אַ בראַווער מענטש ; ער האָט צו מיר געזאָגט : „וואָס זייט איר אַזוי שרעקעוודיק, איר מוזט דאָך וויסן, פון וועמען איר האָט זיי באַקומען״ · ענדלעך האָב איך זיך אויפגעמינטערט און געזאָגט, אַז איך וואָלט דאָס אוודאי זאָגן, אָבער עס זיינען דאָ פאַרהאַן צו פיל מענטשן, דען איך האָב זיי באַקומען פון אַ גרויסן מאַן · אין דער קאַנצעלאַריע זיינען געווען אַלע מענטשן, וועלכע האָבן מיט מיר געוועקסלט·

דער לאַנדסעקרעטאַר האָט זיי אַלעמען געבעטן, זיי זאָלן אָפּטרעטן, אָבער דער פּיסקאַל האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן. ער האָט געזאָגט: „איך בין דער אָנקלאָגער, איך מוז דאָס אויך וויסן", אָבער מען האָט אים אַרויסגעשיקט. עס איז דרינען קיינער ניט געבליבן אַחוץ דער לאַנדסעקרעטאַר און דער נאָטאַריוס און איך. דער לאַנדסעקרעטאַר האָט מיך געפרעגט, פון וועמען איך האָב זיי באַקומען. איך האָב געזאָגט: פון גראַף מונק. האָט ער שטיל געשוויגן און האָט אַ גאַנצע ווײַלע אָנגעקוקט דעם נאָטאַריוס. איך בין געווען אויפמערקזאַם און האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס האָט וואָס צו באַטייטן. צום סוף האָט ער געזאָגט: „ליבער פריינד, איך האָב אײַך קיינמאָל ניט געקענט, אָבער איך האָב פיל וועגן אײַך געהערט זאָגן, אַז איר זײַט געווען בײַ דער אַרמיי און זייער באַשיידן. האָט איר עדות, אַז איר האָט זיי פון אים באַקומען?" — „ניין, דערבײַ איז מער קיינער ניט געווען, אַחוץ איך און מײַן איידעם. איך האָב מיט אים געשלאָסן אויף 30 טויזענט טאָלער און ווען איך בין דעם אַנדערן טאָג צו אים געקומען און האָב געוואָלט דאָס געלט אָפּנעמען, האָט ער נאָר געהאַט זיבן און צוואַנציק טויזנט טאָלער. ער האָט מיר באַוויזן אַ וועקסל פון דעם סוחר עקהאָלם אויף איין חודש פון דעם זעלבן, האָט ער מיט איין פּראָצענט וועלוועלער באַקומען 3,000 רייכסטאָלער, מער ווייס איך גאָרנישט צו איבערצייגן".

דער נאָטאַריוס האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל. ער האָט געזאָגט: „ליבער פריינד, אייער קופערט, וואָס איר האָט, וועל איך הייסן אַרויפטראָגן אַהערצו. איר קענט דערויף אייער שטעמפּל אַוועקלייגן און איר באַקומט אין אייער קוואַרטיר הויז־אַרעסט מיט סאָלדאַטן". מען האָט אַרײַנגערופן דעם פּיסקאַל, דער לאַנדסעקרעטאַר האָט אים געזאָגט, ער זאָל מײַנע זאַכן אַרויפנעמען און געבן מיר דורך די סאָלדאַטן הויז־אַרעסט. דער פּיסקאַל האָט געזאָגט, אַז איך באַקום ניט קיין הויז־אַרעסט; די געזעצן זאָגן, אַז ווען מען געפינט איינעם מיט פאַלש געלט, דאַן זאָל מען אים שמידן אין אײַזן און גוט באַוואָרענען, דעריבער מוז איך אַוועקגעפירט ווערן דאָ אונטן אין קאַנצעלאַריע אין קעלער. דער לאַנדסעקרע־

טאַר האָט געזאָגט, ער זאָל ניט אַזוי האַנדלען: „דער מאַן איז ניט קיין גנב". ער האָט אָבער געזאָגט: „איך בין זיך נוהג נאָך אונזער „Lag". דאַן האָט דער לאַנדסעקרעטאַר געזאָגט: „גייט אַריין און קומט דורך". דאָ איז געווען אַן אַפּאַרטע קאַמער אין דער קאַנצעלאַריע. ווי מיר זיינען אַריינגעקומען, איך האָב געהאַט אין קעשענע דוקאַטן, איך האָב זיי אַ כאַפּ געטאָן, אָנגענומען אַ פולן הויפן און אַריינגערוקט אים אין דער האַנט אַריין. ער האָט זיי ניט געציילט און איך האָב זיי אויך ניט געציילט. ער האָט געדאַנקט, אַ דריק געטאָן די האַנט און געזאָגט: „איך בין אייער פריינד". מיר זיינען ווידער אַריינגעגאַנגען. דער לאַנדסעקרעטאַר האָט געפרעגט, צי מיר זיינען דורכגעקומען. דער פיסקאַל האָט געזאָגט: „איך וועל גיין מיט אים אויף זיין קוואַרטיר, וויפיל מאַן סאָלדאַטן וואַך זאָל איך נעמען?" דער לאַנדסעקרעטאַר האָט געזאָגט: „עס איז גענוג צוויי מאַן". דער פיסקאַל האָט געזאָגט: „מען קען ניט וויסן, עס איז מעגלעך, אַז דער המון זאָל אים באַפאַלן, מיר וועלן בעסער נעמען 4—2 פאַרן טויער און 2 פאַר דער טיר". און אַזוי זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען, און הינטער אונז אַזאַ גרויסער המון. ווען מיר זיינען געקומען צו מיין קוואַרטיר, האָבן זיי אַלע זיך געוואָלט אַהין אַריינרייסן. דער פיסקאַל האָט געמוזט ברענגען נאָך צוויי מאַן וואַך. איך בין געווען קראַנק, האָב זיך געלייגט אין בעט.

עס איז צו מיר אַריינגעקומען אַ גוטער פריינד מיינער, אַ קאַפּיטאַן, האָט באַקלאָגט מיינע אומשטענדן. ער האָט צו מיר געזאָגט: „ליבער אהרן, איר קענט זיך אויף מיר אָנפאַרטרויען, אויף מיין זעלע און זעליקייט. עס קען מעגלעך זיין, איך זאָל אייך העלפן, זאָגט מיר בלויז די וואָרהייט, וואו האָט איר זיי באַקומען". איך בין געווען איבערצייגט אין דעם מאַנס אָרנטלעכקייט און האָב אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. ער האָט געזאָגט: „דאָס איז גוט, מונק איז מיינער זייער אַ גוטער פריינד, איך וועל אים גלייך שיקן אַ שליח, אַז ער זאָל שרייבן אַהערצו, מען זאָל אייך אַרויסלאָזן. ער וועט ניט לייקענען. איר קענט שרייבן אַ בריוו צו אייער איידעם, און האָט ניט קיין עגמת-נפש, עס וועט אַלץ זיין גוט. איך בין געקומען צו אייער גליק."

איך האָב גלייך אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין איידעם, דער קאַפּיטאַן האָט גלייך אַוועקגעשיקט אַ שליח קיין שטאָקהאָלם. איך האָב אָבער געהאַט אַזאַ איבערגעלאַף, אַז די סאָלדאַטן האָבן געהאַט געגנוג צו טאָן אָפּצוווערן דאָס פֿאָלק. וועגן דעם האָט מען מודיע געווען דעם בירגערמייסטער; דאָס איז געווען אַ בראַווער מאַן. ער האָט באַפֿוילן, מען זאָל מיר אין ראָטהויז געבן אַ גוט "רום". מיין בעל-הבית, וואו איך האָב געוואוינט, האָט מיר אַרויפגעשיקט אַ גוט בעט, איך בין אָבער געווען אַזוי קראַנק און האָב אין דריי טעג גאָרניט געגעסן, און דער פיסקאַל האָט געוואָלט האָבן, אויך מיין באַדינער, איך זאָל שיקן נאָך אַ דאָקטאָר. איך האָב אָבער דאָס ניט געוואָלט, איך האָב מורא געהאַט, אַז זיי ווילן דורכמאַכן מיטן דאָקטאָר, ער זאָל מיר וואָס איינגעבן צום שטאַרבן. דער בירגערמייסטער און די ראָטהערן זיינען אַלע געקומען צו מיר און האָבן מיך צוגערעדט, אָבער איך האָב גאָרניט געוואָלט וויסן פון אַ דאָקטאָר. עס איז צו מיר איינער אַריינגעקומען און האָט גערעדט דייטש, ער האָט מיך געקענט און האָט מיך גערופן ביי מיין נאָמען: "דערקענט איר מיך ניט? איר זייט געקומען קיין שטאָקהאָלם, פונקט דאַן, ווען איך בין אַהין געקומען. איך בין געווען ביים כירורגיוס לעמאַן און בין זייער אָפט געווען ביי אייך". איך האָב אים דערקענט. ער האָט געזאָגט: "איצט בין איך דאָ אַ פֿאָלק-פעלדשער. איך וועל אייך וואָס פאַרשרייבן, ווען איר וועט עס ניט ברויכן, דאַן קענט איר באַקומען אַ געפערלעכע קראַנקהייט און שטאַרבן". איך האָב געזאָגט, אַז דאָס איז דאָך אַלץ איינס, צי מען שטאַרבט פון דער מעדיצין אָדער פון דער קראַנקהייט. ער האָט אָבער געזאָגט: "גלייבט איר דען, אַז מען וויל אייך פאַרסמען, דאָס וואָלט איך קיינמאָל ניט גלייבן, איר זאָלט מיך האַלטן פאַר אַזאַ נידערטרעכטיקן מענטשן, איך וועל אַליין דערפון איינבעמען". ער האָט מיר פאַרשריבן, און האָט דאָס מיר געבראַכט און האָט אַליין דערפון גענומען. דער מענטש האָט מיך געטאָן פיל גוטס, ער האָט מיר געהאָלפן צו ווערן געזונט. איך האָב געהאַט פיל גוטע פריינד, וואָס פלעגן מיך באַזוכן און טרייסטן.

גראַף מונק האָט באַקומען דעם שליח און צוגלייך דעם בריוו פאַר מיין איידעם, האָט געלאָזט רופן מיין איידעם און אים געגעבן דעם בריוו און געזאָגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק, וואָס ער איז געפאָרן קיין אַבאָ, אָבער איר וועט דאָך זען, אַז איך בין אָרנטלעך. איך וועל אייער שווער באַפרייען". ער איז אַוועק צום גענעראַל קלינגשפאָרן, דער איז געווען גובערנאַטאָר פון פינלאַנד, און האָט זיך פאַר אים מודה געווען, אַז ער האָט מיר פאַרוועקסלט די פאַנעהיעלמער, ער זאָל זיין אַזוי גוט און שרייבן צום מאַגיסטראַט קיין אַבאָ, זיי זאָלן מיך ניט באַליידיקן, אַז איך בין אַן אָרנטלעכער מאַן. דער בירגערמייסטער האָט באַקומען דעם בריוו, ער אַליין, דער בירגערמייסטער, איז צו מיר אַרויפגעקומען און האָט מיך געפרעגט, צי ער האָט מיך באַליידיקט. איך האָב געזאָגט: „איר האָט מיר אַרויסגעוויזן פיל גוטס" דאַן האָט ער מיר פאָרגעלייענט אַ בריוו פון גענעראַל קלינגשפאָרן, זיי זאָלן מיך ניט שטרענג האַלטן, זיי זאָלן מיר געבן מיין באַקוועמלעכקייט. איך בין אַן ערלעכער מאַן און עס וועט זיך סוף-כל-סוף אַלץ אַרויסווייזן. און דער בירגערמייסטער האָט געזאָגט: „איך האָב שוין אייך נעכטן געזאָגט, אַז אויב איר ווילט אַרויסגיין, דאַן קענט איר אַ סאָלדאַט מיט זיך נעמען; מיר ווייסן שוין אַ סך". ווייל דער גראַף האָט שוין געשיקט 6000 רייכסטאַלער אין דער שלאָסקאַנצעלאַריע, אַזעלכע פאַנעהיעלמער, זיי זאָלן אים אויסבייטן אויף רייכסגעלט מיט אָנווער. אָבער דער בירגערמייסטער האָט דאָס מיר ניט געזאָגט.

אַ סוחר פון לאָוויזאַ איז געקומען קיין אַבאָ צו אַ סוחר, איינעם פון די גרעסטע סוחרים. ער איז געווען אַ ראַטהער, האָט געהייסן טראַפּ. יענער האָט געוואָלט קויפן סחורה ביי דעם טראַפּ און איז געווען איבער נאַכט ביי דעם טראַפּ. טראַפּ האָט אים דערציילט, אַז זיי האָבן דאָ מיך אַרעסטירט, איך האָב דאָ פיל פאַנעהיעלמער-צעטלען געביטן און זיי זיינען אַלע פאַלשע — . איך מוז אויך מעלדן, אַז נאָכדעם ווי דער פיסקאַל האָט געבראַכט דעם לאַנדסעקרעטער מיין קופערט, האָט דער לאַנדסעקרעטאַר געזאָגט: „איך קען דעם דאָזיקן פראָצעס ניט אָננעמען, איך מוז

מאָרגן אָפּפאָרן צוליב ענינים פון דער קרוין און וועל קומען אַהיים ערשט אין 14 טעג אַרום. נעמט דעם קופערט אין דעם „קעמנערעכט" און מאָרגן וועל איך דעם פּראָטאָקאָל אויך צושי־קן אַהין". אַלזאָ ווען איך בין געזונט געוואָרן, האָב איך אַלע טאָג געמוזט פאָרן „קעמנערסרעכט". האָבן אַזוי־אַרום אַלע מענטשן גע־וואוסט, וואָס איך האָב אויסגעזאָגט אין שלאָסקאַנצעלאַריע. — דער ראָטהער טראָפּ האָט אים אַלץ דערציילט, וואָס איך האָב אויסגעזאָגט. דאַן האָט דער לאָוויזער סוחר געזאָגט: „איך האָב איירנעכטן געוועקסלט ביים סוחר ענאָניוס 300 טאָלער פּאַנע־היעלמער, ער האָט אויף פּאָסט באַקומען אַ גרויסן פּאַקעט מיט פּאַנעהיעלמער, זיי מוזן אויך זיין אַזעלכע פאַלשע". טראָפּ האָט געזאָגט: „לאָמיך זיי אָנקוקן". זיינען זיי טאַקע געווען דיזעלבע. טראָפּ איז אַרויסגעגאַנגען צו מיר און האָט דאָס מיר דערציילט. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע נחמה.

עס איז געווען אַן אַפּטייקער פון סט.־מיכעל, ער איז גע־קומען קיין אַבאָ, ווי איך בין אַרעסטירט געוואָרן. און אַז איך בין שוין פיר וואָכן געווען אַרעסטירט, איז דער אַפּטייקער ווידער געקומען קיין אַבאָ און האָט דערציילט, אַז עס איז געקומען אַן אָפיציר — אַ פענריך — און האָט אים געפרעגט, צי ער וואָלט ניט אויסגעביטן פּאַנעהיעלמער אויף רייכסגעלט. ער האָט געזאָגט: „יאָ, דאָס קען איך געברויכן, וויפיל פּאַנעהיעלמער האָט איר?" — ער האָט געזאָגט: „איך האָב פאַר דרייסיק טויזנט רייכסטאָלער". ער האָט געזאָגט: „ברענגט אַריין אייער קופערט, מיר וועלן זען דורכצוקומען". דער אַפּטייקער האָט אים געבעטן, ער זאָל עפענען דעם קופערט, ער האָט געוואָלט אים אויסבייטן פאַר אייניקע טויזנט רייכסטאָלער, און אַז ער האָט זיי באַקוקט, זיינען זיי אַלע דאָסגלייכן געווען פאַלשע. עס איז געווען נאָר איין קליינער סימן, וואָס אָן דעם האָט מען זיי געקענט דערקענען. דער אַפּטייקער האָט געזאָגט: „מיין פריינד, די דאָזיקע צעטלען זיינען אַלע פאַלש, איך קען זיי אייך ניט לאָזן, איך מוז זיי פאַרהאַלטן, דאָ אין אַבאָ זיצט פעסט אַ ייד, וועלכער האָט אויך אויסגעביטן פּונקט אַזעלכע פאַלשע צעטלען. דאָך, ווען איר וועט מיר זאָגן דעם אמת, פון

וואַנען איר האָט זיי באַקומען, וועל איך אייך ניט מאַכן אומגליקלעך". יענער האָט תיכף געזאָגט, אַז ער האָט זיי באַקומען אין קאָמיסיאָן פון גראַף מונק, זיי אויסצובייטן. דער אַפטייקער האָט געזאָגט: „איך וועל אייך ניט מאַכן אומגליקלעך, אָבער מאַכט זיך אַליין ניט אומגליקלעך און בייט אויס אַזעלכע פאַלשע געלטער". ער האָט געזאָגט: „איך וועל אַפילו איינעם ניט אויסבייטן, און גלייך זיי אַוועקפירן קיין שטאָקהאָלם און אָפּגעבן זיי צוריק מונקן". דאָס האָט דערציילט דער אַפטייקער און איך האָב דאָס גלייך געקראָגן צו וויסן. דאָס איז מיר שטאַרק צו הילף געקומען צו מיין באַווייז. מיין איידעם אָבער, וועלכער האָט אין שטאָקהאָלם דערפון גאָרניט געוואוסט, האָט אַלזאָ גערעכֿנט, אַז מונק וועט דאָס לייקענען. דערצו נאָך בין איך אין פינלאַנד, וואו גראַף מונק איז געבאָרן און האָט דאָ געהאַט אַלע זיינע פריינד. אויך דער אַמטסהויפטמאַן איז געווען זיין משפחה. אָבער ער איז ניט געווען אין דער היים, ווייל אין געפלע איז געווען דער רייכסטאַג. איז מיין איידעם אַוועקגעפאָרן קיין געפלע, כדי צו ריידן מיטן קיניג פון מיינטוועגן. ער האָט גערעדט מיטן קיניג און האָט אים פאָרגעשטעלט מיין אומגליק. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז איך קען קיין מענטשן ניט אין אַבאָ און איך געפין זיך אין שטאַרקן אַרעסט. דער קיניג האָט אים געטרייסט און געזאָגט: „איך וועל שיקן קיין אַבאָ, פאָרט איר נאָר אַהיים".

עס איז געווען זייער אַ האַרטער ווינטער, אַזוי אַז מען האָט ניט געקענט פאָרן מיטן געוויינטלעכן וועג קיין אַבאָ, וואָס מען מוז פאָרן איבער פילע זעען, נאָר מען האָט געמוזט פאָרן אַרום דעם גאַנצן צפון, דאָס איז ביי דריי הונדערט מייל. פון געפלע האָט דער קיניג געשיקט קיין אַבאָ אַ פאָלקאָווניק יעגערהאָרן און אַ „ג ע וו אַ ל ד י ק ע ר" און דעם יוסטיץ-קאַנצלער יעאָריוס, זיי זאָלן זיין אַ קאָמיסיע, מיך צו נעמען צום פאַרהער. דריי וואָכן זיינען זיי געווען אויפן וועג פון געפלע קיין אַבאָ; כמעט אַלע טאָג האָט מען מיך געפאָדערט אין „קעמנערסרעכט", און מיך כסדר עקזאַמענירט, אָבער אַלץ אומבאַדייטנד, וועמען איך האָב אויסגעביטן און וואָס איך האָב דערפאַר באַקומען. אָבער

די הויפטזאַך איז געווען, אַז ווי איך האָב געזאָגט אין קאַנצעלאַ־ריע, אַזוי האָב איך ניט אַנדערש געקענט זאָגן אויך פאַר דעם „קעמנערסרעכט”. די צוויי שטעט, וואוהין איך האָב געשיקט מיין באַדינער, וואו ער האָט אויסגעביטן אייניקע טויזנט רייכסטאָלער, זיינען אויך אַהער געקומען און האָבן זיך באַקלאָגט, זיי האָבן געוואָלט צוריק זייער געלט. איך האָב געזאָגט, אַז איך לאָז דאָס איבער אויף דעם געריכט, אַזוי ווי זיי וועלן פסקענען, דען געלט האָב איך געהאַט אין מיין קופערט.

אין אַן אָוונט, ווען איך בין געזעסן אין מיין וואַכשטוב, איז צו מיר אַריינגעקומען „געוואַלדיגער” דיקמאַן פון שטאָקהאָלם און האָט מיר געזאָגט, איך זאָל מאָרגן צען אַ זייגער קומען צום פּאָלקאָווניק יעגערהאָרן. דער קיניג האָט אים געשיקט פון געפּלע אַהערצו; ער האָט מיר דערציילט פון מיין איידעם, אַז ער איז געווען ביי דעם קיניג און דער קיניג איז געווען זייער גנעדיק און מיט אים גערעדט. אויף מאָרגן איז אַלזאָ געקומען דער „גע־וואַלדיגער” און האָט מיך גענומען. איך בין צו אים אַריינגעקומען; איז דאָ געזעסן דער דאָזיקער פּאָלקאָווניק מיט דעם יוסטיץ־קאַנצ־לער יעאָריוס, וועלכן איך האָב ניט געקענט. דער פּאָלקאָווניק האָט צו מיר געזאָגט: „הייסט איר אהרן איזאַק?” — „יאָ”, האָב איך געזאָגט. ער האָט געזאָגט: „איך האָב צו אייך אַ גרוס פון גוסטאַוו דעם דריטן, ער ווייס, אַז איר זייט אַן ערלעכער מאַן, אָט האָט איר 12 פּאַנעהיעלמס־צעטלען, זעט, זיי זיינען אָנגע־העפט מיט אַ פאָדעם און דערויף איז דעם קיניגס שטעמפּל. זיינען דאָס פון די צעטלען, וואָס איר האָט געביטן פון מונקן?” איך האָב געזאָגט: יאָ. ער האָט מיך אָנגעהויבן צו עקזאַמענירן: „איר האָט דאָך געמאַכט די שטעמפּלען צו די ערשטע פּאַנעהיעלמער־דאַרפט איר דאָך קענען אייער אַרבעט”. איך האָב געזאָגט: „פאַר־האַן אַ סך שטעמפּלשטעכער, וואָס מאַכן דאָס אויך אַזוי ווי איך”. ער האָט אַרויסגענומען איינעם, וואָס איז ניט געווען פאַלש, און האָט מיר געוויזן די שטעמפּלען, איינעם קעגן דעם אַנדערן, און האָט געזאָגט: „זיי זיינען עגאַל, איר האָט די ביידע געמאַכט, דאָס איז קיין שום ספק ניט”. אָבער דאָס איז געווען ניט אמת

און איך האָב אַנדערש ניט געקענט ווי בלייבן ביי דעם. ער איז
אַרויס מיט פילע פראַגן, דאָס האָט געדויערט איבער צוויי שעה,
צולעצט האָט ער געזאָגט צום יוסטיץ=קאַנצלער: „וואָס זאָגט
איר דערצו, ער וויל זיך דאָך ניט מודה זיין, גלייך ווי ער וואָלט
ניט געוואוסט, אַז דאָס זיינען געווען פאַלשע צעטלען״. דער יוס=
טיץ=קאַנצלער האָט געזאָגט: „איך האָב שוין נעכטן דורכגעזען די
אַקטן און איך מוז ריין זאָגן, אַז איך קען אַהרן איזאַקן ניט באַ=
שולדיקן, אַז ער האָט דערפון געוואוסט, אַז זיי זיינען געווען
פאַלשע, וואָרעם ווען ער וואָלט דאָס געוואוסט, וואָלט ער אַהער
ניט געקומען, וואָס דאָ זיינען געדרוקט געוואָרן אַלע אַנדערע,
און וואָלט ניט געגעבן קיין אָנווייזונג, זיי זאָלן זיך ערקונדיקן ביי
דעם היגן בוכדרוקער״.

דאָ האָט דער פאָלקאָוניק אַרויסגענומען אַ באַפעל פון קי=
ניג און פאָרגעלייענט: „דער ייד אַהרן איזאַק זאָל פאָרן קיין
שטאָקהאָלם מיט דעם „געוואַלדיגער״ דיקמאַן, אָבער „געוואַלדיגער״
דיקמאַן זאָל אים ניט באַפעלן, ווי אַזוי ער זאָל פאָרן, אַהרן אי=
זאַק זאָל פאָרן נאָך זיינע באַקוועמלעכקייט״. דאָ האָט ער מיך
געפרעגט, ווען איך וויל פאָרן; איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב
דאָ נאָך פיל צו טאָן, איך וויל די צעטלען, וואָס איך האָב דאָ
אויסגעביטן אין שטאָט, צוריק אויסקויפן, אויף וויפיל רייכסגעלט
איך האָב ביי מיר. דער פאָלקאָווניק האָט געזאָגט, אַז דאָס קען
איך טאָן, ווי איך וויל, עס קען מיך דאָך קיינער ניט פאַרהאַל=
טן, דער אָרדער איז פון קיניג — „ווען איר ווילט אַרויסגיין, קען
דער „געוואַלדיגער״ גיין מיט אייך״. דאָס איז געווען אום דאָנערש=
טאָג. ״ איך בין אַרומגעגאַנגען און האָב ווידער אויסגעביטן די
פאַנעהיעלמער אַזוי פיל, וויפיל איך האָב געהאַט רייכסגעלט.

פרייטאָג=צונאַכטס זיינען קיין אַבאָ געקומען די קאָמיסאַר=
יוסן און האָבן מיך געפרעגט, צי איך ווער איצט פריי. זיי האָבן
געהערט, אַז איך בין אַרויס פריי, זיי ווילן מאָרגן פאָרן קיין
שטאָקהאָלם, צי איך וויל ניט פאָרן מיט זיי. איך האָב געזאָגט:
„ניין. מאָרגן איז שבת, און צווייטנס פעלן מיר 5000 רייכסטאָלער,
וואָס איך מוז אויסבייטן פאַנעהיעלמער, וואָס ליגן אין „קעמנערס=

רעכט". דאָס האָבן דערהערט די מענטשן פון די ביידע קליינע שטעט, זיי האָבן געזאָגט, אַז אויב איך וועל זיי צוזאָגן, אַז איך וועל זונטאָג מיט זיי מיטפאָרן, וועלן זיי אויף מיר וואַרטן. איך האָב געזאָגט, אַז איך קען פון דאַנען ניט אָפּפאָרן, איך מוז נאָך פאַר 5000 רייכסטאָלער פּאַנעהיעלמער איינוועקסלען און האָב קיין רייכסגעלט ניט. זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס וואָלטן זיי שאַפן, איך זאָל זיי נאָר צוזאָגן, אַז איך וועל זונטאָג מיט זיי פאָרן. איך האָב זיי געמוזט די האַנט דערויף געבן, אַז איך וועל זונטאָג מיטפאָרן. זיי זיינען אַוועק אין ראָטהויז און האָבן זיך געלאָזט געבן די רעכענונג, וויפיל פּאַנעהיעלמער דאָ זיינען געווען, האָבן געמוזט אויסגעביטן ווערן, האָבן זיי געוואָלט האָבן די חשבונות און באַצאָלן דאָס געלט. דער בירגערמייסטער האָט געזאָגט, אַז זיי קענען טאַקע באַקומען די חשבונות און קענען באַצאָלן, אָבער די פּאַנעהיעלמער וועלן זיי ניט קריגן, זיי ווערן אַלע איינגעפּאַקט אין קופערט און גייען אַוועק מיט אַהרן איזאַקן קיין שטאָקהאָלם און ווערן פאַרחתמעט מיטן זיגל פון מלכות. זיי האָבן געזאָגט: „מיר ווילן אויך די דאָזיקע פּאַנעהיעלמער ניט האָבן", איך האָב אָבער ניט געוואוסט, ווער עס האָט באַצאָלט דאָס געלט.

זונטאָג פרי בין איך געגאַנגען און זיך געזעגנט מיט אַלע מענטשן, וואָס איך האָב זיך דאָ באַקאַנט, ווען איך בין געווען אַרעסטירט. קיין „געוואַלדיגער" איז מיט מיר ניט געגאַנגען, נאָר איך און מיין באַדינער. נאָכדעם זיינען מיר אַוועק אויף אונזער קוואַרטיר, זיינען אויף דער קוואַרטיר אויך געווען די דריי קאָמיסאַריוס, האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו די פרישטיקן.

דער האַפן האָט זיך געלייגט, אַז מיר האָבן געקענט דעם גאַנצן האַפן אַריבערפאָרן מיט שליטן, יעדע פערזאָן האָט געמוזט האָבן צוויי שליטנס. עס זיינען געווען נאָך אייניקע פערזאָנען, וואָס זיינען אויך מיטגעפאָרן. מיר זיינען אַוועקגעפאָרן. ווי מיר זיינען געקומען איין מייל נאָך אַבאָ אין אַן אַכסניא, זיינען דאָרט געשטאַנען אַ סך שליטנס, דאָ איז געווען אַ ראָטהער, דער מלוכה־געוואַלדיגער, דער פיסקאַל, אייניקע סוחרים. דער טיש איז געשטאַנען פול מיט קאַווע, שאָקאָלאַד, קוכנס. עס איז

געווען אומגעפער אַ זייגער עלף. מיר האָבן געמוזט טרינקען קאַווע, שאָקאָלאַד, דערנאָך איז מען אַריבער צו בראַנפן, וויין פונש. דאָס האָט געדויערט ביז אַ זייגער דריי, אַלע שיכּור, איך האָב זיך אָבער געהאַלטן ביים פאַרשטאַנד. איך האָב געפרעגט דעם בעל־אַכסניא, צי איך מיט מיין געזעלשאַפט זאָלן באַצאָלן. „ניין, ניין, דאָס איז שוין אַלצדינג באַצאָלט. די הערן אַבאָער האָבן שוין נעכטן אַלץ אַהער צוגעשיקט, מכבּד צו זיין דערמיט די הערן". מיר האָבן זיך געזעגנט, וועלכע האָבן געוויינט, וועלכע האָבן געלאַכט, אָבער אַלץ איז געווען שיכּור, און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן. איך האָב געפרעגט די קאָמיסאַריוס, ווער האָט באַצאָלט דאָס געלט. זיי האָבן מיר אָבער קיינער גאָרניט געוואָלט זאָגן. זיי האָבן געזאָגט, אַז אין שטאָקהאָלם וועל איך דאָס געוואָר ווערן. איך האָב זיך דאָס אין שטאָקהאָלם אויך ניט דערוואוסט, וואָרעם זיי זיינען געווען אין שטאָקהאָלם אפשר דריי וואָכן, און איידער זיי האָבן געוואָלט פאָרן, זיינען זיי אַרויפגעגאַנגען זיך זעגענען, האָבן גע־האַט דעם חשבון האָב איך זיי באַצאָלט.

ווי אָבער מיר זיינען געקומען קיין שטאָקהאָלם און מיט די דריי קאָמיסאַריוס און זייערע באַדינער, האָבן אונז אַלע מענטשן נאָכגעקוקט. דער „געוואַלדיגער" דיקמאַן האָט געזאָגט, אַז איך מוז מיט אים פאָרן אין דער פאָליציי, ווייל ער האָט ניט קיין אָרדער, אַז איך זאָל פאָרן צו זיך אַהיים, ער מוז נאָך ערשט קריגן אַן אָרדער פון דער פאָליציי, וועגן די פאַהנעהיעלמער, וואו זיי זאָלן בלייבן. מיר זיינען אַלזאָ געפאָרן אין דער פאָליציי. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן גראַף מונקס הויז. אַז איך בין געקומען אין דער פאָליציי, האָט דער פאָליציימייסטער געזאָגט: „איך קען אייך ניט לאָזן גיין אַהיים, איך האָב ניט קיין אָרדער, איך ווייס אויך ניט, וואו צהינצוטאָן דאָס געלט און די אַקטן. איך וועל פאַראָרדענען, אַז איר זאָלט אַזוי לאַנג פאַרבלייבן אין פיסקאַלקאַמער, ביז איך וועל באַקומען אַן אָרדער פון דעם ריקסדראָטס. שיקט אַהיים און זאָגט אָן אייער פרוי און איידעם, זיי זאָלן אַהער צו אייך קומען".

ווי מיר זיינען אַזוי געשטאַנען און גערעדט, איז געקומען גראַף מונקס באַדינער מיט אַ פאַרחתמעט פּאַפּיר, דערין זיינען געלעגן

6 פאַנעהיעלמער. ער האָט געשריבן צום פּאָליצײַמײַסטער: „היות איך האָב געהערט, אַז אהרן איזאַק איז אַהער אָנגעקומען אַלס אַרעס־טאַנט, זײַנען אַלזאָ דערצו בײַגעלײגט 6 צעטלען, װען זײַנע צעט־לען זײַנען אַזױנע, דאַן בעט איך אהרן איזאַקן לאָזן פרײַ, ער האָט פאַר מיר אױסגעביטן פאַר 27 טױזנט רײַכסטאָלער". האָב איך געזאָגט: „איצט קען איך גײן אַהײם". ער האָט געזאָגט: „איך מוז אײך ערשט מעלדן בײַ דעם ריקסדראָטס, װען עס איז נאָר מעגלעך, װעל איך זען, אַז איר זאָלט נאָך הײַנט קומען אַהײם" איך האָב אַלזאָ אָפּגעלאָזט מײַן פרױ און אײדעם און מײַן משפחה, צו מיר אַהײם. ער איז צוריק געקומען פון ריקסדראָטס און האָט געזאָגט, אַז ער קען נאָך ניט זאָגן קײן תשובה, ער מוז נאָך ערשט װעגן דעם רײדן מיטן קיניג און אים װײַזן דעם בילעט פון גראַף מונק. מאָרגן אַ זײגער צעהן װעט ער האָבן אַ תשובה. איבער נאַכט זאָל איך בלײַבן אין דער פּאָליצײַ. מײַנע לײַט האָבן מיר אַרױפגעבראַכט אַ בעט.

אױף מאָרגן צען אַ זײגער איז דער פּאָליצײַמײַסטער װידער אַ רױף אין ריקסדראָטס. ער איז געקומען צװעלף אַ זײגער צוריק און האָט געבראַכט אַן אָרדער, אַז איך קען גײן אַהײם, אָבער אײן פּאָליצײַבאַדינער זאָל בײַ מיר בלײַבן, ביז מונק מיט מיר װעלן זיך ניט האָבן געשטעלט פאַרן קעמנערסרעכט". ער דאַרף געבן ערקלערונגען פאַרן געריכט און דאָס װעט געשען מאָרגן.

אױף מאָרגן האָט מען מיך מיט אַ „געװאַלדיגער" אױפגע־פאָדערט אין געריכט, אָבער דער גראַף מונק איז אַלײן ניט גע־קומען. ער האָט געשיקט אַ פּולמעכטיקן, װעלכער האָט געהײסן אַלאַף האַלם. ער האָט געהאַט 6 אַזעלכע צעטלען און האָט דער־בײַ געשריבן אַזאַ צעטל, װי ער האָט געהאַט געשריבן צום פּאָלי־צײַמײַסטער. דער „קעמנערסרעכט" האָט געזאָגט: „מיר האָבן אַן אָרדער, אַז ער זאָל אַלײן קומען, און זאָל עקזאַמענירט װערן, װאו האָט ער באַקומען די צעטלען". מיר זײַנען אַלזאָ באַשטעלט געװאָרן אױף מאָרגן. בין איך װידער אַװעק אַהײם און האָב װידער גע־קראָגן אַ פּאָליצײַבאַדינגטן פאַר אַ װאָך. דער דאָזיקער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער קען אַלײן בײַ מיר ניט זײַן די װאָך, עס איז

צו פיל טירן אין מיין וואוינונג און צוויי טרעפּ זיינען אַרויסגעגאַנ־
גען פון מיין וואוינונג. איך האָב אַלזאָ געקראָגן צוויי סאָלדאַטן,
צו איינעם ביי יעדער טיר, וואָס האָבן געפירט צו די טרעפּ.

אויף מאָרגן זיינען מיר ווידער געגאַנגען צום „קעמנערס־
רעכט", דאָס איז געווען פרייטאָג, אָבער גראַף מונק איז ווידער
ניט געקומען, ער האָט ווידער געשיקט זיין פּולמעכטיקן אַלאָף
האָלם און האָט געזאָגט, אַז עס איז צו אים געקומען אַ פינישער
סוחר און געזאָגט, אַז ער האָט פאַר 30 טויזנט רייכסטאָלער פּאַ־
פּיר געלט אויסגעטוישט... האָט ער אים אויסגע־
ביטן. זיי האָבן געזאָגט: „מיר האָבן ניט קיין אַנדער אָרדער. דער
גראַף מוז אַליין קומען מאָנטאָג". אָבער דעם זעלבן אָוונט ליידער
איז דער קיניג געשאָסן געוואָרן אין דער מאַסקעראַדע. מאָנטאָג
זיינען מיר ווידער געקומען אין „קעמנערסרעכט", אָבער דער גראַף
איז ניט געקומען, נייערט זיין פּולמעכטיקער. אויך איז געקומען
אַן אַדוואָקאַט פיסקאַל, וועלכער האָט אויך אַלץ געדאַרפט אויס־
פאָרשן. ער האָט מיך געפרעגט אייניקע פראַגן, ער האָט געהאַט
פאַר זיך די פּראָטאָקאָלן און האָט מיך נאָר געפרעגט, אויף וואָס
פאַר אַן אופן בין איך געקומען מיט אים זיך צו בייטן. דער
אַלאָף האָלם האָט אויך ניט געלייקנט, אָבער עס איז ווייטער גאָר־
ניט געוואָרן דערויס, און מאָרגן האָבן מיר ווידער געדאַרפט קו־
מען און דער גראַף אַליין האָט אויך געזאָלט קומען. מיר זיינען
ווידער אַרויפגעקומען, דער גראַף איז ווידער ניט געקומען. איך
האָב געזאָגט צום קאָמערפּרעזעס: „איר האַלט מיך ווי אַ פאַר־
ברעכער, 2 מאַן סאָלדאַטן וואַך אין מיין וואוינונג. איך וויל אַלזאָ
מער ניט האָבן די וואַך אין מיין וואוינונג. איר קענט מיר געבן
אַרעסט דאָ אין ראָטהויז. איך גיי ניט מער אַהיים, דאָ וויל איך
האָבן מיין אַרעסט". דער אַדוואָקאַט פיסקאַל האָט גע־
זאָגט: „מיר האָבן ניט קיין אָרדער דערצו, אייך דאָ צו אַרעסטירן".
איך האָב געזאָגט: „איר מעגט טאָן, וואָס איר ווילט, מיט גוטן
גיי איך ניט אַהיים, סיידן איר וועט ברויכן קעגן מיר כוח". זיי
האָבן מיר געהייסן אָפּטרעטן אויף אייניקע מינוט, האָבן מיר גע־
הייסן ווידער אַריינגיין, זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן גיין אין

הויפגעריכט, דאָרט איז דער ריקסדראַטס, און אים פרעגן, ווי אַזוי דאַרפן זיי זיך פאַרהאַלטן. דער דאָזיקער קעמנערפּרעזעס און דער אַקוואָקאַט פּיסקאַל זיינען אַוועק צום הויפגעריכט און זיינען אין אייניקע שעה אַרום ווידער געקומען, זיי האָבן מיך געפרעגט, צי איך וואָלט זיין צופרידן, ווען איך זאָל האָבן ביי זיך אַ געוואַלדיגער, דאָס איז דאָך ניט קיין שאַנדע, און לאַנג וועט שוין דאָס ניט דויערן. איך האָב געזאָגט, אַז דערמיט וועל איך זיין צופרידן. עס איז ווייטער גאָרנישט געוואָרן דערויס.

אין צוויי טעג אַרום האָט מען אונז ווייטער אויפגעפאָדערט. סוף־כל־סוף איז פון געריכט אָנערקענט געוואָרן, אַז דער גראַף זאָל מיר באַצאָלן פאַר מיינע פאַנעהיעלמער־צעטלען, דאָס זיינען געוועזן אומגעפער 18 טויזנט טאָלער, וואָס זיינען געשטאַנען אין קעמנערסרעכט, פאַר וועלכע איך האָב געגעבן רייכסגעלטצעטלען, אָבער וועלכע איך האָב אויסגעביטן דאָ אין שטאָקהאָלם. ווי דער דאָזיקער אָלאָף האָלם האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי שוין צוריק אויסגעקויפט. איז מיט די דאָזיקע צעטלען האָב איך ניט געהאַט צו טאָן. די אָבער, וואָס איך האָב געביטן ביי די לייט, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט, אַז איך בין אַרעסטירט אין אַבאָ, האָבן זיי אָנגעקלאָגט מיין איידעם. נון האָט זיי אָלאָף האָלם ווידער איינגעוועקסלט, מיר אָבער האָבן געמוזט באַצאָלן די הוצאות. אָבער איך בין אויף אַלץ געוועזן מסכים, נאָר פּטור צו ווערן פון דעם פּראָצעס.

דער קיניג איז געשטאָרבן פון דער וואונד, פון וועלכער ער האָט געליטן 13 טעג. איך בין נאָך אַלץ געוועזן אונטער הויז־אַרעסט. איך בין גראָד געוועזן אין „קעמנערסרעכט", ווען עס איז אָנגעקומען דער אָרדער, אַז דער קיניג איז טויט, און איך בין פריי געוואָרן פון אַרעסט. דער פולמעכטיקער אָלאָף האָלם האָט געזאָגט, אַז איך וועל באַקומען מיין געלט, ווען דאָס „קעמנערסרעכט" וועט אויסברענגען דאָס פאַנעהיעלמער־געלט, וואָס געפינט זיך אין מיין קופערט. מען האָט אונז באַשטעלט אין אייניקע טעג אַרום ווידער צו קומען אין „קעמנערכסרעטט", וועט שוין אַלץ געבראַכט ווערן אין אָרדענונג. מיין חשבון איז שוין

געלעגן אַ פּאַרטיקער אין קופערט, נאָך פון אַבאַ. מיר זיינען אַרויפגעקומען אין „קעמנערסרעכט", ער האָט גענומען דעם חשבון און האָט געזאָגט, איך זאָל אונטערגיין צום גראַף, וועל איך באַקומען מיין געלט. איך האָב געזאָגט: „ניין, איך וועל ניט גיין אַהין, דען איך ווייס, ער איז אַ היציקער מענטש און איצט קען איך שוין מער פאַר אים ניט שווייגן". אָלאָף האָלם האָט געזאָגט, אַז מיין געלט ליגט שוין אָנגעגרייט. איך האָב געזאָגט, אַז דאָן קען מען דאָך דאָס מיר דאָ אויסצאָלן; אָבער דער „קעמנערסרעכט" האָט געזאָגט, אַז איך זאָל זיי טאָן די געפעליקייט און גיין אָפּנעמען מיין געלט, כדי זיי זאָלן ניט האָבן דערפון קיין תּביעה. איך האָב זיך געלאָזט צוריידן און בין אַוועק צו אים. ער האָט געזאָגט, איך זאָל אים געבן דעם חשבון, ער האָט אים דורכגעקוקט און געזאָגט: „אָט איז אייער געלט אָנגעגרייט, אַזוי ווי איך האָב דאָס באַקומען פון אייך, מיט אָפּצוג 18 פּראָצענט". איך האָב געזאָגט, אַז מיין אַנשלאָג איז 17 טויזנט טאָלער, וועלכע איך האָב איינגעליפערט צום „קעמנערסרעכט", דאַרף איך דערפאַר באַקומען רייכסגעלט-צעטלען" — געגנוג וואָס איר האָט 10 טויזנט טאָלער באַקומען צוריק פאַר דעם זעלבן פרייז, ווי איך האָב זיי ביי אייך אויסגעביטן, און די לייט האָבן מיך אָנגעקלאָגט, מיט פּראָצעסן, וואו איך האָב געוויס פאַרלאָרן ביי 1000 רייכסטאַלער". ער האָט געזאָגט: „ווילט איר דאָס געלט ניט נעמען, טאָ גייט צו טזיזנט טייוול!" איך האָב געקענט זיין היציקן טעמפּעראַמענט, האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער טיר און בין אַוועק מיין וועג. אויפן הויף האָב איך דערזען שטייט אַ נייער רייזעוואָגן, און זיינע מענטשן האָבן זיך געפּאַקט. ער איז שוין פון פריער געווען ביים קיניג און אומגנאָד, ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזן די מלוכה אויף 6 חדשים פאַר דער דאָזיקער חתונה, קיינער אָבער האָט צו יענער צייט ניט געוואוסט די סיבה. איך האָב מורא געקראָגן, אַז ער וועט אַוועקפאָרן און איך וועל פאַרלירן מיין געלט, בין איך גלייך אַוועק צום רעגענט הערצאָג קאַרל און האָב אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ניט לאָזנדיק מאַכן קיין שריפט. איך האָב גערעכנט, אַז איך וועל דאָס ניט

באוויזן, אַז ער וועט שוין דערוויילע אַוועקפאָרן. דער הערצאָג האָט געזאָגט: „גייט גלייך צום יוסטיץ־קאַנצלער און זאָגט אים, ער זאָל אים תּיכּף געבן הויז־אַרעסט". כ׳בין אַוועק צום יוסטיץ־קאַנצלער און האָב אים געזאָגט, אַז דער הערצאָג האָט מיך געשיקט, ער זאָל געבן דעם גראַף הויז־אַרעסט. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז ניט זיין זאַך, דאָס קען ער ניט טאָן. איך האָב געזאָגט: „דאַן מוז איך תּיכּף ווידער גיין צום הערצאָג און אים ברענגען דעם אָרדער, וואָרעם עס איז ניטאָ קיין צייט. האָט ער געבעטן, איך זאָל קומען אין אַ קנאַפּע שעה אַרום. אין אַ שעה אַרום בין איך ווידער געקומען. ער אָבער איז נאָך ניט געווען אין דער היים. איך האָב געוואַרט אפשר נאָך אַ האַלבע שעה, איז ער געקומען. ער האָט געזאָגט, איך זאָל גיין צום ריקסדראָטס. איך בין אוועק אַהינצו. דער רייכסדראָטס האָט מיר געזאָגט: „איך זאָג אין הערצאָגס נאָמען, איר זאָלט זיך ניט קימערן וועגן אייער געלט, דער גראַף האָט שוין הויז־אַרעסט". איצט בין איך געווען צופרידן.

אַלע מיינע גוטע פריינד, די העכסטע פּערזאָנען האָבן צו מיר געזאָגט, אַז איך בין דער גרעסטער נאַר, וואָס איך פאַרלאַנג ניט קיין פ אַ ר ג י ט ו נ ג פאַר מיין שאָדן און שאַנדע, וועדליג די שוועדישע רעכט זאָגן, איז ווען אייגער נאַרט עמיצן אָפּ מיט פאַלש געלט, דאַן מוז דער אָפּנאַרער געבן די העלפט פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אָפּגענאַרט, שטראָף צו דעם, וועמען ער האָט אָפּגענאַרט, אַלזאָ האָט ער מיר געמוזט געבן די העלפט פון 27 טויזנט רייכסטאָלער. איך האָב אָבער אַזויפיל ניט געוואָלט באַגערן; כ׳האָב גענומען אַן אַדוואָקאַט און אָנגעהויבן אַ פּראָצעס און פאַרלאַנגט 6000 רייכסטאָלער, איבערהויפּט פאַר מיין שאָדן און שאַנדע, צייטפאַרלירעניש, פאַר דעם אינטערעס פון מיין געלט.

אונטער דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גראַף האָט געהאַט אין פאַרקער ניין און ניינציק טויזנט און ניין הונדערט רייכסטאָלער אַזעלכע פאַלשע פאַנעהיעלמער. פאַר דער סומע, וואָס

ער האָט נאָך ניט איינגעליפערט, האָט ער געמוזט אַזויפיל געלט אַוועקלייגן קויציע. דערווײלע האָט ער דעם דאָזיקן אַלאָף האָלם איבערגעלאָזט פאַר זיין פולמעכטיקן, דען ער האָט באַקומען אַן אָרדער צו פאַרלאָזן די מדינה. איך האָב געהאַט נאָך מיט אַלאָף האָלם אַ צייט זיך פראָצעסירט, ביז מיר זיינען ענדלעך געקומען צו אַן אויסגלייך, אַז איך זאָל באַקומען פיר טויזנט טאָלער פאַר אַלע מיינע שאָדן און שאַנדע און הוצאות און אינטערעסן. ביי אַלעם דעם ניט געוואוסט, וואו איך זאָל באַקומען דאָס געלט. איך בין אַרומגעלאָפן איבער אַלע ערטער, האָב אָבער ניט געקענט דערגיין, וואו ער האָט דעפּאָנירט דאָס געלט. ענדלעך האָט מען מיר אָנגעוויזן, אַז איך וועל באַקומען באַצאָלט פון דער מלוכה־קאַנטאָר, האָב באַקומען נאָכן פאַרלויף פון אַ יאָר 700 רייכס־טאָלער, אין אַ פערטל יאָר נאָכדעם ווידער 1000 טאָלער און אַזוי, אַז צווישן פיר און פינף יאָר האָט מען מיר באַצאָלט. קיין שום אינטערעס איז מיר ניט געוואָרן פאַרגיטיקט. איך האָב זייער ווייניק פראָפיטירט פון די 4000 רייכסטאָלער. מיינע הוצאות אין אַבאָ זיינען געווען ניט קליין, עלף וואָכן בין איך דאָרט געווען אין אַרעסט, דריי וואָכן דאָ, אַ האַלב יאָר פראָצעס,—קען יעדער איינער וויסן, אַז עס קאָסט אַ סך. מיין געלט איז אַזאַ לאַנגע צייט געשטאַנען אָן אינטערעס.

יב.

פאַר דער צייט, וואָס איך בין געווען אין מלחמה אין פינ־לאַנד 3 יאָר, האָבן זיי זיך דאָ געמאַכט קהל פון אַלערהאַנט שפלות. איך בין געקומען אַהיים, די קהילה איז געווען גע־טיילט, איך האָב געהאַט מיין בית־הכנסת אין מיין וואוינונג פאַר מיר, כאָטש איך האָב אַלץ באַצאָלט, וואָס ס׳האָט געקומט אויף מיין חלק פאַרן רב, פאַרן שוחט און שמש. אָבער איך האָב מיט זיי גאָרניט געוואָלט האָבן צו טאָן, דערצו האָבן זיי אויפגעריכט נאָך אַ בית־הקברות, האָבן זיי ניט גע־

האָט קיין בית־הכנסת, קיין מקווה, נאָר בלויז מיר להכעיס, זיינען זיי געקומען צו מיר און געזאָגט, מיר זאָלן פאָרט מאַכן צוזאַמען איין קהל. דער רב האָט זיך דאָ אַריינגעלייגט און געזאָגט, מען זאָל בויען אַ הויז אויף דאָס בית־עולם וואָרעם אויף אים ליגן שוין 62 מתים, און דאָס נייע בית־עולם איז ניט ווייט פון דאָרט, וועט מען די לעצטע מתים אַוועקלייגן אויף דאָס אַלטע בית־עולם.

מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, איך האָב זיך אַרויסגערופן אַז איך וועל פאָרויס געבן צום בויען 300 רייכסטאָלער, און 5 שטיק פאָרצעלייענע קאַכל־אויוון און וועל שאַפן פון מאַגיסטראַט אויף מיינע הוצאות אַ גאָרטן ביים הויז עס זאָל לכל הפחות איינטראָגן יערלעך אַ פאָר הונדערט פּלאַטן, אויך וועל איך שאַפן פאַשע פאַר אַ פּאָר קי, אַלץ אויף מיינע הוצאות.

יוסף שוואַן איז געווען פּרנס, ער גופא איז געפאָרן מיט מיר, וואו איך האָב געקויפט דאָס האָלץ צום בויען. איך האָב אָנגעהויבן צו בויען און געפאָדערט געלט. זיי האָבן געזאָגט, איך זאָל צוערשט פאַרבויען מיינע דריי הונדערט טאָלער. איך בין איינגעגאַנגען דערויף. אַז איך האָב שוין געהאַט פאַרבויט 4 הונדערט טאָלער, האָב איך געפאָדערט געלט, האָט דאָס שייַנע קהל געזאָגט: „מיר האָבן זיך באַקלערט, איר קענט אייך דאָס בית־הקברות איבערנעמען, מיר ווילן אין אים קיין חלק ניט האָבן". איך האָב געזאָגט: „דאָס מאַכט מיר ניט אויס, אָבער אויף דעם קהלס וואָרט וועל איך מער ניט טרויען; און דאָס וועט איר מיר ענטפערן פאַרן געריכט".

וואָס האָב איך געהאַט פאַר אַ ברירה? איך האָב שוין אָנגעהויבן צו בויען, האָב איך געמוזט ווייטער אויסבויען און האָב פאַרבויט 1700 רייכסטאָלער, און האָב געלאָזט איבערשיטן, וואו עס איז געלעגן אין דער נידער. זיי האָבן אָנגעהויבן צו בויען דאָס נייע קברות. דאָס איז אַ קליינער אָרט, דאָס ליגט אונטער אַ באַרג. אויף דעם באַרג ליגט שטענדיק מיסט פון בהמות; ווען עס רעגנט, דאַן לויפט פון דעם מיסט די אומרייַנלעכקייט אויפן

קברות, און בוודאי האָבן זיי שוין מער דערויף געבויט, ווי איך האָב פאַרבויט.

איך בין אַוועק אַלזאָ צום אונטערשטאַטהאַלטער און געלאָזט פאָדערן קהל, און ווי זיי זיינען געקומען, האָב איך געזאָגט: „זיי זיינען מיט מיר דורכגעקומען, אַז איך זאָל פאָרויס אויסגעבן 300 רייכסטאָלער" — און האָב געזאָגט די גאַנצע זאַך, ווי עס איז געווען. ער האָט זיי געפרעגט, צי דאָס איז אמת. זיי האָבן דאָס ניט געלייקנט, זייער אויסרייד איז געווען, אַז זיי האָבן געמיינט, עס וועט קאָסטן 4 אָדער 500 רייכסטאָלער. איך האָב געזאָגט: „אַלזאָ האָב איך געלאָזט פאַראויס געבן 300 טאָלער און 5 קאַכל־אויוונס, וועלכע קאָסטן געוויס צום ווייניקסטן 60 טאָלער, איז דאָס אַ פראָפּאָרציע?" דער שטאַטהאַלטער האָט טאַקע איינגעזען, אַז דאָס איז אַ נבלה. ער האָט געזאָגט, זיי זאָלן מיט מיר דורכקומען, האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן מיר דערצו געבן 200 רייכסטאָלער. איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל ניט מיט זיי קיין פּראָצעסן, זיי האָבן געזאָגט, ווען איך האָב שוין געהאַט פאַרבויט 400 רייכסטאָלער און האָב געפאָדערט דאָס געלט, האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך באַקלערט, זיי ווילן דערמיט ניט האָבן צו טאָן איך קען דאָס פאַר זיך אַליין האַלטן, זיי ווילן אין דעם ניט האָבן קיין חלק. איך האָב זיי געענטפערט: „אויף די רייד פון אַזעלכע לייט קען איך זיך ניט פאַרלאָזן, איך בין דערמיט אויך צופרידן, איר זאָלט דאָס אָבער ערקלערן פאַרן געריכט". ער האָט זיי געפרעגט, צי דאָס איז אמת. זיי האָבן געזאָגט: יאָ, עס איז געבליבן ביי דעם, איך זאָל דאָס האַלטן פאַר זיך, אַז זיי זאָלן, אין דעם ניט האָבן קיין פּרעטענזיעס. איך האָב געבעטן דעם פּראָטאָקאָל. דער שטאַטהאַלטער האָט געזאָגט, איך זאָל קומען אין עטלעכע טעג אַרום, וועל איך האָבן דעם פּראָטאָקאָל.

אַז איך בין אין אייניקע טעג אַרום ווידער געקומען צום שטאַטהאַלטער, האָט מיר דער שטאַטהאַלטער געזאָגט: „אייערע לייט זיינען דאָ ווידער געווען. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער קיניג האָט דאָס אייך אומזיסט געגעבן פאַר די יידן פאַר אַ בית־עלמן, אַלזאָ קענען זיי דאָס אייך ניט געבן. זיי ווילן אָבער קיין חלק אין דעם

ניט האָבן, כל־זמן זיי לעבן, אָבער זייערע קינדער און קינדס קינ־דער האָבן אין דעם אַזאַ חלק ווי איר, דען דער קיניג האָט דאָס געגעבן פאַר די יידן". דער שטאַטהאַלטער האָט געזאָגט: „איך קען אייך דעם פּראָטאָקאָל ניט געבן, מחמת דאָס איז געוויס, אַז אַלע יידן, וואָס זיינען דאָ, האָבן אַ חלק אין דעם בית־עולם, אָבער בנוגע דעם הויז קענט איר זוכן אייער רעכט". איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל ניט פּראָצעסן און בין אַוועק.

אין אַ צייט נאָכדעם זיינען מיר צוזאַמענגעקומען, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן און געזאָגט, מיר זאָלן דורכקומען, און זיך אָנ־געבאָטן, אַז זיי וואָלטן מיר געבן 200 רייכסטאָלער פון דער גע־מיינדע פאַר מיינע הוצאות צום בית־קברות, אָבער אויף מיין הויז האָבן זיי ניט קיין טענות, דאָך ווען איך וואָלט עס פאַרקויפן, דאַן זיינען זיי אַלס קהל די בילכערסטע דערצו און מער ווי טויזנט טאָלער באַקום איך ניט. דאָס האָבן זיי געמאַכט שריפטלעך דורך אונזער מורה צדק שמעון קאַלקאַר, אָבער די 200 רייכסטאָ־לער זאָלן נאָך קומען.

איך שרייב דאָס נאָר צו ווייזן, וואָס פאַר אַרט מענטשן זיי זיינען און ווען איך האָב דאָס אַלץ געטאָן געגן טובת היהודים און פון זיי שלעכט באַצאָלט געוואָרן. איך פאַרלאַנג ניט קיין באַצאָ־לונג אָדער כבוד, נאָר צום אָנדענקען פון מיין פאַמיליע. אונ־זער רב לייב פנחס איז קראַנק געוואָרן והלך לעולמו, ווי דאָ איז אָנגעצייכנט. האָבן מיר אויפגענומען רבי שמעון קאַלקאַר אַלס מורה צדק, האָבן געדונגען אַ הויז פון העצה דכאן פאַר אַ בית־תפילה אויף 25 יאָר און האָבן דאָ געבויט אַ בית־הכנסת. איך ותהותני רבי יצחק האָבן האַנטגעלט און נדבות דערצו גע־געבן. איך האָב מיר פאָרגענומען קיינמאָל זיך מיט זיי ניט צו־זאַמענקומען. אל תבא נפשי ובקהלם אל תחד כבודי. איך וואָלט געקענט שרייבן, וואָס דאָס זיינען פאַר אַרט מענטשן, אָבער איך וויל ניט באַליידיקן זייערע קינדער און קינדסקינדער.

איך בין געפאָרן קיין לייפּציג, אחי אברהם האָט געהאַט נאָך אַ טאָכטער פון דער ערשטער פרוי ושמה איז געווען פייגעלכע. די דאָזיקע פייגעלכע איז זיך פיל אויסגעשטאַנען פון איר שטיפ־

מוטער. אחי אברהם האָט זיך קיינמאָל ניט באַקימערט וועגן אַ שידוך. חותני יצחק האָט געהאַט אַ שוועסטער אין בלייכראָדן, איר מאַן האָט געהייסן רבי בענדיקט. דער האָט געהאַט אַ זון ושמו מיכל. מיר האָבן אַ סך געהערט פון דעם דאָזיקן מיכל, אַז ער איז אַ געשיקטער מענטש און האָט זיך פאַרדינט אַ שייגעם היבשן קאַפּיטאַל. איך האָב שוין פון דאַנען געשריבן צו דעם דאָזיקן מענטשן, אַז איך וויל קומען קיין שווערין און דאָרט האָב איך אַ ברודער ושמו אברהם בריצען, ער האָט אַ טאָכטער הבתולה פייגעלכע, אויב דאָס מיידל איז אים אָנשטענדיק און דאָס מיידל איז אויך צופרידן, אַז פון שידוך זאָל וואָס ווערן, דאַן וועל איך אים מיטנעמען קיין שטאָקהאָלם און אַריינגעמען אין חברות. וואָרעם איך האָב פיל געהאַלטן פון מיין ברודערס קינדער, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען מיינע אייגענע קינדער. אַקעגן־זשע האָבן זיי פון מיר מער געהאַלטן, ווי פון זייער אייגענעם פאָטער. ער האָט מיר געשריבן, אַז עס וועט אים זיין זייער ליב, ווען ער וואָלט קענען אַריינקומען אין מיין משפחה, און וועט צו דער באַשטימטער צייט זיין אין שווערין.

איך בין אַלזאָ געקומען קיין שווערין און האָב געזאָגט מיין ברודער פון דעם דאָזיקן שידוך. אויך האָב איך אים דערציילט, אַז איך בין געווען אין קאָפּנהאַגן און אין דער זעלבער קוואַרטיר האָט אויך לאָזשירט יעקב גומפּערץ פון געטיג. איך האָב געוואוסט, אַז דער דאָזיקער מיכל בענדיקס איז נאָך פאַר צוויי יאָרן געווען ביי זיי אין קאַנטאָר בוכהאַלטער. אַז איך האָב זיך שוין אַ ביסל באַקענט מיט דעם דאָזיקן יעקבן, האָב איך אים געפרעגט אויף בענדיקסן. ער האָט אים גוואַלדיק גערימט פאַר זיין בריהשאַפט און ערלעכקייט און האָט מיר געזאָגט: „ער איז אין פּרייסן לאַגער געגאַנגען, און איז געוואָרן קריגס־קאָמיסאַריוס דורך זיין בריהשאַפט און האָט פאַרדינט לכל־הפחות צען טויזנט רייכסטאָלער". דער דאָזיקער רבי יעקב האָט אַפילו ניט געוואוסט, אַז מיר זייגען מיט אים משפחה בפרט פון אַ שידוך. דאָס האָב איך דערציילט מיין ברודער. מיין ברודער איז געווען זייער צופרידן, ער האָט געזאָגט: „דו מוזט ריידן מיט פייגעלכען, מען האָט איר דאָ גערעדט אַ סך שידוכים, זי

האָט זיי אַלע אָפּגעזאָגט, דו קענסט אפשר ביי איר מער פועלן".

איך בין פאַר די פינף יאָר ניט געווען אין שווערין. איך בין אַלזאָ אַוועק צו איר אין איר צימער און איר פאַרגעשטעלט דעם שידוך, אָבער קוים האָב איך אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דעם מענטשן, האָט זי געזאָגט: „ליבער פעטער, איך ווייס, אַז איר האָט מיך ליב און איך ליב אייך אַזוי ווי מיין פאָטער, ווילט איר מיר ווייטער זיין געטריי, טאָ רעדט מיט מיר ניט פון קיין שי־דוך". איך בין נשתומם געוואָרן פון אירע רייד. איך האָב צו איר געזאָגט: „וואָס זיינען דיינע געדאַנקען, דיר גייט איצט דאָס צוואַנציקסטע יאָר, דיין פאָטער איז אַ מאַן אין די יאָרן און קרענקלעך, ווען עס זאָל פאָרקומען אַ פאַרענדערונג, ווי וועט עס מיט דיר אויסזען? קיין מוטער האָסטו ניט, וואָס זאָל פאַר דיר זאָרגן, דו ביסט אַ פאַרשטאַנדיקע, באַקלער זיך אַליין", זי איז אָבער געבליבן ביי אירע רייד, זי וויל קיין שידוך ניט טאָן. איך האָב צו איר געזאָגט: „מיין טאָכטער, אַנטדעק זיך פאַר מיר, האָסטו זיך מיט וועמען פאַרשפּראָכן, טאָ זאָג מיר עס, ווען ער זאָל אַפילו זיין דער סאַמע אָרעמסטער בחור, וועסטו אים האָבן, אַבי עס זאָל אַלץ געבראַכט ווערן אין ווירקליכקייט, איידער איך פאָר פון דאַנען אָפּ". זי האָט געשוואָרן ביי גאָט, אַז זי האָט קיין מענטשן ניט, וואָס זי זאָל האָבן אין זינען. איך האָב אַלזאָ גאָר־נישט געקענט פועלן ביי איר. איך האָב דאָס געזאָגט מיין ברו־דער. ער האָט זיך זייער געערגערט און האָט געזאָגט: „פון מיינט־וועגן קען זי אייביק בלייבן זיצן, איידער איך וועל איר איצט אַ וואָרט מער זאָגן".

איך בין אַוועק צו איר אויסגעגעבענער שוועסטער שׂרכע און איר מאַן רבי הערץ און האָב זיי דערציילט די גאַנצע זאַך און האָב געזאָגט: „דו שׂרכע מיט דיין מאַן, איר מוזט ריידן מיט איר, וואָרעם דער מענטש וועט אין עטלעכע טעג אַרום דאָ זיין". — „ליבער פעטער, ווען איר האָט גאָרנישט געפועלט, קע־נען מיר עס געוויס ניט, דאָך וועלן מיר היינט גיין צו איר און וועלן מיט איר זיך אַמפּערן". זיי האָבן אַזוי געטאָן, אָבער זיי האָבן אַזוי פיל געפועלט ווי איך

אין עטלעכע טעג אַרום איז בענדיקס אין אָוונט געקומען אין שווערין און האָט זיך געדונגען אַ קוואַרטיר. צומאָרגנס איז איינער געקומען אין מיין ברודערס הויז און האָט זיך געפרעגט, אויף מיין נאָמען, איך זאָל אַהינקומען. איך בין אַהינגעגאַנגען. דאָרט איז געווען מיין גוטער בענדיקס. איך האָב אים אָפּגעגעבן אַ ברוך־הבא, אָבער איך האָב זיך דערשראָקן, איך האָב געמיינט, אַז ער וועט אומזיסט די הוצאות מאַכן. איך האָב אים אַלזאָ מיט־גענומען צו מיין ברודער אַהיים.

מיין ברודער האָט נעהאַט נאָך צוויי קליינע טעכטער מיט זיין אַנדער פרוי, די עלטסטע איז געווען אַלט אומגעפער דרייצן יאָר. זי איז אַלזאָ אַרויפגעלאָפן צו איר שוועסטער פייגעלכע און האָט געזאָגט: „דיין חתן איז געקומען!" מיין פייגעלכע איז אָבער ניט אַראָפּגעגאַנגען, זי איז אויך ניט געקומען צו מיטאָג צום טיש. דער דאָזיקער בענדיקס האָט מיך געפרעגט, וואו זי איז, איך האָב געזאָגט, אַז זי שפירט זיך ניט גוט. עס האָט געדויערט דריי טעג, זי האָט זיך ניט געלאָזט זען. דעם דריטן טאָג אין אָוונט בין איך געזעסן מיט בענדיקסן פאַר דער טיר ביי דעם שיינעם געלינדן וועטער. פייגעלכע האָט געעפנט איר פענסטער, מיר האָבן דאָס דער־הערט, איז בענדיקס אויפגעשטאַנען און האָט דערזען, ווי זי האָט געוואָלט אַרויסקוקן, האָט איר בענדיקס געמאַכט אַ קאָמפּלי־מענט. זי האָט ווידער צוגעמאַכט איר פענסטער, ער איז ווידער אַוועק אויף זיין קוואַרטיר. איך בין געוואָרן בייז און בין אַרויף צו איר און געזאָגט: „דו זאָלסט מאָרגן פרי אַרונטערגיין, ביז אַהער האָב איך געזאָגט, אַז דו ביסט קראַנק, אָבער איצט, אַז ער האָט דיך געזען ביים פענסטער, אַז דו ביסט ניט קראַנק, זאָלסטו מאָרגן פרי אונטערגיין, איך באַפעל דאָס דיר, קיינער וועט דיר אים ניט אָנצווינגען", און געזאָגט איר טיכטיק באַשייד. „אַ, לי־בער פעטער, זייט נאָר ניט בייז, איך וועל קומען".

צומאָרגנס איז בענדיקס געקומען אויף קאַווע און איך האָב פייגעלכען אויך אַראָפּגעבראַכט. פייגעלכע איז געווען אַ שיין מיידל און אַ חכמה. בענדיקס איז געווען אַ הדרתדיקער יונג, ער האָט געמאַכט אַ פיינעם קאָמפּלימענט. איר שוועסטער לאה האָט

זיך מיט אים די גאַנצע צייט אונטערהאַלטן. אַ מיידל פון דרייצן יאָר אַזוי קלוג און געשיקט! זי האָט געוואוסט צו שפּילן איר ראָלע, אַז זי פלעגט אַלע ווײַלע זאָגן צו איר שוועסטער פייגעל־כע: „דו ביסט אַזוי גליקלעך, וואָס דו באַקומסט אַ חתן, זיין גלייכן געפינסטו ניט דאָ“, און האָט שטענדיק געחנפעט דעם דאָ־זיקן בענדיקס. זי האָט אים אַלץ אַרומגענומען און געגאַנגען מיט אים שפּאַצירן.

אין אָוונט נאָכן אָוונטברויט זיינען מיר אַרויס פאַר דער טיר זיצן אויף דער באַנק. ענדלעך האָט זיך לאה געזעצט לעבן בענדיקסן און האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט: „ליבער בענ־דיקס — ביי דעם אָנגענעמען וועטער אַזוי שטיל צו זיצן גייט ניט אָן, קומט, מיר וועלן אַ ביסל שפּאַצירן“. ער איז אויפגעשטאַנען און גענומען לאהן אויף דער איין זייט און פייגעלכען אויף דער אַנדער זייט. זי האָט אַלזאָ געמוזט מיטגיין, מיר זיינען אַוועק אַך זייער שוועסטער שׂרכע, וועלכע איז זייער הויך אַנטפאַנגען געוואָרן. זייער שוואָגער הערץ האָט מיט זיי געמאַכט פיל שפּאַס, אַזוי אַז זיי זיינען ענדלעך באַקאַנטער געוואָרן און האָבן געגעסן אָוונטברויט, דערנאָך האָט אונז שׂרכע מיט איר מאַן באַגלייט אַהיים. אויף מאָרגן נאָכדעם האָב איך אַלזאָ מיט פייגעלכען געקענט ריידן וועגן דעם מיט מער פאַרשטאַנד.

מיין ברודער האָט געוואָלט פאָרן קיין פירמאָנט צו ברויכן דעם ברונען וועגן זיין געזונט, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל מיט אים פאָרן קיין פירמאָנט, וואָרעם עס איז נאָר 13 מייל פון בליי־כעראָדע, וועלן מיר אַרויסרופן אַהין זיין פאָטער און וועלן אין פירמאָנט שרייבן תּנאים. בענדיקס איז געווען זייער צופרידן און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן צוזאַמען, און געשריבן דאָרט תּנאים און נאָכהער ווידער געפאָרן אַהיים קיין שווערין. די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אין אַ יאָר אַרום. אויך האָט מען אין די תּנאים צוגעזאָגט, אַז איך וועל מיכל בענדיקסן מוזן נעמען אין חברותא.

איך בין אָפּגעפאָרן פון שווערין אַהיים און האָב מיטגע־נומען בענדיקסן קיין שטאָקהאָלם. פון אונזערע אבנים־טובות האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען, ער איז געווען אַ קענער פון אַלערהאַנט

זיידענע סחורות און ווייסע סחורות, אָבער אין אבנים־טובות האָט ער ניט געקענט אונטערשיידן צווישן בריליאַנטן אָדער ראָזענשטיין, בפרט צו באַשטימען דערויף אַ פּרייז. ער איז אַלזאָ געבליבן ביי אונז אַ גאַנץ יאָר, ביז זיין כתובה איז געווען. אונטער דער צייט האָט ער זייער פיל געלערנט, עס איז געווען צו באַוואונדערן. ער האָט דאָ פיל געהאַנדלט מיטן הערצאָג קאַרל און מיט פּרינצעסין, האָט פאַרדינט זיינע כתובה־הוצאות, דאַן איז ער אָפּגעפאָרן קיין שווערין.

מיין איידעם יצחק מיט זיין פרוי זיינען מיט אים געפאָרן צו זיין כתובה און זיינען געקומען בשלום מיט זיין יונגער פרוי צוריק אהיים לכאן. ער איז געווען זייער אָנגעזען ביים הויף און איז געווען ביים מלך אַנגאַזשירט פאַרן הויפיוועליר און איז אין א קורצער צייט געוואָרן זייער באַקאַנט ביי אַלע שררות, אַזוי אַז מיר האָבן אונזער האַנדל פאַרדובלירט.

איך האָב אָנגענומען צו זיך אַ יונגען מענטש מיטן נאָמען שלום פון פרענצלאַו צו לערנען שטיינשניידן. ער האָט שוין פריער געלערנט חותם־שטעכן און איז געווען ניט אומגעשיקט אין זיין אַרבעט. איך האָב אים אַלזאָ אָנגענומען אויף פיר וואָכן אויף פּראָבע איידער איך האָב מיט אַים געמאַכט אַ קאָנטראַקט, צו באַקענען זיך מיט אים אַ ביסל. אַז איך האָב אים געפונען אויפריכטיק, שטיל און איידל און פון גוטער פאַמיליע און ניט אומוויסנד, אויך זייער פלייסיק און האָט אַלץ תופס געווען זייער געשווינט, האָב איך מיט אים געמאַכט אַ קאָנטראַקט, ער זאָל ביי מיר לערנען דריי יאָר, אָבער די לעצטע צוויי יאָר זאָל ער האָבן אַ קליינעם חלק פון דער מלאכה. אָבער נאָך די דריי יאָר זאָל ער האָבן אַ העלפט פון דער מלאכה, וואָרעם ער האָט שטענדיק געמוזט אַרבעטן, מיינע געשעפטן האָבן ניט צוגעלאָזן, איך זאָל שטענדיק קענען אַרבעטן. אונטער זיינע לערניאָרן האָט ער זיך געזאַמלט אייניקע הונדערט רייכסטאָלער; דערביי זייער אָרנטלעך זיך געפירט אין קליידונג. איך האָב געהאַט פון אים נחת, האָב פון אים געהאַלטן אַזוי ווי פון מיין אייגן קינד. קיינמאָל האָב איך אים קיין אומהעפלעך

וואָרט ניט געזאָגט, ווייל איך האָב דערצו קיין גרונד ניט געהאַט. איך האָב געהאַט ביי מיר מיין ברודער משה׳ס טאָכטער לאה פון קינדהייט אָן, ווען זי איז נאָך אַלט געווען 5 יאָר. זי איז געווען זייער אַרטיק פון איר יוגנט אָן. איצט איז זי אַלט געווען 15 יאָר, אַן אַרטיק מיידל און איז געווען זייער ווירטלעך.

איך האָב געגלייבט, אַז מיין שלום וועט איר ליידן. איך האָב געוואָלט פאָרן קיין לייפּציג. אייניקע טעג פריער האָב איך געזאָגט צו שלומען, ער זאָל מיר געבן רשות, אַז ווען אין אויס־לאַנד זאָל זיך מאַכן אַ גוטער שידוך, וועל איך געוויס האָבן אין זינען זיין טובה. ער האָט אָבער געזאָגט—ניין, ער האָט נאָך ניט געוואָלט טאָן קיין שידוך. האָב איך געזאָגט: „ווי וואָלט זיין ווען אך גיב אייך מיין לאה?"— „אָ, יאָ, האָט ער געזאָגט, אויב איר מיינט דאָס ערנסט, בין איך דערמיט צופרידן." איך האָב געלאָזט רופן מיין ברודער משה און האָב געזאָגט; „שלום וויל נעמען דיין לאה, ווילסטו אים זי געבן?" ער האָט געזאָגט: „וואָס דו טוסט בין איך צופרידן". איך האָב זיך צוגעגרייט און אויף מאָרגן אין אָוונט האָבן מיר געשריבן תנאים; די חתונה האָט מען אָפּגעלייגט אויף אין אַ יאָר אַרום, דען לאה איז נאָך געווען קוים 15 יאָר אַלט. אין אַ יאָר אַרום איז אַלזאָ געווען די חתונה.

מיין ברודער משה האָט געהאַט נאָך איין טאָכטער, וועלכע איז אין עטלעכע יאָר אַרום אויך געוואָרן אַ מיידל פון 15 יאָר. איך האָב געהאַט ביי מיר אַ מענטש, מיין ברודער משה׳ס אַ שטיפזון, ווייל מיין ברודער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אלמנה, האָט זי געהאַט אָט דעם זון, ער איז דאַן געווען אַ קינד פון צוויי יאָר, די דאָזיקע פרוי האָט ער געקענט נאָר אייניקע יאָר, נאָכדעם איז זי געשטאָרבן, און מיין ברודער האָט ווידער חתונה געהאַט און האָט מיט איר געהאַט זיבן קינדער. דער דאָ־זיקער זלמן איז אַלזאָ געווען איר שטיפזון. היות ווי ער האָט אים געהאַט ערצויגן, האָט דער זלמן געשעצט מיין ברודער און זיין פרוי גלייך ווי זיי וואָלטן געווען זיינע עלטערן. מיין ברו־דערס פרוי האָט פיל געהאַלטן פון אים, זי איז אויך געווען זיינע

אַ קוזינע. זי האָט צו אים געזאָגט: „דו זאָלסט נעמען מיין טאָכ־טער אסתר“. ער איז געקומען צו מיר און האָט דאָס מיר דער־ציילט. איך האָב געזאָגט: „דו קאָנסט טאָן נאָך דיין איינזען; ווען דו ווילסט זי האָבן, וועל איך דיר אויך געבן אַן אויסשטייער, דען מיין ברודער משה איז אַ מאַן פון ניט קיין קאַפּיטאַל און האָט אַ הויז פול קליינע קינדער“. אַלזאָ איז דער שידוך אויך צושטאַנד געקומען, און זיי האָבן געמאַכט חתונה און האָבן געהאַט נחת.

איך בין געפאָרן קיין לייפּציג און געקויפט סחורה פאַר אונזער בודע פון אבנים־טובות און פּערלען און האָב געטאָן זייער אַ גוטע קניה, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהאַט קיין בע־סערע. אויך מיין איידעם יצחק האָט אונטער דער צייט, וואָס איך בין געווען אין וועג, געמאַכט אין דער היים גוטע עסקים. הגם אַלע יידן, וואָס האָבן דאָ געוואוינט, האָבן מיר שטאַרק מקנא געווען, דאָך האָב איך ברוך־השם געהאַט גרויס חשיבות ביי אַלע שררות, אויך ביי חצר המלכות, איך בין געווען בכל יום הולך ומתגבר, און וואָס דער הויף האָט געדאַרפט האָבן פון אבנים־טובות, האָט מען אַנדערשוואו ניט גענומען, נאָר ביי אונז, דורכן מחותן בענדיקס און ניט פאַר איין פּרוטה אחת מן אינו נמלים. והשם יטיב לנו אות.

איך מוז אויך דערמאָנען מיינע ניטפאַרגינער, וועלכע האָבן שטענדיק געטראַכט מיך צו אונטערדריקן פאַר די אַלע טובות, וואָס איך האָב זיי געטאָן. עס זיינען געווען צוויי ברידער, גע־בירטיקע פון האַנאָווער, זיי זיינען אייגנטלעך געווען פון די היל־דעסהיימער רבנים ושמם משה ל. ואחיו זיסקינד. אָט דער זיסקינד האָט דאָ גענומען אַ פרוי פון עליאַס מאַרשטראַנד און האָט געהאַט מיט איר זיבן קינדער. ער איז געווען אַ בעל־פּליטה, נאָכהער האָט ער זיך געזעצט אויפן ישוב און האָט גענומען אַ לאַנדגוט אין אַרענדע. דאָס האָט אים אָבער אויך ניט געגליקט, האָט ער אָנגענומען אַ טוכפאַבריק, אָבער אויך דאָס האָט אים ניט געגליקט. זיין פרוי איז געקומען אהערצו צו באַזוכן אירע עלטערן, ווייל עס איז געווען פון דאַנען נאָר 4 מייל. אונטער

דער צייט, וואָס זי איז געווען אין וועג, האָט ער געשיקט צו זיך רופן אַ שוועדישן פריסטער און האָט זיך געלאָזט שמדן מיט זיינע קינדער. די פרוי האָט דערפון ניט געוואוסט, ביז זי איז געקומען אַהיים. סוף=כל=סוף זיינען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען און ער האָט איר געגעבן ג ט, און די קינדער האָט ער געלאָזן ביי זיך. ער האָט דאָ חתונה געהאַט מיט אַ בירגערטאָכטער. דער סוף איז געווען, ער איז פאַר חובות אַנטלאָפן אַהער און האָט מיטגענומען זיין פרוי.

זיין עלטערער ברודער איז שוין פאַר דעם געווען אַ ב ע ל= פ ל י ט ה, נאָכהער בשעת דאָ איז געווען מ ל ח מ ה, האָט ער גע= האַט אַ ביסל קליינע ליפעראַנץ, האָט ער געהאַט אייניקע גוטע פריינד, וועלכע האָבן אים ווידער געוואָלט אַרויסהעלפן. און באמת איז ער שוין טאַקע ווידער אַ ביסל געקומען פאָרויערטס, און האָט געהאַט עטוואָס גאַלאַנטעריי אויף קרעדיט, וואָרעם ער האָט ווירקלעך געהאַט דערביי גוטן פאַרדינסט. אָבער ער האָט אַלץ געוואָלט שפּילן דעם גרויסן מאַן, געדונגען זיך אַ שיינע דירה, געקויפט זיך פיין מעבל. ער האָט געהאַט אַ שוועדישע דינסטמויד, זי איז געווען פון דעם נידעריקסטן שטאַנד, אַ געמיין מענטש. אין דער צייט איז דער הערצאָג קאַרל געווען רעגענט, ווייל דער קיניג איז נאָך ניט געווען פּוליאַריק. ער האָט אָנגעגעבן אַ בקשה צום הערצאָג, אַז ער וויל חתונה האָבן מיט אַ שוועדיש מיידל, און זיינע קינדער, וואָס ער וועט מיט איר באַ= קומען, זאָלן ווערן געטויפט. דער הערצאָג האָט דאָס באַוויליקט און האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז זיי, נעמלעך משה ל. און זיין כלה, זאָלן קומען אין דער שלאָס=קאַנצעלאַריע, אויך אַ שוועדישער גלח און צוויי פון די יידישע עלטסטע זאָלן זיין דערביי, דאָרט זאָל געשריבן ווערן דער חתונה=קאָנטראַקט. אַזוי איז אויך געשען. ער האָט מיט איר באַקומען קינדער און האָט זיי געלאָזט שמדן. ביי אַלע די דאָזיקע אומשטענדן, ווען עס איז געווען י ו ם=ט ו ב, פלעגט ער קומען ב ב י ת ה כ נ ס ת, אָדער אויך ווען ער האָט געהאַט י אָ ר צ יי ט, פלעגט ער אויך קומען ב ב י ת ה כ נ ס ת, פלעגט לאָזן באַקן אויף שבת ב אַ ר כ ע ס, גענומען אויך כשר פלייש,

אָבער בלויז פאַרשטעלט, מען האָט געוואוסט, אַז אַלס ייד האָט ער ניט געקענט לעבן. איצט האָט ער ערשט אָנגעהויבן רעכט גרויס צו לעבן, האָט זיך געשאַפן אַן עקיפּאַזש מיט פערד, זיין פרוי האָט געמאַכט מלבושים, זיך געדונגען אַ לאַנדגוט, וואו ער פלעגט פאַרבּרענגען דעם זומער.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און ער האָט געפּלאַצט און אָנגעזעצט. צום סוף איז עס געקומען צום חשבון, האָט ער פיל יידן אָפּגענאַרט אום א לפים. אמת, איך האָב מער ניט פאַרלאָרן ווי 118 טאָלער. קיין מענטש האָט אָבער ניט געקראָגן קיין שטיבער. אַנדערע יידן האָבן געהאַט צו פאָדערן טויזנטער, וועלכע זיינען פאַר אים געגאַנגען אין קויציע, און ער איז געוואָרן רואינירט; זיין מעבל האָט מען פאַרחתמעט. אָבער ער איז ניט געווען קאָמפּאַבּל צו געבן אַ פּראָצענט, ער איז אַלזאָ אַנטלאָפן און געלאָזט זיין פרוי און קינדער זיצן. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַוועק קיין ענגלאַנד, מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אים איז זייער שלימזלדיק געגאַנגען, קיין בגד אויף זיין לייב און האָט הונגער און קומער געליטן. ער האָט געשריבן צו זיין פרוי, זי זאָל גיין צו זיינע פריינד, זיי זאָלן פאַר אים וואָס צונויפמאַכן און צו אים עפּעס צושיקן קיין לאָנדאָן. זיין פרוי האָט עס געטאָן און איז געגאַנגען צו זיינע שוועדישע פריינד. זיי האָבן אים צונויפגעמאַכט אייניקע 20 רייכסטאָלער און זי האָט עס אים געשיקט קיין לאָנדאָן. זיין פרוי האָט אויך געהאַט נויט, כל־זמן זי האָט נאָך געהאַט צו פאַרקויפן איר ביסל מעבל און בגדים, האָט זייער קימערלעך געלעבט מיט אירע קינדער, האָט אויך געהאַלטן אַ שענק, אָבער דאָס איז איר אויך ניט געגאַנגען, האָט זי באַשלאָסן נאָכצופאָרן אים קיין לאָנדאָן און איז באמת אָפּגעפאָרן פון דאַנען מיט אירע קינדער.

איך קען ניט אָנרופן די אַנדערע, וואָס זיינען געווען מיינע שונאים און מיר ניט פאַרגונען. אָבער זיי האָבן אַלע געהאַט אַ שלעכטן סוף. וועלכע זיינען פאַר דלות אַוועקגעלאָפן, וועלכע אין דלות קרעפּירט. איך האָב זיך קיינמאָל אָן קיינעם ניט נוקם געווען. ווען זיי פלעגן אַריינפאַלן צו מיר אין די הענט, האָב איך

זיי נאָך פיל טובות געטאָן, האָב זיי געליען געלט, אַפילו פון דער תּפיסה אויסגעלייזט, וואָס האָט מיר געקאָסט נאָך 200 רייכסטאָלער. ווען איך זאָל באַשרייבן די אַלע דאָזיקע היסטאָריען, ווי זיי האָבן מיך און מיין משפּחה גערודפט, וואָלט דאָס דאָזיקע בוך צו קליין געווען, אָבער איך זע שיינפּערליך, אַז השם איז תּמיד געווען אין מיין הילף און האָט אַראָפּגעוואָרפן מיינע שׂונאים, אַז איך האָב ניט געדאַרפט צו זיי צולייגן מיין האַנט. איך האָב געלעבט ווי אַ ייד און האָב זיך וועגן אַנדערע ניט באַקימערט, זיי האָבן געמעגט טאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

איך מוז אויך דערמאָנען, אַז המלכות גוסטאַוו דער דריטער איז געווען זייער בחסד קעגן יידן. איך בין דאָ געווען אומגע־פער דריי יאָר, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון אַמסטערדאַמער ק ה ל. די אויפשריפט איז געווען צו די עלטסטע פון די יידן. דעריין איז געשטאַנען, אַז דאָ אצל חצר המלכות איז דאָ אַ מאַן מיטן נאָמען יעקב בלאָנדעל. ער איז פון געבורט אַ קריסט, ער איז אָבער געוואָרן אַ ייד און האָט זיך געלאָזט מל זיין אין אַמ־סטערדאַם און האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל און האָט אויך מיט איר געהאַט אַ טאָכטער. ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק פון דאָרט אַוועק און האָט זיין פרוי און קינד געלאָזט זיצן און מען האָט זיכערע אַ ידיעה, אַז ער דאַרף זיין ביים הויף עס איז אַלזאָ לפי דת תּורתנו, אַז מען מוז זיך אָננעמען צו העלפן די דאָזיקע פרוי, ער זאָל איר געבן ג ט. די פרוי איז אַ יונג מענטש. איך האָב זיך ניט געקענט דערפרעגן דעם דאָזיקן נאָמען. מיט אַ יאָר פריער בין איך מיט מיין פרוי שבת נאָכמיטאָג איינגעלאַדן געוואָרן צום הערצאָג קאַרלס קאַמערדינער אויף קאַווע. ווי מיר זיינען אַהין געקומען, איז דאָרט געווען נאָך אַ פרעמדער מיט זיין פרוי. איך האָב זיי געגריסט, דער דאָזיקער פרעמדער מיט זיין פרוי האָבן מיך זייער העפלען גע־דאַנקט, צוגלייך האָט דער דאָזיקער פרעמדער געזאָגט: „גוט שבת, ברוך הבא". איך האָב געזאָגט: „ווי קומט איר דערצו צו ריידן יידיש?" ער האָט געזאָגט: „איך ווייס די גאַנצע יידישע אמונה"—און האָט מיר אָנגערופן אַלע יום־טובים. אָבער זיין

לשון איז ניט געווען ווי אַ ייד. ער האָט געזאָגט, אַז אין זיינע קינדערשע יאָרן האָבן זיינע עלטערן געוואוינט אין אַ יידיש הויז, זיי האָבן געהאַט זין, וואָס זיינען געווען אין זיינע יאָרן, פון זיי האָט ער זיך דאָס אַזוי אויסגעלערנט און האָט מיט זיי שטענדיק גערעדט יידיש. איך האָב געהערט, אַז דעם הערצאָגס קאַמערדינערס פרוי רופט אים הער קאַמערדינער. ווייטער האָב איך מיט אים ניט געהאַט קיין מגע־ומשא און עס איז מיר אויך ניט אַיינגעפאַלן, נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען דעם בריוו פון אַמסטערדאַם, אויף דעם דאָזיקן מענטש. איך האָב אויך געשריבן קיין אַמסטערדאַם, אַז עס געפינט זיך דאָ קיינער ניט מיט אַזאַ נאָמען. אייניקע וואָכן נאָכדעם האָט מיך דער קאַמערדינער גע־טראָפן אויף דער גאַס און האָט צו מיר אָנגעהויבן ריידן אויף יידיש און האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים שבת באַזוכן מיט מיין פרוי. איך האָב אים געדאַנקט און געזאָגט, איך וועל אַזוי פריי זיין. איך האָב געזאָגט: אַנטשולדיקט, ווי איז אַייער ווערטסטער נאָמען?" ער האָט געזאָגט: „בלאָנדעל". איצט זיינען מיינע גע־דאַנקען מקוים געוואָרן. איך האָב געזאָגט: „אַייער פאָרנאָמען איז יעקב?"—„פון וואַנען ווייסט איר דאָס?" איך האָב געזאָגט: „איך ווייס נאָך מער, איר זייט דאָך אַ ייד". ער איז געוואָרן אויפגעבראַכט: „הער, וואָס זאָגט איר דאָס, איר ווילט ריידן, איך וועל דאָס גלייך געריכטלעך אָנמעלדן".—„ווען איר וועט דאָס געריכטלעך אָנמעלדן, דאַן וועל איך אייך געריכטלעך באַווייזן, אַז איר זייט באַשניטן און אַז איר האָט אַ יידישע פרוי און טאָכ־טער, איך האָב געהאַט אַ בריוו פון אַמסטערדאַמער קהל, איר זאָלט אַייער פרוי שיקן גט, ווען איר וועט דאָס ניט טאָן, דאַן וועט דאָס אַמסטערדאַמער קהל שרייבן צום קיניג." ווי ער האָט. דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן געלאַסן. ער האָט מיר אָנ־געהויבן צו געבן ווייכע ווערטער און האָט זיך מודה געווען. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז זיין פרוי האָט זיך קעגן אים זייער שלעכט אויפגעפירט און אַלדאָס זייניקע פאַרשטערט, אָבער דאָך וועט ער איר געבן גט, מען זאָל אָנשרייבן דעם גט, וועט ער זיין נאָמען חתמענען, אָבער פאַר קיין בית־דין גייט ער ניט,

ליבער וועט ער אַוועקפאָרן פון דאַנען און זי וועט שוין מער קיינמאָל ניט דערגיין, וואו ער איז. איך האָב געזאָגט: „איר ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ אומשטענדן עס איז ביי גט, דאָס קען ניט אָנגיין". ער האָט געשוואָרן, אַז דאָס וועט ער ניט טאָן, ליבער וועט ער מאָרגן אָפּפאָרן פון דאַנען. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל ריידן מיט אונזער רב, ווען עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט, זאָל עס געשען.

מיר האָבן געהאַט רבי בעריש פאַר אונזער רב. איך האָב געזאָגט, ער זאָל מאָרגן קומען אויף אַ געוויסן אָרט, וועט ער האָבן אַ תשובה. איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט אַוועקפאָרן. איך בין אַליין מיט אים צוזאַמענגעקומען. איך האָב געזאָגט צו אים, אַז אונזער רב האָט געזאָגט, אַז ער אַליין טאָר דאָס ניט טאָן, ער מוז דערצו האָבן נאָך דריי רבנים, וועלכע מוזן דערויף אויך מסכים זיין. עס וועט אָבער צום ווייניקסטן דויערן אַכט וואָכן צייט, איידער ער וועט ווידער באַקומען אַ תשובה. ער האָט געזאָגט: „פון מיינטוועגן קען איך וואַרטן יאָרן און טעג". איצט האָב איך געהאַט גענוג צייט צו שרייבן קיין אַמסטערדאַם. איך האָב געשריבן קיין אַמסטערדאַם די גאַנצע געשיכטע און האָב געשריבן: „איך האָב גאָרנישט געקענט אויספועלן מיט גוטן, ער וועט געוויס ליבער אַוועקפאָרן פון דאַנען, ווייל ער שעמט זיך זייער, אַ קריסט געבאָרן, אַ ייד געוואָרן און איצט ווידער אַ קריסט געוואָרן, ער האָט מורא פאַר אַ גרויסער שטראָף, איך קען זיך אַליין ניט אָפּגעבן דערמיט. ווען איר זאָלט שרייבן צום מלכות, ווייל ער איז זייער בחסד, וואָלט ער אים געקענט דערצו צווינגען, ער איז האָרפּריזירער ביי די מלכה און זיין טיטל איז קאַמערדינער". איך האָב ניט באַקומען מער קיין תשובה.

אַ יאָר נאַכהער איז דער קיניג אָפּגעפאָרן פון דאַנען קיין ווין, איז אויך געקומען קיין אַמסטערדאַם, און איז געגאַנגען ביי רבי טוביה האַאַג צו באַקוקן זיינע אבנים־טובות. די דאָזיקע פרוי פון דעם דאָזיקן בלאָנדעלן איז געווען דאָרט. די פרוי איז אַוועקגעגאַנגען צום קיניג און האָט אים פאָרגעשטעלט איר נויט, זי האָט געוואָלט פון אים אַ שיידבריוו און ער וויל ניט שטיין פאַרן

ראַבינערגעריכט. דער קיניג איז געווען אַזוי גנעדיק און האָט געזאָגט, זי זאָל ניט זיין באַקימערט, ער וועט איר שוין געבן אַ שייד־בריוו פאַרן ראַבינערגעריכט. דאָ האָבן מיר דערפון גאָרנישט געוואוסט.

דער יוסטיץ־קאַנצלער גראַף וואַכטמייסטער האָט געשיקט נאָך מיר, איך זאָל צו אים קומען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז געקומען אַ בריוו פון קיניג, אַז דעם קיניגס קאַמערדינער האָט אַ יידישע פרוי און אַז דער דאָזיקער קאַמערדינער זאָל זיך לאָזן שיידן פאַרן יידישן ראַבינערגעריכט, זאָל איך מאַכן די נייטיקע הכנות, זיי זאָלן זיך גטן. איך האָב געזאָגט: „דאָס קען אַזוי ניט געשען, דערצו וועט מען מוזן שיקן קיין אַמסטערדאַם אַן עקספּרעס, וועלכער וועט ערשט מוזן פון דאָרטיקן ראַבינערגעריכט אָנערקענט ווערן אַלס פולמעכטיקטער פון דער פרוי, אָדער די פרוי אַליין וועט מוזן אַהער קומען, דאָס וועט קאָסטן אַ סך געלט". ער האָט געזאָגט: „וויפיל אומגעפער?" איך האָב געזאָגט: „אפשר הונדערט שטיק דוקאַטן". האָט ער געזאָגט: „קומט מאָרגן ווידער, וועט איר האָבן אַן ענטפער, דער קאַמערדינער איז פּאָוו ע ר, אָבער די קיניגין האָט געהאַט בריוו פון קיניג, אַז ער זאָל זיך גטן, ווען זי וועט אַלזאָ געבן די הונדערט דוקאַטן, קען זי אים אָפּרעכענען פון זיין לוין". גראָד האָבן מיר דאַן געווען פּאַר אַ ר ב רבי לייב פּינחס. ער איז דאָ געווען שוין עטלעכע ח ד ש י ם. איך האָב דאָס אים געזאָגט, אַז איך וועל אים שאַפן הונדערט דוקאַטן פאַרן גט. ער איז געווען זייער צופרידן. איך בין אַלזאָ אויף מאָרגן ווידער געקומען צום יוסטיץ־קאַנצלער, ער האָט געזאָגט: „אָ, איך האָב אַ אָרדער צו באַצאָלן די הונדערט דוקאַטן". איך האָב געזאָגט, אַז דער ראַבינער האָט ניט קיינע אויסלאַגן, ער מוז די העלפט האָבן פאָרויס. ער האָט געזאָגט: „וועט איר מיר געבן שריפטלעך, אַז ער וועט קריגן אַ שיידבריוו, דאַן וועל איך גלייך באַצאָלן די העלפט". איך האָב געזאָגט, איך וועל מיט אונזער פּריסטער וועגן דעם ריידן. ער האָט געזאָגט: „איך האָב גאָרנישט צו טאָן מיט דעם פּריסטער". איך האָב געזאָגט: „דער פּריסטער דאַרף שיידן". עס איז געבליבן, אַז מיר זאָלן עס ביידע אונטערשרייבן. איך בין אַלזאָ אַוועק מיט דעם רב צום גראַף

וואַכטמייסטער, ער האָט אונז צונויפגעזעצט אַ שריפט און מיר האָבן עס ביידע אונטערגעשריבן, און דער רב האָט באַקומען 50 דוקאַטן און דער יעקב בלאָנדעל האָט געמוזט שטיין פאַרן בית דין לפי דין ודת תורתנו און געמוזט געבן גט, און דער רב האָט באַקומען זיין געלט. דער דאָזיקער בלאָנדעל איז דאָך געבליבן ביי דער קיניגין קאַמערדינער און האָט ווידעל חתונה געהאַט מיט אַ בירגער־טאָכטער; מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געשטאָרבן.

עס איז געקומען אַהערצו אַ מאַן פון שטרעליץ ושמו איז געווען דוד ס. ער האָט געגאָסן אַזעלכע צינערנע שנאָלן און דערמיט געגאַנגען איופן ישוב. ער האָט זיך אָבער דערמיט ניט געקענט מפרנס זיין, איז ער געקומען אַהער און איז אַוועק צו רב אליה שטרעליץ, וועלכער האָט געהאַט אַ טאַבאַק־פאַבריק. ער איז אַוועק צו אים און האָט געבעטן, ער זאָל אים געבן אַ ביסל רויכטאַבאַק און שמעקטאַבאַק אויף קרעדיט, וועט ער דערמיט פאָרן אויפן ישוב. דער דאָזיקער רב אליה האָט אים געגעבן קרעדיט. ער איז אַלזאָ אַרומגעפאָרן איבער די דערבייאיקע קליי־נע שטעטלעך און האָט געמאַכט אָפּזאַץ. אַז רב אליה האָט געזען, אַז ער מאַכט גוטן אָפּזאַץ, האָט ער אים געגעבן אַלץ מער קרעדיט. דער דאָזיקער דוד איז געקומען צו מיר און האָט מיר געבעטן, אַז ער וויל דאָ זיך גערן נעמען קיום, משתדל זיין זיך וועגן וואוינרעכט, אַלס פראָפּנשניידער, אַזעלכע קיומים קאָס־טן ניט פיל, איך זאָל אים געבן אַן אַטעסטאַט, אַז ער איז אַן ערלעכער מאַן, זיסט קען דאָ קיינער קיין קיומים ניט קריגן, אויב ער האָט ניט קיין אַטעסטאַט פון פרנס. איך האָב צו אים געזאָגט: „ליבער פריינד, איך קען אייך ניט, ווי זאָל איך אייך אַטעסטירן, אַז איר זייט אַן ערלעכער מאַן?" ער האָט געזאָגט: „רב אליה שטרעליץ קען מיך פון שטרעליץ, אַז איך בין אַן ער־לעכער מאַן, און גיט מיר פאַר פיל הונדערטער טאָלער טאַבאַק אויף קרעדיט". איך האָב צו אים געזאָגט: „ברענגט מיר בכתב פון ר' אליהן, אַז איר זייט אַן ערלעכער מאַן, אַז ער איז ערב דערפאַר, איך זאָל דערנאָך ניט האָבן קיין אומגעלעגנהייט דער־

פון". ער האָט דאָס מיר געבראַכט בכתב. איך האָב אים געגעבן אַטעסטאַט.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, איז ביי אים מיט ר' אליהן אַרויסגעקומען אַ חתונה. ר' אליה האָט געהאַט זיין חשבון אין אַ בוך, וואָס ער פלעגט אים שטענדיק מיטגעבן, ווען ער פלעגט אָפּפאָרן, און פונקט אַזאַ בוך האָט ער געהאַט אין דער היים, וואו דאָס איז אַלץ אויך געווען איינגעשריבן. זיי זייַנען געקומען צו דער אָפּרעכענונג—האָט ביי ר' אליהן געפעלט איבער 300 רייכסטאַלער. די ביכער זיינען ניט געווען נומערירט, האָט רב אליה אָנגעקלאָגט דודן און עס איז אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז דאָס משפט האָט געזאָגט, זיי קענען דאָ קיין טאָלק ניט דערגיין, זיי פאַרשטייען ניט די העברעיִשע שריפטן; זאָלן עס די יידן פסקענען, ווייל זיי פאַרשטייען די שריפטן. זיי האָבן געזעצט אייניקע מענטשן, מיט וועלכע ביידע צדדים זיינען געווען צופרידן. דער דוד האָט דאָ געהאַט מיט זיך אַ זון ושמו איז געווען מיכל. ער איז שטענדיק אַרומגעפאָרן מיטן פאָטער אויפן ישוב. די דריי מענטשן האָבן מיט זיי ניט געקענט קומען אויף אַ דרך. דער איינער האָט געזאָגט: „מיין בוך איז גערעכט, דען ר' אליה האָט עס אַליין געשריבן, אין זיין בוך קען ער איינשרייבן וואָס ער וויל, דאָס אַרט מיך ניט". זיי האָבן אַלזאָ ניט געוואוסט, ווי זיי זאָלן טאָן. זיי האָבן דעם דודן ניט געוואָלט געבן קיין שבועה, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט שווערן, אַז ער האָט מער ניט באַקומען, ווי עס שטייט אין דעם בוך. אין דעם זעלביקן טאָג האָבן זיי זיי געהייסן גיין אַהיים. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיין זון מיכל איז זייער אַן ערלעכער בחור און גאָטספאָרכטיק. זיי האָבן אים געלאָזט רופן און געזאָגט: „איר ווייסט, אַז המשפט האָט אונז צוגעשיקט, מיר זאָלן די זאַך אונטערזוכן, און אייער פאָטער און רב אליה האָבן אונטערגעשריבן אַ קאָמפּראָמיס, אַז מיר האָבן דעם כוח אַרויסצוטראָגן דעם פסק. איצט ווענדט זיך דאָס אָן אייך. איר זייט געפאָרן מיט אייער פאָטער, זאָלט איר גלייך גיין בבית-הכנסת און אָפּגעבן אַ שבועה, אַז אייער פאָטערס בוך איז גערעכט. אַז עס איז ניט געשען קיין נבל ה-שטיק". דאָס האָט ער ניט

געוואָלט און האָט אויסגעזאָגט, ווי זיין פאָטער האָט עס געמאַכט. זיי האָבן געמאַכט אַלזאָ אַ פשרה, אַז ר׳ אליה האָט דאָך פאַר־לאָרן כמעט 200 טאַלער. אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַט אייניקע הונדערט רייכסטאַלער, האָט ער זיך גענומען קיומים און האָט אַראָפּגעבראַכט אַהער זיין פרוי מיט די איבעריקע 6 קינדער.

עס איז געווען נאָך דער רוסישער מלחמה. דאָ איז גע־ווען צו טאָן מיט וועקסעלי׳, אָבליגאַציעס און רייכסגעלט. קיינער האָט ניט געוואָלט דעם דאָזיקן דודן אָנטרויען עפּעס געלט, ער זאָל קענען גיין געלטער בייטן. ער איז אַוועק צו ר׳ לייב נאַק, וועלכער האָט אים געטרויט עטלעכע הונדערט רייכסטאַלער. אַזוי ווי ער האָט אָבער געזען, אַז ער באַצאָלט אים תמיד ריכטיק און פאַרדינט אים תמיד עטוואָס, האָט ער אים געגעבן גרויסן קרעדיט, פיל טויזנטער רייכסטאַלער. ענדלעך איז מיט איינמאָל געוואָרן צווישן זיי אַ סיכסוך, קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז געווען, און זיינען געוואָרן אומפריינד. ר׳ לייב האָט געזאָגט, אַז ער האָט אים אַזוי באַשווינדלט, אַז ער שעמט זיך גאָר אַזוינס נאָכצוזאָגן. ער האָט עפנטלעך געמאַכט אַ גרויסע נבלה אצל איננו נמלים, וואָס מ׳האָט געקענט אים נאָכ־רעכענען—אויף אייניקע אלפים רייכסטאַלער. קיין ייד האָט מיט אים דאָ ניט געהאַט קיין מגע־ומשא. האָט ער שטענדיק גע־רעדט, אַז ער וועט עס ברענגען אַזוי וויט, אַז אַלע יידן וועלן מוזן פאַרלאָזן די מדינה. אַז ער האָט שוין געהאַט אַ פאַרמעגן, האָט ער געמיינט, אַז ער איז דער גרעסטער מענטש אין דער וועלט. אַזוי איז שוין ביי אַזעלכע לייט, וואָס האָבן אין זייער לעבן גאָרנישט געהאַט און זיינען צו עטוואָס געקומען, דאַן ווייסן זיי ניט, ווי זיך צו האַלטן. ער האָט געמאַכט אַזעלכע באַרימע־רייען, וואָס מען קען זיי ניט אַלע באַשרייבן. ער האָט אויך גע־לאָזט מאַכן אַ זילבערנע בלעך אָנצוהענגען אויף אַ ספר תורה און אַ פרוכת, אָבער קיין ספר תורה האָט ער ניט געהאַט. ער האָט עס געבראַכט אין בית־הכנסת.

דער שמש האָט דאָס געמוזט אויפהענגען. אויף אַ פשוטן פרוכת, פון אַן אַלט קלייד, איז געשטאַנען אויסגענייט: זאת נדב

הקצין ר׳ דודואשתווּבנו. אַזוי איז אויך געווען אויסגעשטאָכן אויף דער זילבערנע בלעך. מען האָט עס אַרונטערגע־נומען און אַוועקגעשיקט צו אים דעם שמש: אויב ער האָט דאָס מנדר געווען אין בית הכנסת, דאַן וועט דאָס פאַרבלייבן און ער וועט דאָס מער קיינמאָל ניט באַקומען; אויב אָבער ער מיינט דאָס ניט אַזוי, דאַן קען ער דאָס צונעמען אהיים, דאָס ווערט ניט אָנגענומען, מיר דאַרפן עס ניט, עס זיינען דאָ אַנדערע כלי־קודש חוץ די. ער איז אַלזאָ אַוועקגעלאָפן מיט דער זילבערנער בלעך און מיטן פּרוכת צום שטאַטהאַלטער מיט גרויסע מסירות און האָט אַלע יידן געלאָזט פאָדערן אין דער שלאָס־קאַנצעלאַריע. דער שטאַטהאַלטער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן. מיר האָבן אים דערקלערט, אַז „זאת נדב" הייסט אַ נדר געטאָן מיט זיין פרוי און קינדער, מוז ער דאָס שוין לאָזן אין שול, ווייל מיר האָבן שוין אין אונזער שול פיל אַזעלכע, אויך מיט נעמען דערויף, אָבער ניט „זאת נדב", דאָס איז אַ נדר; ער אָבער אַלס אומוויסנדער מענטש דיספּוטירט דערקעגן, אַז דאָס איז ניט קיין נדר. דער שטאַטהאַלטער האָט געזאָגט: „איך וועל אייך אַן אַנדער טאָג געבן אַ תשובה." מיר זיינען אַוועק אַהיים. דער שטאַטהאַלטער האָט געשיקט צום רב אַ צעטל, ער זאָל לאָזן ויסן, וואָס באַטייטן די ווערטער „זאת נדב", האָט דער רב אָנגע־שריבן, אַזוי ווי מיר האָבן געזאָגט. ער האָט אַלזאָ ווידער גע־לאָזט רופן דעם דאָזיקן ס. און האָט אים געזאָגט, ער זאָל אויס־מעקן דעם „זאת נדב", דאַן וועט דער פּראָצעס זיין אויס. אַזוי איז דאָס געבליבן, ער האָט אַלזאָ דעם „זאת נדב" אויסגעמעקט.

אין אייניקע חדשים אַרום האָט מען צונויפגערופן דאָס קהל און די גאַנצע אסיפה און אַלע בעלי־בתים; אים האָט מען אויך גערופן. ער איז אויך געקומען מיט זיין איינציקן זון, אויך דער איז געווען אומבעפרייט. ער האָט זיך געשאַפט פון הערצאָג קאַרל אַלס אַ kypaчe פאַר אים אין זיין קיך, דען ער איז ניט געווען קיין בעל־קיומים. קהל האָט געזאָגט: „איר זייט אַהער ניט גערופן געוואָרן, איר קענט דאָ ניט בלייבן, איר זייט ניט קיין בעל־הבית און קיין בעל־קיומים", דאָך האָט

דער דאָזיקער שנאָלנמאַכער אָנגעהויבן צו שרייען און גענומען זיין שטעקן און אויסגעשלאָגן צוויי פענסטער און געשריען גוואַלד און איז אַרויסגעשפּרונגען דרויסן און האָט נאָך אויף דער גאַס אַלץ געשריען גוואַלד. קיין מענטש פון אונז האָט קעגן אים קיין וואָרט ניט גערעדט. דער גרעסטער טייל אונזערע זיינען געזעסן אַרום טיש; דער ש מ ש האָט געזאָגט: „ווי איך האָב אים נעכטן באַשטעלט, ער זאָל קומען צו דער א ס י פ ה, האָט ער געזאָגט: איך וועל קומען, איך וועל זיי אויך די פענסטער אויסשלאָגן”. מיר האָבן אים אָנגעקלאָגט אין פּאָליציי, ער האָט באַקומען אַ פּסק, ער זאָל בעטן מחילה אין שול און געבן 50 רייכסטאָלער אין ק נ ס. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַפּעלירן, אָבער קיינער פון ק ה ל האָט ניט געוואָלט פירן ווייטער קיין פּראָצעסן און דערביי איז געבליבן, דען ער האָט באַקומען אַזוי פיל ז י ל ז ו ל י ם אין פּאָליציי, אַז מיר אַליין האָבן זיך געשעמט, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין חרפה און קיין בושה.

נאָכהער האָט ער שוין געלאָזט מאַכן אַ שילד איבער זיינע פענסטער אין זיין דירה און דערויף איז געווען אויסגעמאָלט אַלע סאָרטן געלט, און האָט אָפּגערעדט מיט אייניקע סוחרים, אַז ווען זיי וועלן וועקסלען, זאָלן זיי ניט נעמען קיין רייכסגעלט, נאָר זיי זאָלן פאָדערן באַנקאָגעלט. ער וועט ביי זיי דאָס באַנקאָ ווידער אָפּקויפן מיט פאַרדינסט. זיי האָבן דאָס געטאָן. האָט דאָס באַנקאָ טעגלעך, גענומען שטייגן; ווער ס'האָט געוואָלט וועקסלען און האָט ניט געקענט באַקומען, האָט געמוזט גיין צו דעם שנאָלנמאַכער און האָט אים געמוזט באַצאָלן, וואָס ער האָט געוואָלט. דער קיניג האָט דערהערט אַזעלכס אַז דער קורס שטייגט פון טאָג, דאָס איז געווען אומבאַשרייבלעך. מען האָט געזאָגט דעם קיניג, אַז די יידן זיינען אין דעם שולדיק, זיי האָבן אָפּגעמאַכט מיט סוחרים, אַז זיי ווילן אויפטרייבן דאָס באַנקאָ, זיי האָבן אַפילו שילדן איבער די טירן און אָפּגעמאָלט אַלע סאָרטן געלטער. עס איז אַרויס פון קיניג אַ באַפעל, אַז נאָכדעם ווי די יידן האָבן באַקומען אַ ח ס ד צו וואוינען דאָ אין דער מ ד י נ ה, אַזוי ווי אָבער זיי האָבן געהאַנדלט קעגן די

לאַנדגעזעצן און אויפגעריכט אַ וועקסלבאַנק , וועלן זיי מוזן
פאַרלאָזן די מ ד י נ ה, ווי נאָר מען וועט הערן, אַז נאָך איינ=
איינציקער וועט אויסבייטן אַ שטיבער, אויך זאָלן זיי תיכף אַראָפּ=
נעמען די שילדן. דער דאָזיקער קיניגלעכער באַפעל איז געווען
זייער שאַרף, איז געווען אָפּגעדרוקט און אַריינגעקומען אין דעם
וואָכנבלאַט. עס איז געווען זייער פיל ר ש ע ו ת צווישן דעם
ע ו ל ם, זיי האָבן געזאָגט, אַז יידן זיינען שולדיק , מען מוז
זיי אַלעמען אַרויסיאָגן פון דער מ ד י נ ה. ק ה ל איז זיך גלייך
צוזאַמענגעגאַנגען, זיי האָבן געמאַכט אַ סופליק צום קיניג און
אַריינגעשטעלט די דאָזיקע סופליק אין וואָכנבלאַט, זיך פאַרטיי=
דיקט, אַז קיינער פון אַלע יידן, וואָס וואוינען דאָ, האָט זיך ניט
אָפּגעגעבן מיט וועקסלען חוץ דעם דוד'ן, מען האָט אים אָפּט
געוואָרנט, ער זאָל אַראָפּנעמען די שילד, די וועלט רעדט אַזוי
פיל פון אים, אָבער ער האָט זיך דערפון ניט באַקימערט.

דער דאָזיקער דוד איז גערופן געוואָרן צום שטאַטהאַלטער
אין קיניגס נאָמען; מען האָט געזאָגט,, אַז דער שטאַטהאַלטער
האָט געהאַט אַן אָרדער אים אָנצוזאָגן, ער זאָל פאַרלאָזן די
מ ד י נ ה ; דער שטאַטהאַלטער אָבער איז געווען זייער אַ בראַווער
מאַן און האָט אים געהאָלפן; קיין ייד איז ניט געווען מער
דערקעגן. ווען די יידן וואָלטן אויף אים געוואָלט אָנגעבן
מ ס י ר ו ת, וואָס ער האָט שוין דאָ אַלץ אָפּגעטאָן, וואָלט ער גע=
וויס געמוזט אַרויסגעשיקט ווערן פון דער מ ד י נ ה. עס איז אָבער
געווען א י ן ו ג ם א ח ד, וואָס איז אים געווען דערווידער,
וואָרעם ער האָט עס צען טאָפּלט פאַרדינט און פריער
זייער פיל גערעדט קעגן אַלע יידן. ער האָט אַלץ געזאָגט, אַז
ער וועט עס נאָך אַזוי ווייט ברענגען , אַז אַלע יידן זאָלן
אַרויסגעשיקט ווערן פון דער מ ד י נ ה, ער איז געווען ממש אַ דו=
לער מענטש, אַלץ נאָר גרויסע גאווה, מען זאָל פאַר אים מורא
האָבן. ווי דאָס האָט אים אָבער פאַסירט, איז ער געוואָרן אַ ביסל
שטילער און האָט מער ניט גערדראָט, אָבער ווען ער פלעגט
באַגעגענען איינעם פון ק ה ל אויף דער גאַס, פלעגט ער אים שילטן
מיט ק ל ל ו ת נ מ ר צ ו ת , האָבן זיך די ק ה י ל ה=ל יי ט באַקלאָגט

ביי דעם שטאַטהאַלטער, דאַן האָט מען אים אָנגעזאָגט פון שלאָס־קאַנצעלאַריע, אַז וויבאַלד איינער פון די עלטסטע פון די יידן וועלן זיך אויף אים קלאָגן, וועט מען אים אָן דין און אָן משפט אַריינזעצן אין תפיסה, ערשט דאַן איז ער שטיל געוואָרן.

אויך איז געווען איינער, וועלכער האָט געהייסן משה פיי־העס, דער האָט אויך אַלע וואָך געלאָזט שטעלן אין טאָגבלאַט, אַז ער בייט אַלע סאָרטן געלט. אים איז דאָס אויך פאַרבאָטן געוואָרן ביי אַרויסשיקן פון לאַנד. ער איז דלפן, האָט שוין איינמאָל פליטה געמאַכט די היגע יידן, דער האָט דאָסגלייכן פיל מעשות געמאַכט, ער איז ניט קיין ייד ניט קיין קריסט. דער איז אָבער באַלד שטיל געוואָרן; עס האָט לאַנג ניט געדויערט, איז ער אַריינגעקומען אין תפוס דורך חובות.

אַזעלכע שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן אַרומגעלאָפן דעם גאַנצן עולם, האָבן געמאַכט רמאות, האָבן זיי זיך געמאַכט דורך זייערע רמאות אַ ביסל געלט, וואָס זיי זיינען ניט געוויינט געווען עטוואָס צו האָבן, האָבן זיי געוואָלט יעדערן טאָן צו להכעיס און שפילן דעם גרויסן מאַן. דאָס האָט זיי אָבער ניט געלונגען און איצט טוען זיי עס שוין קיינעם ניט, זיינען גאַנץ שטיל, וואָרעם זיי קענען גאָרנישט פועלן, דען זייערע געדאַנקען האָבן זיי אָפגענאַרט.

די דאָזיקע זיינען די בעלי־בתים, וואָס וואוינען דאָ, און בעלי־קיומים און בייזיצער, אויך הרב און משועבדים והמלמדים, וואָס געהערן צו דער אויפגעריכטער שול, וועלכע ווערן באַצאָלט פון יעדעס קינד:

1) אַני אהרן בריצען בעל־קיומים און נושא בעול.
2) חותני יצחק 3) מחותני בענדיקס 4) בנו זיסקינד 5) וחותנו רבי יצחק 6) רב גומפרעכט כץ 7) חותנו שמואל כץ 8) ר׳ לייב נאָרקעפינג, 9) ר׳ יוסף סגל 10) הירש בר׳ יואל 11) ר׳ יעקב וואַרשוי 12) ר׳ אברהם כהן 18) ר׳ לייב לאַם 14) ר׳ אהרן לאַם, ברודער פון לייב 15) ר׳ דוד לאַם. 16) ר׳ דוד שטרעליץ 17) ר׳ אהרן ווייסעל 18) ר׳ יואל צאָנדאָקטאָר 19) ר׳ משה פאָקעס 20) ר׳ זלמן שווערין 21) ר׳ יצחק דרוקער 22) ר׳ יעקב דאַנציגער 23) ר׳ הירש קאַרלסקראָן 24) ר׳ לייב, איידעם פון דוד לאַם

25) אהרן, זון פון לייב לאַם 26) וחותנו ר׳ שלום פ״ח 27) וחותנו זלמן פערלבערג 28) ר׳ לייב דעמיץ 29) מאַנעס קריוויטס 30) בנו פייטל קריוויטס 31) בנו בנימין קריוויטס 32) ר׳ שמואל ביצאָוו 33) ר׳ שלום, איידעם פון קויפמאַן 34) ר׳ הירש, איידעם פון מאַנעס קריוויטס 35) ר׳ יעקב נאָרקעפינג, איידעם פון מאַנעס קריוויטס 36) ר׳ שמואל בן ר׳ קאָפּל 37) ברוך בן מאַנעלע 38) ר׳ אברהם בן ברכיה 39) ר׳ קויפמאַן 40) ר׳ יצחק פ״ח 41) ר׳ יעקב סג״ל 42) ר׳ הירש סג״ל 43) ר׳ יוסף מאַרשטראַנד 44) ר׳ שלמה כץ 45) ר׳ הירשל 46) ר׳ טעוועלע 47) ר׳ רפאל 48) ר׳ לייב קאַרלסרוה 49) ר׳ אברהם קאַרלבערג 50) ר׳ יעקב קאַרלסרוה 51) ר׳ אליה מאַלכין 52) ר׳ שלמה פאָפלע שוואַקסמאַכער 53) ר׳ גדליה 54) ר׳ לייב שעכטער 55) ר׳ רעוול 56) ר׳ מאיר שמש 57) ר׳ שלמה נאָרקעפינג 58) ר׳ אליעזר 59) ר׳ מיכל העלסינגער 60) ר׳ דוד מאַלכין 61) ר׳ זוסמאַן 62) ר׳ חיים צאָנאַרצט 63) ר׳ מיכל שטרעליץ 64) ר׳ מאיר שטרעליץ 65) ר׳ הירש שטרעליץ 66) ר׳ יצחק שטרעליץ 67) ר׳ חיים שיק 68) ר׳ נתנאל צאָנאַרצט 69) ר׳ אברהם קאַרלסרוה.

נון בין איך אַלט 73 יאָר, האָב איך חותני יצחק און מיין ברודערס איידעם בענדיקס, וואָס זיינען מיינע חברים, האָב איך איבערגעגעבן אַלע משא־ומתן. אויך האָב איך געמאַכט אַ צוואה, אַז לאחר מותי קען זיך קיינער ניט מאַלירן מיט זייער משא ומתן אָדער זען זייערע ביכער, דען די קנאה ושנאה איז ביי זיי צו גרויס. זיי זיינען ווי זייער געבירט איז.

עס האָט זיך אַצונד געפונען אַ שפל ומשפל ושמו משה פייהעם אָדער משה פאַקעס, אַ מסור, וועלכער איז אַוועק מיט מסירות קעגן אָרעמע לייט, וואָס האָבן דאָ געוואוינט שוין כמה שנים, אַז זיי זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן פון דאַנען, זיי גיבן ניט קיין קאָנטריבוציע, זיי טרייבן האַנדל מיט פרעמדע סחורה, וואָס זיינען פאַרבאָטן. אמת, ער האָט נאָך גאָרניט אויסגעריכט, די לייט האָבן זיך פאַרטיידיקט סיי אין דער פּאָליציי סיי ביי דער עצה, אָבער דאָס קהל האָט דערצו גאָרנישט געטאָן, און איך האָב גאָרנישט צו טאָן מיט קיינערליי זאַך.

איך האָב מיר פאָרגענומען פאַר כמה שנים — בסודם אל תבא נפשי בקהלם אל תחד כבודי. מיינע חברים זיינען ברוך השם אָנגעזען אצל חצר המלכות. חברי מיכל בענדיקס איז אצל המלכות הויפיוועליר. המלכות ירום הודו קויפט ניט אַפּילו פאַר פרוטה אחת מן נמלים ואינו נמלים חוץ אונז. והמלכה וכל שרים והשם יוסיף עלינו, דען מיר זיינען ברוך השם ערלעכע לייט און האָבן קיינעם ניט צו באָענט געטאָן. הללוך זר ולא פיך.

ביז אַהער, נאָך פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר 5561 בין איך מיט מיין חברי בענדיקס געפאָרן אויף דער לייפּציגער אָסטער-מעס, אָבער דאָס יאָר 5562 איז בענדיקס אַליין געפאָרן אויף דער אָסטערמעס. ער פאַרשטייט איצט דעם האַנדל מיט אבנים-טובות אַזוי גוט ווי דער בעסטער און עלטסטער יוּוועליר. והשם מצליח דרכו לביתו בשלום. ער האָט זיינע אבנים-טובות און פער-לען לביתו געשיקט, מיט וואָס מיר זיינען זייער צופרידן.

איך האָב זייער פיל צו שרייבן, וואָס איך האָב געטאָן לפני כל היהודים, וואָס אַזוי לייכט צווישן כל עדתנו האָט ניט געקענט טאָן, און האָב יעדן כל טובות געטאָן, כל מה שביכולתי. זיי האָבן מיר משלם רעה תחת טובה געווען, אָבער הקדוש ברוך הוא ברוב רחמיו וברוב חסדו דאָט מיר מצליח געווען בכל דרכי.